STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09592

TSVISHN NEKHTN UN MORGN

Nechemias Zucker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמיה צוקער

צווישן נעכטן און מארגן

(דערציילונגען און אַ דראַמע)

◆

אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אַלס מתּנה
צום פופציקסטן געבורטסטאָג פון אויטאָר.

בוענאָס איירעס

נאָוועמבער 1946

NECHEMIAS ZUCKER

ENTRE EL AYER Y EL MAÑANA

(NARRACIONES)

Printed in Argentine, Copyright
by N. Zucker.

EDITADO POR EL COMITE DE HOMENAJE AL AUTOR, EN EL 50º ANIVERSARIO DE SU NACIMIENTO.

Buenos Aires

1946

אינהאַלט:

זייט

ש. ביאַלי — אַ וואָרט וועגן בעל-יובל — — — —	5
ר' יוסף ענגל און זיין זון — — — — — — — — —	9
דער ליידנסוועג פון דוד האָלצמאַן — — — — —	25
מען דאַרף רחמנות האָבן... — — — — — — — — —	41
אַ זון אַ דאָקטאָר — — — — — — — — — — — —	61
דער אונטערגאַנג פון אַרטיסט יאָזעף אונגער —	73
דאָן כעראָנימאָ — — — — — — — — — — — —	81
צווישן נעכטן און מאָרגן — — — — — — — — — —	93
אין בלוטיקן געראַנגל (דראַמאַטישער מלחמה-רע־פּאָרטאַזש אין אַכט בילדער מיט אַ פּראָלאָג) —	131

די באַטייליקטע אין געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט צו באַערן נחמיה צוקער מיט אַ חברלעכן באַנקעט (דעם 30־טן נאָוועמבער) צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג און אַרויסצוגעבן צוויי ביכער פון זיינע שאַפונגען א. ט.:

צווישן נעכטן און מאָרגן (דערציילונגען)

מוטער און קינד (ראָמאַן)

עקזעקוטיוו:

פּרעזידענט — — — — — — — — — — סאַלאָמאָן קוועלער
סעקרעטאַר — — — — — — — — — — שמואל ביאַלי
וויצע־פּרעזידענט — — — — — — — — — אַדאָלפאָ רובעל
" " — — — — — — — — — ענריקע קאַמערמאַן
קאַסיר — — — — — — — — — — — מאַקסימאָ קופּפערשמידט
פּראָ־קאַסיר — — — — — — — — — אָסקאַר שוואַב
סעקרעטאַר אין שפּאַניש — — — — — — — מישאַ שוואַרץ

פּלענום:

דוד אייזענבערג
אינזש. ס. איקאָניקאָף
מאַקס אָרלאַנסקי
יעקב באַטאַשאַנסקי
אלימלך גוטקין
מאַרקאָס גוטענמאַכער
עליאַס גלאַובערמאַן
דוד הירש
אברהם וויינשטיין
סאַלאָמאָן יאַנקעלעוויטש
סאַלאָמאָן מאַלקעס
יוסף מענדעלסאָן
ניו־יאָרק:
ראובן גוסקין
דר. טשאַרלז וו. גראַל
מאָריס שוואַרץ

דר. משה מערקין
לעאָן נאַרעפּקין
מאַוריסיאָ סאַסין
יאַשאַ קאָהן
ב. קאָלער
משה קאַסנער
יעקב קערמאַן
לואיס קריוואָרוטשקי
מאַרקאָס רעגאַלסקי
מ. ס. שעכטער
ישראל שרייבער הלוי
בניציון שרייבער הלוי
בראַזיל:
לואיס בראַכמאַן
מאַרקאָס יאַקאָבאָוויטש
דן לייסטנער

בוענאָס איירעס, 1946.

אַ וואָרט וועגן בעל - יובל

אויב מען וויל ריידן וועגן דער אַרבעטסזאַמקייט פון שרייבער און קולטור-טוער, מוז מען צוגעבן, אַז אויף די געביטן, איז נחמיה צוקער, אונדזער היינטיקער בעל-יובל, אַן אמתער האָרעפּאַשניק.

באַקענט האָב איך זיך מיט נ. צוקער אין יאָר 1930, ווען ער האָט געהאַט אַ גוטע פּרנסה פון מסחר, צו וועלכן ער האָט זיך בלויז אָפּגעגעבן האַלבע טעג, אין די פרימאָרגן-שעהן.

געקומען פון זיין געבורטס-שטאָט קראָקע (1923), האָט שוין צוקער מיטגעבראַכט מיט זיך זיינס אַ געדרוקטע דראַמע „חליצה" און זיין נאָמען איז שוין דאָ געווען באַקאַנט אַלס ליטעראַט און דראַמאַטורג. באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהער, האָט ער דאָ מיט דער מיטהילף פון אַנדערע, געשאַפן דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע", וואָס האָט זיך שפּעטער געשפּאָלטן און עס זיינען געבוירן געוואָרן פאַרשידענע אַנדערע דראַמאַטישע קרייזן, ווי „פרייהייט", „מוזע", „אַוואַנגאַרד", „וואַרשעווער קלוב" און שפּעטער „יונג-אַרגענטינע" און צוקער האָט אייפעריק מיטגעאַרבעט אַלס רעזשיסאָר, אויפירנדיק זיינע אייגענע און אויך פרעמדע פּיעסן, און גלייכצייטיק האָט זיך צוקער באַטייליקט אין פאַרשידענע אויסגאַבן, געווען מיטרעדאַקטאָר פון צייטונגען און זשורנאַלן, ביז ענדלעך, 1930 האָב איך אים געטראָפן אַלס רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דעם הומאָריסטישן וואָכנבלאַט „דער קונדאָס", צו וועלכן ער האָט מיך צוגעצויגן אַלס אַדמיניסטראַטאָר.

צוקער האָט דעמאָלט געוואוינט אין אַ פאַרוואָרפן געסל אין געגנט פון פאַרקע פּאַטריסיאָס, אָבער דאָס פאַרוואָרפענע געסל איז שנעל געוואָרן פּאָפּולער און היימיש פאַר אידישע שרייבער און אַקטיאָרן און מען קאָן זאָגן, אַז צוקערס דעמאָלטיקע באַשיידענע דירה, איז געווען דער סאַלאָן פון דער יונג-אידישער גייסטיקער עליטע אין ב. איירעס, וואו שרייבער און אַרטיסטן האָבן זיך ביי אָפטע צוזאַמענקונפטן און חברשע שמחהלעך, געפילט ווי ביי זיך אינדערהיים.

צוקער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכלעך מיט איינאַקטערס און ער האָט שוין געהאַט אויפגעפירט אַ

רייע פון זיינע דראמאטישע שאפונגען און זיינע לידער און פאראדיעס וואס ער האט געהאט געדרוקט צוערשט אין „פנימער און פנימלעך" און דערנאך אין „קונדאס" זיינען געווען זייער פאפולער און זיינען געזונגען געווארן אויף א סך געזעלשאפטלעכע שמחות.

דער „קונדאס" האט געהאט א קאלאסאלע פארשפרייטונג סיי אין שטאט ווי אויף דער פראווינץ, אבער צוקער האט זיך נישט געקאנט באפרידיקן מיטן בלויזן ארויסגעבן פון דעם זשורנאל און דערווייל האט זיך אונטערגערוקט א כאאס אין אידישן טעאטער-וועזן און צוקער האט זיך מיט זיין גאנצער ענערגיע און פולער קעמפערישקייט אריינגעווארפן אין דער ארבעט צו ארגאניזירן די אידישע אקטיארן און מיט דער אקציע, איז צוקער ארויף אויף א נייעם געביט פון וויכטיקער געזעלשאפטלעכער קולטור-טעטיקייט, זיין ארבעט האט געהאט דערפאלג, די אקטיארן האבן זיך ארגאניזירט און צוקער האט געמוזט נאכגעבן זייער פארלאנג, צו בלייבן דער אנפירער און פארוואלטער פון פאראיין.

די קאמפליצירטע טעטיקייטן אלס פארוואלטער פון אקטיארן פאראיין, האבן ביי צוקערן צופיל צייט צוגענומען און עס איז אים געבליבן אויסצוקלויבן וועלכע ארבעט ער זאל אוועקווארפן, כדי צו קענען דערפילן דאס וואס איז פאר אים וויכטיקער.

די אנפירערשאפט פון אקטיארן פאראיין וועלכן ער האט ארגאניזירט, איז ביי אים געווארן א ליידנשאפט; פון שרייבערישן דראנג קאן ער זיך נישט באפרייען און דאס רעדאקטירן דעם „קונדאס" פארנעמט אויך צייט, בלייבט אלזא נישט עפעס אנדערש, ווי אפזאגן זיך פון זיין מסחרן און ער הויבט טאקע באלד אן ליקווידירן זיין געשעפט, ער באצאלט אלע חובות און ער פרייט זיך, וואס כאטש געבליבן א קבצן, אבער קיינעם נישט שולדיק געבליבן קיין סענט...

איי, עס קומט אים דערנאך אוים צו ליידן מאטעריעל?, אבער וואס פאר א באטרעף האט עס קעגן דער פרייד, ווען ער גיט ארוים אין 1933 זיין בוך „שפאס און ערנסט"? און בלויז א פאר חדשים שפעטער, זיין בוך „פאר דראמקרייזן" מיט זיינע צען איינאקטערס, וועלכע ווערן געשפילט אין ארגענטינע, איבעראל וואו עס איז נאר פאראן א ליב-האבער-קרייזל?

און צוקער וויים, אז עס איז גוט ווען מען האט א סך געלט, אבער ער טענהט: געלט איז טאקע א גרויסע באקוועמלעכקייט, נאר צי גיט עס דען דאס אמתע גליק? איז וואס, אז איך גיב אוועק אביסל פון אט-א דער באקוועמלעכקייט, פאר דעם אמתן גליקלעכן געפיל,

וואָס פּילט מיך אָן, ביי יעדן דרוקבויגן וואָס דערשיינט פון מיינס אַ שאַפונג?...

און אַט דערשיינט צוקערס בוך „פון אַלץ צי ביסלעך” (1935) און עטלעכע חדשים שפּעטער, זיין דראַמע „אין נאָמען פון גערעכ־טיקייט” און באַלד דערויף דערוואויסט מען זיך פּלוצלינג, אַז צוקער האָט אָרגאַניזירט אַ קאָלעקטיוו פון שרייבער און דרוקער־אַרבע־טער, כדי אַרויסצוגעבן אַ נייע טאָג־צייטונג און עס הויבט טאַקע באַלד אָן דערשיינען די „מאָרגנצייטונג”, אין וועלכער צוקער פאַר־עפנטלעכט אַ חוץ זיינע טעגלעכע זשורנאַליסטישע אַרבעטן, צענד־לינקער דערציילונגען, סקיצן, הומאָרעסקעס און לידער, ביז עס ענ־דערט זיך די ריכטונג פון דער צייטונג און צוקער קאָן זיך נישט אונטערוואַרפן די נייע באַדינגונגען און ער בלייבט אָן אַ טריבונע.

די פּריוו־געבליבענע צייט, פאַרווענדט איצט צוקער פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַקטיאָרן פאַראיין, עס ווערט געשאַפן אַ צען־סענטן פאָנד און ענדלעך האָט שוין דער אַקטיאָרן פאַראיין אַן אייגענעם בנין און ביי יעדער געלעגנהייט שאַצט דער פאַראיין אָפּ צוקערס לייסטונגען און אין די ליטעראַרישע קרייזן גלויבט מען, אַז צוקער האָט זיך מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט רעדוצירט צום בלויזן אַרויסגעבן דעם חודש־זשורנאַל „טעאַטער”.

באַלד דערוואויסט מען זיך אָבער, אַז צוקער אַרבעט איבער אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן וועגן אַן אַקטריסע און זיכער נישט אָן שוועריק־קייטן, דערשיינט ענדלעך זיין גרויס ווערק „פיר דורות אידיש טעאַ־טער” (די לעבנסגעשיכטע פון זינאַ ראַפּעל), אַ ווערק וואָס האָט אויף ליבהאָבער פון אידישן טעאַטער געמאַכט אַ גרויסן רושם.

אַ יאָר שפּעטער (1945) אַרבעט צוקער איבער אַ ווערק „פּנקס גאַליציע” וואָס דער גאַליציאַנער פאַרבאַנד גיט אַרויס און באַלד דערשיינט אויף צוקערס איניציאַטיוו און אונטער זיין רעדאַקציע דער ערשטער אידישער „יאָר־בוך” פון אַרגענטינער אידישן ישוב און כמעט גלייכצייטיק, רעדאַקטירט ער אויך די מעמואַרן פון אַר־טיסט־וועטעראַן בנציון פּאַלעפּאַדע און עס דערשיינט דאָס בוך: „זכרונות פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אידיש טעאַטער”.

און כדי זיך צו איבערצייגן, אַז ז. צוקער איז טאַקע דער אמתער האָרעפּאַשניק, דאַרף מען נאָר באַזוכן זיין שרייב־צימער און זען די פילע ליטעראַרישע אַרבעטן זיינע, וועלכע זיינען נאָך נישט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן און מען וועט זיך מוזן וואונדערן, ווען און ווי אַזוי, האָט צוקער דאָס אַלץ באַוויזן, ווען מען זעט אים אַזוי אָפט ביי פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן און מען טרעפט אים אַזוי אָפט שפּילן זיין באַליבטע שפּיל אין שאַך און אַפילו גלאַט

אַזוי, ביי אַ קאָוועלע, מיט חברים שרייבער אָדער אַרטיסטן, קיבעצנדיק זיך אין אַ לייכטן געמיט.

פרייט עס מיך באמת וואָס אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גרויסער כבוד, אויסצוקלויבן פון צוקערס שאַפונגען די עטלעכע דערציילונגען וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן און די מלחמה־דראַמע, וועלכע איז געשריבן געוואָרן אין 1943 פאַר אַ גוטן צוועק און צוקער האָט בלויז אין 1945 געטוישט אַ ליד און אַריינגעגעבן אויף דעם פּלאַץ דאָס באַרימטע פּאַרטיזאַנען־ליד פון הירשל גליק און אויך דעם ראָמאַן „מוטער און קינד", פאַקטיש דער ערשטער ראָמאַן פון אידישן אימיגראַנטן־לעבן אין אַרגענטינע און אַדאַנק דעם קאָמיטעט, וועלן מיר דאָס קענען צוטראָגן ווי אַ בינטל בלומען פון זיין אייגענעם גאָרטן, אַלס מתנה פאַר דעם אַרבעטזאַמען מחבר, צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג, מיט דער ברכה, אַז ער זאָל לאַנג לעבן און נאָך אַ סך אַ סך שאַפן צום כבוד פון אונדזער יונגן אידישן ישוב!

שמואל ביאַלי

סעקרעטאַר פון קאָמיטעט

ר׳ יוסף ענגל און זיין זון

— א —

דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין דעם לאַנגן און רומפולן לעבן פון ר׳ יוסף ענגל.

פריער ווי געווײנלעך, ווען אינדרויסן איז נאָך געווען גוט פינצטער, כאָטש די אלול־טעג זיינען נאָך געווען גרויסע, איז ר׳ יוסף, א פלאַטערנדיקער פון נחת און חדוה אויפגעשטאַנען און עטלעכע מינוט שפּעטער, האָבן זיך שוין געהערט די הארציקע טענער פון זיין תהילים־זאָגן. די טענער זיינען געווען אזעלכע ציטערנדיקע, דינע און בויגעוודיקע, אז זיי האָבן זיך דורך די טיר־שפּאַרעס פון זיין חדר דורכגעגנבעט און ארומוויברירט אין אלע חדרים פון זיין גרויסער רחבותדיקער וואוינונג.

היינט האָבן די טענער באזונדערס הארציק געקלונגען.

א הארציקער נחת האָט אָנגעפילט זיינע רמ״ח אברים און עס איז אים געווען ווי נאָר צום זינגען און וויינען, וויינען און זינגען. און כאָטש זיין כוונה ביים תהילים־זאָגן איז געווען נישט שוואכער ווי אַלעמאָל, פונדעסטוועגן האָט דורך דער גאנצער ערנסטער כוונה פון צייט צו צייט דורכגעבליצט א פריידיקער געדאַנק וואָס האָט זיך אין אים צעזונגען:

— „געלעבט און זיך דערלעבט!...״

איז ער אזוי געגאַנגען אויף און אָפּ אין זיין גרויסן חדר, געשפּרייט די צאַרטע תהילים־געזאַנגען ארום זיך און פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים פענצטער, ארויסגעקוקט, די טענער האָבן זיך דורך די שויבן דורכגעריסן און ארומשוועבנדיק א ווייל אין דער נאַכט־פינצטערניש, האָבן זיי פון ערגעצוואו דעם מאָרגנשטערן ארויסגערופן און דער מאָרגנשטערן האָט צוערשט א ציטערנדיקער און שרעקנדיקער אראָפּגעקוקט צו ר׳ יוספן אין פענצטער אריין, נאָר אזוי ווי די טענער וואָלטן אים בארואיקט, האָט ער זיך אראָפּגעלאָזן נידעריקער, נידעריקער און אָנזאָפּנדיק זיך מיט נחת פון ר׳ יוספס תהילים־זאָגן, האָט זיך דער מאָרגנשטערן ערשט פריידיק צעשטראַלט און צעפינקלט.

גענענדיקט דאָס תהילים־זאָגן, האָט ר׳ יוסף אַ פיר־נעטאָן מיט דער האַנט איבער דער שויב, אָפּגעווישט פון איר די פּאַרלאָפענע פּאַרע און אַ העלער ליכ־טיקער פּאַס האָט זיך דורך שטיקער וואָלקן דורכגעריסן און צוגעשיקט פון ווייטן מזרח גרוי־בלויע שטראַלן, וועלכע האָבן זיך ביי ר׳ יוספן אין חדר געפּילט ווי אומזיכער און געפּרואווט זיך פון צייט צו צייט אויסלעשן. נאָר ר׳ יוסף האָט אָנגעהויבן זאָגן „ברכות־התורה", די ווערטער ווי פאַרזיכטיק געקליבענע פּערל, האָבן די שטראַלן צוריק אָנגעצונדן און באַוואיקט און זיי האָבן זיך וואָס ווייטער ליכטיקער צעשמייכלט.

ר׳ יוסף האָט געזאָגט קריאת־שמע של שחרית און אַ ליכטיק צעשטראַלטע זון האָט מיט אירע גאָלדענע הענט ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט אַ נייעם טאָג.

— ב —

די היינטיקע אויסערגעוויינלעכע שמחה פון ר׳ יוסף ענגל איז נישט געווען אומזיסט.

זיין איינציקער זון, פּנחסל, האָט נעכטן באַקומען אַ „היתור־הוראה" און ביז איצט קלינגען אים אין די אויערן די ווערטער פון דער שיינער דרשה, וואָס זיין פּנחסל האָט געהאַלטן פאַר די פאַרזאַמלטע רבנים און די שאַרפזיניקע תי־רוצים וואָס ער האָט אויף זייערע שאלות געענטפערט.

צייטנווייז האָט זיך ר׳ יוספן אויסגעוויזן, אַז נישט פּנחסל ווערט דאָ פאַר־הערט, נאָר ער פאַרהערט גאָר די אַלטע רבנים און אַז נישט זיי דאַרפן אים אַרויסגעבן אַ היתור־הוראה, נאָר פאַרקערט, ער זיי. עס איז נישט געווען די שאלה, ער זאָל נישט אויף איר באַלד, תיכף־ומיד אָפּענטפערן און אָפּגעענטפערט האָט ער אַזוי, אַז ער אַליין האָט זיך עטלעכע מאָל צוריק אָפּגעפרעגט און אַזוי סונציק שאַרפזיניק ווידער אָפּגעענטפערט, אַז די רבנים זיינען געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער פון פאַרוואונדערונג; זיי האָבן שוין נישט געהאַט וואָס אָפּצו־פרעגן און עס איז זיי נישט געבליבן מער צו טאָן, ווי בענטשן דעם פאָטער, וואָס האָט זוכה געווען מגדל צו זיין אַזאַ זון.

אוודאי איז די פרייד פאַר אַ פאָטער וואָס דערלעבט אַזאַ נחת ביי זיין זון גאָר גרויס.

ביי אַ סך שאלות וואָס די רבנים האָבן פּנחסלען געשטעלט, איז ר׳ יוסף געזעסן מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם; דאָס האַרץ האָט זיך אַזוי גיך גענומען באַוועגן: ווער ווייס? ער קען זיין קינדס שאַרפן קאָפּ, אָבער ער איז דאָך פאָרט נאָך קיין גאַנצע 17 יאָר נישט אַלט און די בלויסע שרעק פאַר די רבנים. פאַר זייערע שטרענגע אַרויספאָדערנדיקע בליקן, קאָן דעם יונגן מתמיד מבלבל זיין. עס האָט זיך אים טאַקע בסדר אויסגעוויזן, אַז זיי זיינען צו שטרענג צו דעם

יונגן מתמיד און אין האַרצן האָט ער געהאַט גרויסע תרעומות אויף זיך; נאָר ווען ער האָט געהערט פּנחסלס פלינקע ענטפערס, האָט זיך אין אים דאָס האַרץ צע־וואַקסן פון נחת און עס האָט אים געקאָסט אָנשטרענגונג צוריקצוהאַלטן די פריידנס־טרערן וואָס האָבן זיך אים ממש געשפּאַרט פון די אויגן.

ער אַליין, ר׳ יוסף, כאָטש ער האָט זייט כמה שנים פאַרנומען דעם כסא־הרבנות און איז געווען ראש־בית־דין און אין די שווערסטע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו אַ דין־תורה אָדער שאלות־ותשובות האָט ער געהאַט דאָס דעצי־דירנדיקע וואָרט, האָט ער זיך אָבערביים פאַרהער פון זיין זון נישט געטאָרט מישן און אָנרופן זיך, אָדער קומען צו הילף.

אַ נוגע.

זיין פרייד איז אָבער דערפאַר געווען פיל מאָל גרעסער, ווען דער זון האָט אַליין, אָן עמיצנס הילף, זיך געלאָזן שווימען איבער דעם גרויסן ים־התלמוד־והלכה און ער האָט מנצח געווען אַלע קשיות, וואָס האָבן זיך ווי בייזע כוואַליעס געוואָרפן אויף דעם יונגן תלמיד־חכם און אים געזוכט צו פאַרשלינגען.

אוודאי איז די פרייד פאַר אַ פאָטער, וואָס דערלעבט אַזאַ נחת ביי זיין זון, גאָר גרויס.

— ג —

נישט נאָר ר׳ יוסף, דער פאָטער פון דעם יונגן תלמיד־חכם, האָט זיך גע־פרייט מיט זיין זונס היתור־הוראה; די גאַנצע שטאָט האָט די נייעס אויפגע־נומען מיט פרייד. עטלעכע טעג נאָכדעם ווי פּנחסל ר׳ יוספס האָט באַקומען דעם היתור־הוראה, האָט זיין נאָמען געשוועבט אויף אַלעמענס ליפּן.

פון דער אָרימער בייגל־הענדלערן אין מאַרק, ביז צום חשובסטן באַלעבאָס פון מזרח־וואַנט אין קלויז, אַלע האָבן גערעדט וועגן פּנחסלען און וועגן זיין חריפות אין תלמוד־והלכה.

און כאָטש קיינער האָט נישט געצווייפלט אַז ר׳ יוסף ענגלס זון וועט זיין אַ רב, ווייל שוין אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך געוויזן, אַז ער וואַקסט אַ גדול בישראל, פונדעסטוועגן האָט מען זיך נישט גערעכנט, אַז ער וועט אַזוי יונג דערגרייכן אַזאַ כבוד.

נאָך קיין גאַנצע זיבעצן יאָר און שוין אַ היתור־הוראה!...

ביי דער געלעגנהייט פון אַלעמענס פרייד, האָט מען זיך ערשט אָנגעהויבן דערמאָנען אַלטע מעשות פון פּנחסלס קינדער־יאָרן; יעדער האָט געפונען פאַר פּאַסיק צו דערמאָנען די שטיפערישע שטיק פונעם קליינעם פּנחסל, וואָס פאַרא שטיקלעך און שפּיצלעך ער האָט אָפּגעטון; יונגעלייט האָבן דערמאָנט, ווי ער האָט אַמאָל איבערגעביטן אַ גמרא, וואָס דער לערנער איז ביי איר געהאַט אַנ־

דרימלט געוואָרן און ווי געלאַכט מען האָט, ווען דער לערנער האָט זיך אויפגע־כאַפּט און גענומען ווייטער לערנען, נישט דערקענענדיק, אַז אַנשטאָט די מסכת „קדושין" לערנט ער גאָר „גטין" — און דער סוף איז געווען, אַז דער שווער פון דעם שלאָפנדיקן לערנער האָט זיך געשעמט מיט זיין איידעם, וואָס האָט זיך געלאָזן אָפּטון אַזאַ שטיקל פון אַ קינד, און דער יונגערמאַן האָט געמוזט אָפּגטן זיין ווייב...

נאָר מער פון אַלץ, האָט מען דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי פּנחסל איז אויף דער וועלט געקומען.

ר' יוסף ענגל איז נאָך אַלס יונגערמאַן אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין אַ קליין שטעטל, זיין לומדות און זיין חכמה האָבן אָבער באַלד באַקומען אַזאַ שם, אַז מען האָט אים אויפגענומען אין דער גרויסער שטאָט וואו ער האָט צוויי יאָר שפּעטער, פאַרנומען דעם פּלאַץ פון פאַרשטאָרבענעם ראש־בית־דין ר' יצחק־אייזיקל.

און די שטאָט האָט געוואוסט וואָס זי טוט; זייט ר' יוסף האָט פאַרנומען דעם חשובן פּלאַץ, איז אין שטאָט נישט פאָרגעקומען קיין מחלוקה.

ר' יוסף האָט געפירט די שטאָט נישט מיט גבורה, נאָר מיט חכמה און יעדער סכסוך אין דער הנהגה פון דער קהילה, איז דורך אים באַלד אויסגע־גלייכט געוואָרן און אַדאַנק דעם האָט זיך די קהילה זייער שיין אַנטוויקלט, מען האָט אויסגעבויט אַ שיינעם אידישן שפּיטאָל, אַ מושב־זקנים און בית־יתומים און עס איז זייער פיל געטון געוואָרן פאַר אָרימע און ר' יוספס נאָמען איז פון אַלעמען געבענטשט געוואָרן.

די פּענסיע וואָס ר' יוסף האָט באַקומען, איז געווען גענוג אויף צו קענען פירן אַ בכבודע באַלעבאַטישקייט און אָן אַ שום קנאה, האָבן מענטשן געזאָגט, אַז ר' יוספס הויז איז געבענטשט מיט תורה און גדולה במקום אחד.

— ד —

און דאָך איז ר' יוסף נישט געווען גליקלעך.

עס האָבן זיך ביי אים נישט געהאַלטן קיין קינדער.

דורך אַכט יאָר צייט זייט זיין חתונה, האָט אים זיין ווייב, אסתרל, גע־שענקט פיר קינדער, דריי אינגלעך און איין מיידל און קיין איינס פון זיי האָט נישט דערלעבט ביז צוויי יאָר.

ר' יוסף האָט אין דער אַרבעט פאַר דער שטאָט, פאַר טובת־הכלל געפונען אַ טרייסט און גרינגער געקאָנט גובר זיין זיין צער, נאָר אסתרל, זיין ווייב, האָט זיך אַזוי געפייניקט מיט איר אומגליק, אַז אויפן אַכטן יאָר נאָך איר חתונה, האָט זי אָנגעהויבן קרענקען. מען האָט נישט געזשאַלעוועט קיין דאָקטוירים, מע־

דיצינען און בעדער, זי איז עטלעכע זומערס נאָכאַנאַנד געפאָרן אין אויסלענדישע קור־שטעט, אָבער דאָס אַלעס האָט מער נישט געהאָלפן, ווי אָפּציען דעם סוף און נאָך איבער זעקס יאָר קרענקען, האָט זי איר פאַרוויטיקטע נשמה אָפּגעגעבן אַהין, פונוואַנען זי האָט זי באַקומען אויסגעבאָרגט.

אָבער נישט לאַנג איז ר' יוסף געבליבן אַן אַלמן.

ער האָט זייער פיל געוויינט ווען אסתרל איז געשטאָרבן; דורך די שבעה־טעג האָט ער כמעט קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזן; אין דער צווייטער שטוב האָט געדאַוונט דער מנין און ער האָט זיך ביחידות געפּייניקט מיט זיין ווייטיק. נאָר באַלד נאָך די שבעה־טעג האָבן עטלעכע חשובע באַלעבאַטים גענומען מיט אים ריידן, צוערשט פאַרזיכטיק, בלויז מיט אָנצוהערענישן און וואָס ווייטער דרייסטער, ביז ר' יוסף האָט מסכים געווען צום שידוך מיטן פריערדיקן ראש־בית־דינס אייניקל, די זעכצן יעריקע רבקהלע.

דריי חדשים נאָך אסתרלס טויט, איז פאָרגעקומען ר' יוספס חתונה מיט רבקהלען.

רבקהלע איז נאָך געווען כמעט אַ קינד. איר צאַרטער וואוקס, איר בלייך דורכזיכטיק פּנימל, האָבן איר געגעבן אַן אויסזען פון אַ צוועלף אָדער דרייצן יאָר אַלט, נאָר אירע אויגן, אירע טיף־שוואַרצע גרויסע פאַרחלומטע אויגן און דער וואַלד געדיכטע שוואַרצע האָר, האָבן איר צוגעגעבן אַזויפיל רייץ, אַז ווער עס האָט זי געזען איינמאָל, דער האָט זי שוין נישט געקענט פאַרגעסן.

נאָר ווייניק מענטשן האָבן זי געזען. אַן אָפּגעהיטן ציכטיק קינד איז רבקהלע געווען און פאַר עין־הרע ווענגן, האָט מען זי אין גאַס נישט אַרויסגעלאָזן. איז זי אַזוי געוואַקסן אינדערהיים אַן אָפּגעהיטענע, אַ געצערטלטע, ביז דער באַרימטער און באַליבטער ר' יוסף איז מיט איר אונטער דער חופּה געשטאַנען.

נאָר אויך מיט איר איז ר' יוספן קיין לאַנג גליק נישט באַשערט געווען.

שוואַך אַנטוויקלט ווי רבקהלע איז געווען, איז זי באַלד נאָך דער חתונה קראַנק געוואָרן, זי האָט געהאַט אַ שווער טראָגן און אין אַכטן חודש איז זי אָוועקגעפאַלן, עס האָט נישט געהאָלפן דאָס איינרייסן קברים, דאָס תהילים־זאָגן פון אַלע תלמוד־תורה־אינגלעך אין שיל, אַפילו די אָפּעראַציע וואָס עטלעכע נעניטע דאָקטוירים האָבן דורכגעפירט איבער איר, באַפרייענדיק זי פון טויטן קינד, האָט אויך נישט געהאָלפן; צוויי טעג האָט זי זיך אָפּגעמוטשעט און זי האָט איר כשרע נשמה אויסגעהויכט.

וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן ביי איר לויה! די שטיינער אין גאַס האָבן מיטגעטרויערט און מיטגעוויינט מיט ר' יוספן און דער טיפער צער האָט זיין קאָפּ אַזוי אַראָפּגעבויגן, אַז עס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט אים שוין קיינמאָל נישט אויסגלייכן.

און ער האָט טאַקע זיין קאָפּ אַזוי שנעל נישט אויסגעגלייכט.

אפילו ווען ער האָט זעקס חדשים שפּעטער ווידער חתונה געהאַט, איז ער אַלץ געבליבן מיט דעם אָראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געהיטן נישט צו פאַרשפּרייטן דעם טיפן צער וואָס האָט אַרויסגעוויינט פון זיינע בליקן.

נאָך טיפער איז געוואָרן זיין צער, ווען עס איז פאַרגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר און זיין ווייב איז נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן.

אין די קורצע מינוטן וואָס ער איז דורך די נעכט געשלאָפן, האָט ר' יוסף געהאַט פאַרשידענע חזיונות, וואָס האָבן אַזוי ווייטיקלעך אויסגעגאַרבט קנייטשן אויף זיין שטערן.

ער האָט געזען זיין עבר און זיין גרויסן יחוס פון דור־דורות גרויסע רבנים און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַ לאַנגען ברייטן שליאַך, וואָס זיין אָנהויב שלענגלט זיך אַרויס פון ערגעץ ווייט־ווייט, וואו עס שטייען די טויערן פון מלכות בית־דוד און דער שליאַך איז געפלאַסטערט מיט לויטער אבנים־טובות, מיט די פּרעכטיקסטע איידלשטיינער און ער ציט זיך, דער שליאַך און ער ציט זיך און ער זעט שוין דאָס שטיק שליאַך, וואָס זיין עלטער־זיידע, דער גרויסער צדיק, האָט געפלאַסטערט און ער זעט ווי זיין זיידע לייגט אויס די גרויסע איידלשטיינער פון מצוות און מעשים־טובים און אָט איז שוין זיין פאָטער, זיין גרויסער פאָטער, וואָס האָט געשמט איבער אַ האַלבער וועלט. און פּלוצלינג ווערט דער שליאַך שמעלער, דער וועג איז שוין נישט קיין געפלאַסטערטער און אויף דעם שטיקל וועג שטייט ער אַליין, ר' יוסף, אַ געבויגענער פון צער, אַן אָפּגעשוואַכטער פון ווייטיק און ער קאָן נישט פלאַסטערן, ער האָט נישט וו אָ ס צו פלאַסטערן און ער שטייט מיטן פּנים און מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום גרויסן ווייטן שליאַך, וואָס שלענגלט זיך ווייט ביז אין די טויערן פון מלכות בית־דוד, ער שטייט און ער ציטערט אויס אַ געבעט און הינטער זיך פילט ער אַ גרויסן תהום, ער פילט, אַז מיט אים ענדיקט זיך דער שליאַך, אָפּגעהאַקט ווי מיט אַ מעסער, ווייטער גייט עס נישט און ער האָט זיך מורא אויסצודרייען, ער זאָל נישט מוזן קוקן אויף דעם שרעקלעכן תהום און ער זעט אים פאָרט, ער פילט אים און ער ציטערט אויף ביים געדאַנק, אַז אָט פאַלט ער אַריין אין דעם טיפן תהום און עס בלייבט גאָרנישט נאָך אים; קיין געדעכעניש; מיט אים ווערט זיך ענדיקן דער שליאַך, וואָס זיין אָנהויב איז געווען דער מלכות בית־דוד און זיין ענד — — — אַ טיפער תהום...

אַלע זיינע געדאַנקען און חלומות זיינען געווען אָנגעפילט מיט דעם שוואַרצן תהום וואָס קומט נאָך אים, ווייל ער לאָזט נישט איבער קיין געדעכעניש נאָך זיך און ווען ער איז שוין געווען אָנגעפילט מיט אַ טיפן צער און יאוש וואָס איז איבערגעגאַנגען די ברעגעס פון זיין פאַרוויייטיקט האַרץ, דעמאָלט איז געשען דער נס — זיין ווייב איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און עס איז געבוירן געוואָרן אַ זון.

— ה —

פנחסל איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער פרייד פון זיין פאָטער.

אין פנחסלען האָט ר׳ יוסף געזען די פאָרזעצונג פון דעם שיינעם שליאַך וואָס ציט זיך פון מלכות בית־דוד ביז אים און וואָס וועט ווייטער גיין דורך זיין זון איבער דורות און דורות און די טריט פון די דורות וועלן לאָזן ליכטיקע צייכן אויף דעם שליאַך, ליכטיקע צייכנס, וואָס וועלן ווי זונען־שטראַלן באַלויכטן דעם שליאַך מיט תורה און מעשים־טובים.

אָבער ווער האָט זיך גאָר געקענט ריכטן, אַז שוין אין דעם גליקלעכסטן טאָג פון ר׳ יוסף ענגלס לעבן, אין דעם טאָג ווען זיין פנחסל איז באַשאַנקען געוואָרן מיט אַזויפיל כבוד, באַקומענדיק דעם היתור־הוראה, אַז אין דעם טאָג, איז שוין זיין „קרוין אויפן קאָפּ״ געווען „געכאַפּט אין דער מעשה״, אַז זיין פנחסל האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזאַפּט מיט פאַרשידענע „ספרים־חיצונים״ און אַז אין דער זעלבער צייט ווען ער האָט באַענטפערט די שווערע שאלות אין ש״ס און פוסקים, האָט שוין אין זיין געמיט געווירבלט דער פּראָטעסט קעגן דער „פינצטערער פריפונג״ און אין זיין מוח האָט זיך שוין געררייפט דער פּלאַן, ווי אַזוי ער וועט זיך ענדלעך באַפרייען פון די קייטן פון „פאַנאַטיזם, אָבערגלויבן און פינצטערניש״ — ווי דער חסידיזם איז באַצייכנט געוואָרן אין די ביכער פון דער השכלה.

ווער האָט זיך געקענט אַזוינס ריכטן?

און דאָך, אַזוי איז עס געווען.

פנחסל האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק, גייענדיק פון קלויז, געזען אַ שטיקל „שמות״ אויף דער ערד.

זעענדיק ווי אַ בלעטל מיט לשון־קודשדיקע אותיות וואַלגערט זיך אויף דער ערד, האָט ער עס אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן וואָס דאָס איז.

און דאָס איז געווען אַ פּראָקלאַמאַציע פון „בונד״.

זעענדיק אַז די ווערטער אויפן בלעטל זיינען אידישע, האָט ער עס נישט געוואָלט לייענען, האָט ער עס באַהאַלטן אין קעשענע, כדי עס דערנאָך אוועקצולייגן ערגעץ, אַז הייליקע אותיות זאָלן זיך נישט סתם וואַלגערן אין גאַס. אָבער ווען ער איז נאָכמיטיק צוריקגעקומען אין קלויז, האָט אים דאָס בלעטל געהעצט און גערייצט זיין נייגעריקייט און ס׳האָט זיך אים פּלוצלינג געוואָלט וויסן וואָס מען דרוקט דאָס אַזוינס אויף פּראָסט אידיש לשון מיט די לשון־קודשדיקע אותיות.

און דאָס בלעטל האָט פאַר אים אַנטדעקט אַ נייע וועלט.

קיין סך איז אין דעם בלעטל נישט געשטאַנען, בלויז אַ וואָרענונג איז עס געווען; אַ וואָרענונג צו די אַרבעטער פון דרוקער־פאַך, אַז זיי זאָלן נישט גיין אַרבעטן אין דרוקעריי צו דעם פרומאַק יאָסקע קליינמאַן, וועלכער טרינקט מיט

פארגלאָצטע אויגן צום הימל, דאָס בלוט פון זיינע אַרבעטער, ווייל דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק.

און ווייטער איז געווען אַ באַריכט, ווי אַזוי ר' יאָסקע האָט אויסגענוצט די אַרבעטער, ווי אַזוי ער האָט זיך באַרייכערט פון זייער פּראַצע, ווי אַזוי ער איז פון אַן אָרים באַלעבעסל אויסגעוואַקסן אין אַ רייכן באַלעבאָס אַ תקיף און דאָס אַלץ איז אים נאָך ווייניק, ווייל ער נאָך שניידן דעם אָרימען לוין, כדי נאָך שנעלער אָנצוהויפן פאַר זיך אַ גרעסער פאַרמעגן.

דאָס בלעטל איז געווען אַ קליינס און ווייניק איז דערין געשטאַנען; אָבער פאַר דעם שאַרפזיניקן פנחסל, איז עס געווען גענוג, אַז ער זאָל זיך דערפון אָנשטויסן מער און ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די אַרבעטער ווערן באמת בעוולט און ער האָט געהאַט אַ שמועס ווענן דעם מיט אַן אַנדער בחור און יענער האָט אים אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז אַ חוץ תלמוד און פּוסקים זיינען פאַראַן אַ סך ביכער וואָס מען דאַרף זיי לערנען און אַז אַ חוץ דער קלויז און די באַלעבאַטישע שטיבער, איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע וועלט וואָס ראַנגלט זיך אין ווייען און אַזוי האָט עס זיך געמאַכט, אַז דער אַנדערער בחור האָט אַראָפּגעבראַכט פון בוידעם אַ ביכל און עס געבאָרגט פנחסן און נאָך דעם ערשטן ביכל אַ צווייטס און אַ דריטס און...

ווער האָט עס געקאָנט וויסן, אַז שוין אין דעם טאָג ווען פנחסל האָט אַזוי גלענצנדיק דערגרייכט זיין „סמיכה" אויף רבנות, האָט ער שוין געהאַט פאַרזוכט פון עץ־הדעת און אַז ער האָט שוין געטראַכט פלענער ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען פון די ד' אמות של הלכה און צושווימען צום ברעג פון ים־התלמוד, כדי פון ברעג זיך צו לאָזן אין דער גרויסער און ווייטער, פאַר אים נאָך אַזוי פרעמדער וועלט?

— ו —

ר' יוסף ענגלס שיינער און קלאָרער הימל האָט זיך פאַרכמאַרעט.

פּאַמעלעך האָבן צו אים אָנגעהויבן גרייכן די קלאַנגען, אַז עפּעס איז עס מיט זיין פנחסלען נישט אין אָרדענונג.

און וואָס מער ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן, אַז ער דאַרף שוין אַ טראַכט טון ווענן זיין ממלא־מקום, אַלץ טרויעריקער זיינען געוואָרן די ידיעות וואָס זיינען צו אים דערגאַנגען ווענן זיין בן־יחיד, ווענן זיין אויסגעחלומטן גליק.

צוערשט האָט עס זיך אָנגעהויבן מיט קלייניקייטן.

פון פנחסלען איז פאַרשוואונדן די התמדה.

ער איז שוין נישט אַזויפיל געזעסן ביי דער גמרא, שעהן לאַנג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין קלויז אויף און אָפּ אין טיפער פאַרטראַכטעניש, דערנאָך

האָט ער ווידער אָנגעהויבן זיצן ביי דער גמרא, נאָר דער אַלטער שמש, ר׳ עוזר, האָט באַמערקט, אַז ער קוקט נישט אין דער גמרא, נאָר אונטער דער גמרא און נאָכשפּירנדיק, האָט זיך דער אַלטער ר׳ עוזר געכאַפּט, אַז פּנחס קוקט עפּעס אין אַ ספרל...

צוערשט האָט ר׳ יוסף נישט אין אַכט גענומען די ידיעות וועגן פּנחסלס פאַרלירן זיין התמדה, אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן „ספרל״, האָט זיך אַ שאָטן אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים, ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין חדר און ערשט נאָך עטלעכע שעה, האָט ער געלאָזן רופן צו זיך דעם אַלטן ר׳ עוזר און אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו באַקומען דאָס ספרל און עס אים ברענגען און דורך פאַרשידענע אָנצוהערענישן, האָט ער דעם אַלטן שמש געגעבן צו פאַרשטיין, אַז לייט דאַרפן פון דעם אַלעם נישט וויסן.

ר׳ יוסף האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז לייט ווייסן שוין וועגן פּנחסלס פּי־רונג פיל מער פון אים...

לייט האָבן זיך שוין אַפילו געשושקעט און איבערגעגעבן איינער דעם אַנ־דערן די נייעס, אַז מען האָט פּנחסלען געזען אויסער דער שטאָט, נעבן די באַנ־וואַלעס שפּאַצירן מיטן ליטווישן לערער אוןביידע זיינען געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס.

יאָ, פּנחסל איז שוין געהאַט גאַנץ ווייט אַוועק און זיין פירונג האָט שוין נישט געקענט בלייבן קיין סוד און די כמאַרעס האָבן זיך איבער ר׳ יוספס קאָפּ אָנגערוקט אַלץ שנעלער און געדיכטער און דער נאָענטער שטורם איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך.

— ז —

אָבער אומגעריכט, איז גאָר געקומען אַן אַנדער שטורם.

עס איז געקומען דער גרויסער שטורם, וואָס איז נישט געווען אַ קאָנ־פליקט צווישן פאָטער און זון, נאָר אַ פּראָוואָצירטער קאָנפליקט צווישן פעלקער.

עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע וועלט־מלחמה.

אַ פייער האָט אויפגעפלאַקערט און מחנות מיליטער האָבן געשטראָמט צו די שריפות־פלעצער, אָבער נישט כדי צו לעשן די שריפות, נאָר כדי זיי נאָך מער אויסצושפּרייטן.

און פּונקט דעמאָלט ווען ר׳ יוסף האָט שוין געוואוסט אויף קלאָר, אַז זיין „אויג אין קאָפּ״ איז טונקל געוואָרן, אַז זיין בן־יחיד, זיין איינציקע האָפענונג איז אַראָפּ פון שליאַך און ער האָט זיך געקליבן האָבן אַ שמועס מיט אים אויג־אויף־אויג און אים צוריק אַרויפירן אויפן גלייכן וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט גע־וואָרן פון זיינע אבות־אבותינו, פּונקט דעמאָלט איז געקומען אַ באַפעל צו עוואַ־

קואירן די שטאָט און אין דער פּאַניק ווען אַ שטאָט מענטשן האָבן זיך געפּאַקט צום אַנטלויפן, איז נישט געווען קיין פּלאַץ און קיין צייט אויף צו האָבן אַ באַזאַכטן שמועס מיט פּנחסלען, איז נישט געווען קיין שעת־הכושר אויפצואווייזן אים, אַז ער בלאָנדזשעט און מיט פּאָטערלעכע מוסר־רייד אים אַרויפירן צוריק אויפן דרך־הישר.

די שרעק פאַר לעבנס־געפאַר איז געווען צו גרויס און קודם האָט מען זיך געמוזט זוכן צו ראַטעווען און אַזוי ווי מען האָט גערעכנט אַז מען דאַרף נאָר אַנטלויפן אויף אַ קורצער צייט, ווייל באַלד וועט זיך די מלחמה ענדיקן און יעדער וועט צוריקומען אין זיין היים, האָט ר׳ יוסף גערעכנט, אַז עס וועט זיין צייט צו ריידן מיט פּנחסלען ווען מ׳וועט צוריקומען און פּנחסל וועט זיין שוין אונטער זיין אייגענער השגחה און אויב ער וויל אים אַרויפירן צוריק אויפן גלייכן וועג, מוז ער אים קודם זען אָפּצוראַטעווען און וואָס שנעלער אַנטלויפן מיט אים פון לעבנס־געפאַר.

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין 1914, אָבער זי האָט זיך אַזוי שנעל נישט געענדיקט.

די מלחמה האָט זיך נישט געענדיקט און די געפאַר איז נאָכגעלאָפן נאָך די װאַקואירטע מאַסן, די מלחמה־פראָנטן האָבן כסדר געברויכט נייע כוחות און מען האָט שוין אָנגעהויבן רופן ניינצן־יעריקע צום מיליטער און פּנחסל איז געווען אין סכנה גענומען צו ווערן און אגב האָט ר׳ יוסף, אין דער פרעמדער און ווייטער שטאָט, וואוהין ער איז אַנטלאָפן, נישט געקענט האָבן די געהעריקע השגחה איבער זיין זון און אַזוי איז עס געוואָרן, אַז ר׳ יוסף האָט אויסגעריכט זיין זון אין וועג אַריין און צוזאַמען מיטן גבירס זונדל, ביינישל, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט ר׳ יוספן געקומען אַהער, איז פּנחסל אָפּגעפאָרן קיין שווייצאַריע.

שווער איז פּנחסלען אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך; די מאַמע איז געשטאַנען און געווישט די רויטע אויגן מיטן פאַרטוך, ווי גערן וואָלט זי אים אַרומגענומען און געקושט, אָבער עס פּאַסט נישט, ער איז שוין אַ גרויסער בחור מיט אַ היתור־הוראה און ר׳ יוסף איז געשטאַנען פאַר אים אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזע, געקוקט פּנחסלען אין די אויגן און ערשט נאָך אַ פיינלעכער ווײלע האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פּנחסלס אַקסל און אים געזאָגט אַ פּסוק פון „משלי״:

— „שמע בני את מוסר אביך...״

צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון ר׳ יוספס אויגן איבערזיינע שוין איינגעפאַלענע באַקן און געשפּאַלטענע אין קליינע קייקלעך, זיינען די טרערן געבליבן הענגען אויף די האָר פון זיין ברייטער ווייסער באָרד.

אַ ווײלע איז ווידער געווען שטיל.

פּנחסל איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אויסגעמיטן דעם

פאָטערס בליק, אָבער ענדלעך האָט ר׳ יוסף זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און ווייטער אָנגעהויבן:

— זון מיינער! צי ווייסטו כאָטש וויפל יאָר איך האָב געוויינט ביז איך האָב דיך אויסגעבעטן ביי זיין ליבן נאָמען? און צי ווייסטו כאָטש פאַרוואָס איך האָב אַזוי געבעטן און צו וואָס איך האָב דיך אויסגעבעטן? ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אַז מיין הויז זאָל פאַרוויסט ווערן; ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אַז מיין יחוס־שליאַך וואָס ציט זיך ווי אַ גאָלדענע קייט איבער הייליקע דורות פון אבות־אבותנו, ביז צום מלכות בית־דוד, אַז דער שליאַך זאָל אָפּגעהאַקט ווערן מיט מיר.

איך האָב דיך אויסגעבעטן מיט אַ נדר אין מיין הארצן, אַז דו וועסט גיין אין די טריט פון דיינע עלטערן און זיין אַ ווייטערדיקע רינג פון אונזער גאָלדענער קייט און איצט, ווען דו גייסט שוין אָנדערע מלבושים ווייל דו פאָרסט אין אַ פרעמד לאַנד, געדענק אַז אינעווייניק, אונטער די נישט־אידישלעכע מלבושים, זאָל די אידישקייט און גאָטספאָרכטיקייט וואוינען אין דיין הארץ און אין דעם זכות, וועסטו צוריקקומען געזונט און באַשיינען דיין פאָטערס עלטער מיט נחת און מיט פרייד.

שמע בני את מוסר אביך, ואל תטוש תורת אמך!...

און ווידער זיינען ר׳ יוספס אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און ווען פּנחסל איז אַרויס, איז ר׳ יוסף פּלוצלינג ווי נידעריקער געוואָרן, עטלעכע נייע קייטע גאָרבן האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיין הויכן שטערן און ער איז פּלוצלינג געוואָרן ווי מיט צען יאָר עלטער.

— ח —

וואָכן, חדשים און יאָרן זיינען פאַרגאַנגען און די מלחמה האָט זיך אַלץ נישט געענדיקט.

טויזנטער און מיליאָנען מענטשן האָבן זייער בלוט פאַרגאָסן און די ערד איז נאָך אַלץ געווען דורשטיק און געפאָדערט נאָך און נאָך און די וואָס האָבן נישט געהרגעט און אַליין נישט געהרגעט געוואָרן אויף די פראָנטן, האָבן אָנגעהויבן אויסשטאַרבן פון פאַרשידענע מגפות און עס האָט אויסגעזען, אַז די וועלט עקט זיך.

ר׳ יוספס ווייב איז אוועקגעפאַלן אויף פלעקן־טיפוס, מען האָט זי אוועקגעפירט אין אַ באַראַקן־שפיטאָל און מען האָט אים אפילו נישט צוגעלאָזן צו איר, ער זאָל קענען מיט איר זאָגן ווידוי און זיין ביי איר פּטירה...

שלעכט איז געווען ר׳ יוספן, זייער שלעכט.

מיט אים אין שכנות האָבן געוואוינט דער גביר און נאָך צוויי נגידים פון

זיין שטאָט, אָבער אַנדערש זיינען זיי געוואָרן אין משך פון מלחמה־צייט. אַנ־דערש. עפּעס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון זייערע פּנימער דער צלם־אלוקים. זיי האָבן זיך געלאָזן אין געיעג נאָך מיליאָנען און פאַרגעסן אָן גאָטס געבאָט.

דער „מנין" וועלכן זיי האָבן דאָרט געשאַפן, האָט אָנגעהויבן פּוסטעווען, וואָס ווייטער זיינען ווייניקער אידן געקומען דאַווענען, ביז ר' יוסף איז געבליבן איינער אַליין און בעטנדיק פאַר זיך, האָט ער אויך תפילה געטאָן פאַר די אַלע אידן, וואָס זיינען פאַרבלענדט געוואָרן פונעם „עגל־הזהב", אַז גאָט זאָל צוריק־פירן די בלינד־געוואָרענע שאָף אין זיין הויז...

שלעכט איז געווען ר' יוספן, זייער שלעכט.

אין זיינע ליידן האָט אים אַנטקעגנגעלויכטן איין ליכטיקער שטראַל, איין האָפענונגס־שטראַל, וואָס האָט אים געהאָלפן טראָגן דעם עול פון לעבן.

דאָס איז געווען די האָפענונג, אַז סוף־כל־סוף וועט צו דער מלחמה־פּיין אַ סוף נעמען און ער וועט ווידער זען זיין זון, זיין פּנחסלען, וועלכער וועט ווייטער בויען אין זיינע וועגן און באַלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און חכמה.

ר' יוסף איז געווען זיכער, אַז פּנחסל באַטראַכט זיין מוזן זיין נע־ונד אין אַ פרעמד לאַנד, אַלס אַ שטראָף, אַן אָפּקומעניש פאַר זיין אַמאָליקן פאַרבלאָנ־דזשען אויף קרומע וועגן און אַז זיכער האָט ער זיך דאָרט פאַרנומען צוריק, אויפן גלייכן וועג און אַז גאָט וועט העלפן, מען וועט בשלום אהיימקומען, וועט זיין „חדש ימינו כקדם" און פּנחסל וועט אים פאַרמאַכן די אַלטע אויגן און ער וועט מיט ליבע צו אים אויסהויבן זיין לעצטן אָטעם און אָפּשטאַרבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ נחת אין האַרצן, אַז ער לאָזט איבער אַ זון אויף זיין אָרט, וואָס וועט ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם וואָס וועט זיך ציען פון מלכות בית־דוד, ביז צו די טויערן פון דער גאולה...

זיינען אָבער חדשים פאַרגאַנגען זייט ער האָט פון פּנחסלען דעם לעצטן בריוו באַקומען און וויפל ער האָט נישט געשריבן און געבעטן זיך אַ לעבנס־צייכן פון זיין בן־יחיד, קיין ענטפער איז נישט געקומען.

זיינע שכנים, דער גביר און די נגידים האָבן געהאַט מיט זיך צו טון, זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך גאָלד און זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט אויסצוהערן די התנצלות פון דעם אַלטן, אפילו די שטיצעס וואָס זיי האָבן אים געגעבן, האָבן אויך אָנגעהויבן ווערן אַלץ שיטערער און ר' יוסף איז צומאָל צוליב הונ־גער געצוואונגען געווען זיי צו דערמאָנען וועגן דעם און דאָס האָט אים איינ־גאַנצן צעבראָכן.

אָבער פּלוצלינג האָט ער ווידער באַקומען אַ בריוו פון פּנחסן.

דער בריוו האָט געהאַט אַ סך פּאָסט־סטעמפּלען, ער האָט געוואַנדערט אי־בער אַ סך לענדער ביז ער האָט ענדלעך דערגרייכט צו אים.

דער בריוו איז געקומען פון רוסלאַנד.

פּנחס האָט אים געשריבן אין קורצן, אַז ער האָט אין שווייצאַריע אַ סך גע־

בלאַנדזשעט, ער האָט געזוכט דעם אמתן וועג אין לעבן און ענדלעך האָט ער אים געפונען.

דער אמתער וועג אין לעבן, איז דער קאַמף פאַר אַ באַפרייטער מענטשהייט.

און ער שרייבט, אַז ער איז צוזאַמען מיט עטלעכע רוסישע רעוואָלוציאָנערן אַוועק קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט זיך אַנגעשלאָסן צום קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

ר׳ יוסף האָט נישט באַנומען אַלעס וואָס פנחס האָט אים געשריבן; מיטן שכל האָט ער עס נישט באַנומען, אָבער אין האַרץ האָט ער געפילט אַז עפּעס שרעקלעכעס איז געשען, און פאַר זיינע אַלטע אויגן האָט זיך פּלוצלינג אויסגעשפּרייט אַ טיפער תהום.

— ט —

און די מלחמה האָט זיך געענדיקט.

עס האָט אָבער נאָך געדויערט גענוג לאַנג, ביז מען האָט זיך דורכגעשריבן מיט דער היים; נייע גרעניצן זיינען אַנגעצייכנט געוואָרן, פּוילן איז באַפרייט געוואָרן, מען האָט געמוזט האָבן „פּאַפּירן" כדי צו קענען צוריק אַהיימפאָרן און ביז דער קראַנקער און צעבראָכענער ר׳ יוסף איז אַהיימגעקומען צוריק אין זיין שטאָט, האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען פון די צעיושעטע מיליטער־מחנות, וועלכע האָבן זיך איצט ווידער געלאָזן קעגן די באָלשעוויקעס.

שרעקלעכע זאַכן האָט מען זיך אָנדערציילט וועגן די באָלשעוויקעס.

ווען ר׳ יוסף האָט געהערט ווי אַזוי די באָלשעוויקעס קוילען יעדן גאָטספאָרכטיקן מענטשן, איד אָדער גוי, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין פנחס איז מיט זיי און ער האָט אויפגעציטערט.

און כאָטש ער האָט זיך שוין מייאש געווען פון זען נאָכאַמאָל זיין פנחסל און דערלעבן פון אים נחת, און כאָטש ער האָט אים בעסער געווינטשן דעם טויט, איידער ער זאָל נאָך קומען אַהער און וויזן ד אַ זיינע אכזריותן, פונדעסטוועגן האָט ערגעץ אינדערטיף ביי אים נאָך געטליעט אַ פונק פון ליבע צו אים און זיין האַרץ האָט אויפגעציטערט ווען ער האָט געהערט וועגן די זיגן קעגן די גאָטלאָזע באָלשעוויקעס, טראַכטנדיק אַז ווער ווייס, צי זיין פנחס געפינט זיך נישט צווישן די קרבנות.

די פּוילישע סאָלדאַטן וואָס זיינען געגאַנגען אויפן מלחמה־פראָנט, האָבן איבעראַל וואו זיי האָבן פאַרביימאַרשירט, אויסגעפּרואווט זייער העלדישקייט אויף דער אידישער באַפעלקערונג און דער אומגליק האָט אויך ר׳ יוספס שטאָט נישט אויסגעמיטן.

אַ סך קרבנות זיינען געפאַלן, אָבער דאָס איז פאַר די צעיושעטע סאָלדאַטן נאָך געווען ווייניק און זיי האָבן גענומען לעבעדיקע „משכנות"; זיי האָבן אַרעס־

טירט פופציק באַלעבאַטים מיטן רב בראש און געזאָגט, אַז אַזוי ווי די באָלשע־וויקעס זיינען לויטער אידן, וועט מען ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אויב די באָלשעוויקעס וועלן אריין אין שטאָט, אויסקוילען די פופציק זשידעס...

די באָלשעוויקעס זיינען אָבער אריין אין שטאָט פיל שנעלער ווי די פּאָ־ליאַקן האָבן געגלויבט און וואונדער איבער וואונדער! כאָטש די פופציק ארעס־טירטע אידן זיינען געווען פרומע אידן און ר׳ יוסף איז דאָך דער רב, פונדעסט־וועגן האָבן די גאַטלאָזע באָלשעוויקעס זיי נישט נאָר באפרייט, נאָר זיי נאָך געגעבן עסן, פאַר זיי און זייערע פאַמיליעס.

און ווען ר׳ יוסף איז געקומען צוריק אין זיין שטוב, האָט ער דאָרט גע־טראָפן אַ סאָלדאַט, אַ באָלשעוויק, דער סאָלדאַט איז געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיט ר׳ יוספן און ר׳ יוסף האָט דערקענט זיין זון, זיין פּנחסל...

— —

— —

— י —

לאַנג איז פּנחס נישט געבליבן מיט זיין פאָטער.

הינטער דער שטאָט איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף, די פּאָליאַקן האָבן באַקומען פארשטאַרקונג און זיי האָבן אָנגעהויבן אַטאַקירן און פּנחס האָט געאיילט אין די רייען פון די קעמפער.

אָבער קומענדיק אין גאַס, איז ער פּלוצלינג פארכאַפּט געוואָרן פון אַ פּוי־לישן פּאַטרול; ער האָט זיך געוואָלט צוריקציען אין הויז, עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט.

אַ קורצע שיסעריי, ער איז פארוואונדעט געוואָרן אין אַ פוס און זיי האָבן אים געכאַפּט.

עטלעכע שעה שפּעטער איז די שטאָט ווידער געווען אין די הענט פון די פּאָליאַקן און ווידער האָט מען די פופציק אידן געבראַכט אין הויף פון אַ קאַ־זאַרמע און צווישן די פופציק, איז אויך געווען ר׳ יוסף.

אויף דער אַנדערער זייט הויף, זיינען געשטאַנען צוועלף געפאַנגענע באָל־שעוויסטישע סאָלדאַטן, צווישן זיי — פּנחס.

די באָלשעוויקעס זיינען געווען שטאַרק באַוואַכט און זיי האָבן זיך נישט געטאָרט רירן פון די ערטער.

— — — — — — — — — — — — —

נאָכן זען זיך מיט זיין זון, איז ר׳ יוסף עפּעס ווי אויסגעגלייכט געוואָרן. זיכער איז זיין האַרץ געווען אָנגעפילט מיט צער, וואָס זיין איינציקע האָפע־

בונג האָט זיך אָפּגעקערט פון זיינע וועגן, אָבער אַ נייער שטראַל פון בטחון האָט אויפגעגליט אין זיין האַרץ, אַז זיין פּנחס, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל תורה, אָבי ער לעבט, אָבי ער איז דאָ און ער האָט געדענקט צו קומען זיך ווייזן פאַר אים, וועט ער נאָך ווערן אַ לייט און צוריקומען אויף גאָטס וועגן.

און אַפילו איצט, שטייענדיק שוין אויפן הויף פון דער גרויסער קאַזאַרמע און זעענדיק פונוויטנס זיין איינציקן זון אַ געפאַנגענעם, האָט ער געהאָפט, אַז אויב גאָט האָט געוויזן אַ נס און ער האָט זיין זון ווידער געזען, וועט ער אויך באַווייזן אַ נס, אַז זיי זאָלן ניצול ווערן און זיין חרוב געוואָרן הויז זאָל ווידער אויפגעבויט ווערן.

אָבער פּלוצלינג האָט ר' יוסף אויפגעשוידערט.

ער האָט געזען ווי מען שטעלט אויס די צוועלף געפאַנגענע באָלשעוויקעס ביי דער אָנטקעגנדיקער וואַנט און די פּוילישע סאָלדאַטן שטעלן זיך אויס אַנט־קעגן זיי אין גלייכער ריי און איידער ר' יוסף האָט נאָך רעכט באַנומען וואָס דאָ גייט געשען, האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער זאַלפּ און די צוועלף זיינען דאָרט ביי דער וואַנט געפאַלן, געפאַלן, און פּנחסל צווישן זיי.

און אין זעלבן מאָמענט, איז אויך ר' יוסף אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און אַביסל שפּעטער, האָט מען פון קאַזאַרמע־הויף אַרויסגעפירט דרייצן מתים.

דער שיינער שליאַך האָט זיך פאַרענדיקט. דער זון וואָס האָט געזאָלט ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם, איז אַליין געשפּרונגען אין תהום מיטן פולן גלויבן, אַז פון דאָרט וועט אויפגיין אַ נייער טאָג פאַר אַ באַפרייטער מענטשהייט, בעת דער פאָטער איז מיטגעפאַלן אין תהום, פילנדיק אַז זיין איינ־ציקער זון האָט אים אָפּגעריסן פון גאָלדענעם פאָדעם און מיטגעשלעפּט אים אין דעם טיפן תהום...

ב. איירעס, מערץ 1928.

דער ליידנס־וועג פון דוד האַלצמאַן

— א —

דוד האַלצמאַן איז שוין זייט לאַנג נישט צופרידן מיט זיך אַליין.

אין זיין האַרץ ווי אין זיין מוח איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע און אין דער רעוואָלוציע, זיינען זיינע אידעאַלן פאַרברענט געוואָרן און ער האָט אָנגע־הויבן פילן, אַז אויף דעם אָרט פון זיינע אידעאַלן, איז געבליבן אַ גרויע פוסט־קייט, אַ ווילדעניש, אַ מדבר וואָס ציט זיך אָן אַ ברעג.

צומאָל האָט זיך אים אַפילו אויסגעוויזן, אַז דאָרט ווייט, ערגעצוואו וואו עס ענדיקט זיך זיין מדבר, ברענט עפּעס אַ ליכט, נאָר ווייט איז דאָס ליכט, זייער ווייט און ווען ער וויל זיך פאַרקוקן אַהין, כאַפּן אַ בליק וואָס פאַרא מין ליכט דאָרט ברענט, לאָזט זיך אַראָפּ אַ געדיכטער נעפּל וואָס נעמט אַרום זיין געמיט און ער פאַרלירט אינגאַנצן דאָס ווייטע ליכט פון אויג.

און צומאָל האָט זיך דוד גאָר אויסגעדרייט און געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק, אויף די פאַרגאַנגענע טעג פון זיין לעבן, עס האָט זיך אים געגומען אויס־דוכטן, אַז עפּעס האָט ער אויף זיין וועג ביז איצט פאַרגעסן, אַ זייער וויכטיקע זאַך, וואָס ווען ער זאָל זי איצטער צוריקגעפינען, וואָלט ער געוואוסט וואו ער געפינט זיך און ער וואָלט אויך דערזען זיין וועג אויף ווייטער.

נאָר קוקנדיק אויף צוריק, האָט ער געזען נישט מער ווי חורבות און חורבות.

די רעוואָלוציע וואָס איז אין אים פאָרגעקומען, האָט אַלץ צעשטערט און די אַלע לופט־שלעסער וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געבויט, זיינען אין חורבות פאַר־וואַנדלט געוואָרן און וויפל ער האָט נישט געפּרואווט זוכן מיט זיינע בליקן צווישן די חורבות, אפשר וועט ער דאָרט געפינען אַ פאַרבליבענעם פונק וואָס זאָל זיך נאָך לאָזן צעבלאָזן אין אַ פייער, האָט ער אָבער אַזאַ פאַרבליבענעם פונק נישט געפונען.

קאַלטע שטיינערנע חורבות פון איינגעפאַלענע שלעכט־געבויטע פּאַלאַצן.

פון דער צייט, זייט אין אים איז פאָרגעקומען די רעוואָלוציע, האָט דוד אינגאַנצן אוועקגעוואָרפן יעדע אַרבעט, ער האָט אַרומגעשלענדערט איבער פרעמ־

דע, ווייטע שטעגן און וועגן אויסער דער שטאָט, זיך געלאָזן אַ פאַרוואַקסן פּנים און שלענדערנדיק אַזוי איבער די וועגן און שטעגן, האָט ער צומאָל געפילט. אַז ער קריכט אויף די חורבות פון זיינע פאַרגאַנגענע טעג און שטייגנדיק אויף די חורבות העכער און העכער, האָט זיך אים אין, אַזעלכע מאָמענטן אויסגעוויזן, אַז ער זעט פונדערוויטן, אויפן לאַנגן וועג פון זיין אַמאָל, עפּעס אַזעלכע שיינע פייערן, אָבער וויט זיינען די פייערן און דאָ וואו די חורבות ענדיקן זיך, ליגט אַ טיפער אָפּגרונט און די פייערן לייכטן אויף דער צווייטער זייט פון אָפּגרונט און איבער דעם אָפּגרונט הענגט אַ צעבראָכענע בריק, אַ צעבראָכענע בריק וואָס לאָזט זיך מער נישט פאַריכטן...

— ב —

דוד האַלצמאַן איז געווען אַ זון פון ר' שלומל דיין, וועלכער האָט אין זיין גאַליציאַנער שטעטל געשמט מיט זיין פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט און נאָך מער האָט ער געשמט פאַר זיין גרויסן מיטגעפיל צום אָרימען.

ווען עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אָרימע פרוי איז צו אים געקומען מיט אַ שאלה וועגן כשר און טרפה, האָט ר' שלומל געפלעגט אָפּזיצן שעהן לאַנג איבער פאַרשידענע ספרים, ביז ער האָט ערגעצוואו געפונען אַ דין, לויט וועלכן ער האָט געקענט פּסקנען כשר.

די קליינע פּענסיע וואָס ער האָט באַקומען אַלס דיין אין שטעטל, האָט ער יעדע וואָך פאַרטיילט צווישן אָרימע און נויטבאַדערפטיקע און מפרנס געווען האָט זיך זיין הויזגעזינט פון דעם, וואָס דודלס מאַמע האָט פאַרדינט אין איר קליייטל פון צעלניק, וואָס זי האָט אַליין באַדינט.

ר' שלומל דיין האָט געהאַט דריי טעכטער און איין זון, דודלען. פאַרשטייט זיך, אַז דודל איז געווען זיין אויג אין קאָפּ און ער האָט איבער אים געציטערט ווי נאָר אַ גאָטספאָרכטיקער טאַטע קאָן ציטערן איבער זיין איינאונאיינציקן קדיש.

און צו דער פרייד פון טאַטע־מאַמע, האָט זיך דודל געהאָדעוועט אַלס וואויל־לערנער און גוט קינד.

צו דודלס סעודת־בר־מצוה, איז געקומען נישט בלויז דאָס גאַנצע שטעטל, נאָר אפילו דער רב מיט עטלעכע אָנגעזעענע חשובים פון דערבייאיקן שטעטל; זיי זיינען געקומען שבת האַלטן ביי ר' שלומל דיין, כדי צו הערן דודלס בר־מצוה־דרשה און נאָך דער דרשה וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה, האָט דודלס מאַמע, לאהלע, אַ פאַרוויינטע פון נחת און פרייד, אים אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע און אים געדריקט צו איר האַרץ און אירע טרערן האָבן נאָס געמאַכט זיין רויט פאַרפלאַמט פּנימל.

און צומאָרגנס, נאָך דודלס בר־מצוה־דרשה, האָט מען אין שטעטל זיך גע־גרויסט און מאַמעס האָבן מיט נישט ווייניק קנאה געזאָגט: — אַז וואויל איז די טאַטע־מאַמע וואָס האָבן אַזאַ קינד!...

— ג —

נאָך דודלס בר־מצוה, האָט אים ר׳ שלומל דיין צום ערשטן מאָל מיטגענומען אויף שבת צום רבין.

און דעמאָלט, אויף דער ערשטער נסיעה פון זיין שטעטל אַרויס, איז פאַר־געקומען דער ערשטער איבערברוך אין דודלס לעבן.

ער האָט פּלוצלינג דערזען, אַז אַ חוץ זיין שטעטל איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע וועלט און פאַרנדיק שעהן לאַנג אויף דער פור וואָס אייזיקל בעל־עגלה האָט אָנ־געפירט, האָט ער אויפן וועג געזען אַזויפיל בוימער און אַזויפיל גראָזן און ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן, אפשר וועט ער ערגעצוואו אונטער אַ בוים זען אַ למד־וואָווניק תפילה־טון, אַזוי ווי אַמאָל ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ווי אין די מעשיות וואָס ער האָט געלייענט אין די „ספורי־נפלאות”...

און זוכנדיק מיט זיינע בליקן אַ למד־וואָווניק, האָט ער דערווייל געזען שיינע בערג וואָס האָבן אויסגעזען ווי טאַפּעצירט מיט פאַרשידן־קאָלירנדיקע טע־פּיכער און ווי צווישן די בערג שלענגלט זיך די ווייסל, דרייט זיך און שלענגלט זיך, ביז זי ווערט דאָרט ערגעצוואו פאַרשוואונדן צווישן די בערג און ער האָט געזען גאָטס וואונדער, ווי אַזוי די זון גייט אונטער אויף מערב־זייט און גע־פרייט האָט ער זיך, וואָס זיצנדיק אויף דער פור, האָט ער געמעגט דאַווענען די מנחהדיקע שמונה עשרה נישט דווקא צו מזרח־זייט און צום ערשטן מאָל, וואָס ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, נאָר דאַווענענדיק די שמונה־עשרה מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער זיי כסדר פאַמעלעך געעפנט און געוואָרפן אַ בליק צום זון־פאַר־גאַנג, וואָס האָט די ווייטע באַרג־שפּיצן געוואַשן מיט גאָלד.

דאָס איז געווען דער ערשטער איבערברוך אין דודלס לעבן און זינט דעמלט האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן ענג צווישן די גרויע ווענט פון שטעטלשן קלויז און עס האָט אים אָנגעהויבן ציען אַרויס, אויפן פרייען פעלד, גיין אַזוי ווי דער בעל־שם־טוב אין וועלדער, אויף בערג און דאָרט מתפלל זיין צו גאָט, ער זאָל צואיילן מיט דער גאולה פאַר אידן...

און גאַנץ אָפט האָט זיך דודל אַרויסגעגנבעט פון קלויז, מיטגענומען מיט זיך זיין גמרא און זיך געלאָזן אויסערן שטעטל, צו דער ווייסל צו און דאָרט ביים ברעג, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים, אויפגעמישט די גמרא, אָבער געלערנט — האָט ער נישט.

זיינע אויערן האָבן פאַרנומען דאָס ריזלען פון וואַסער און דאָס שושקען

זיך פון די בוים־בלעטלעך און גראָזן, די קלאַנגען האָבן זיך ווי געטלעכע מוזיק געגאָסן אין זיין האַרץ און די אויגן, ברייט־צעעפנטע, האָבן מיט דורשט גע־שלונגען די בילדער פון דער שיינער נאַטור־פּאַנאָראַמע.

דאָ, אויפן פרייען דרויסן, האָט ער ערשט דערזען גאָטס גרויסקייט און זיין געטלעכע שיינקייט וואָס איז אויסגעשפּרייט אונטער דעם בלוי־הימלישן פּרוכת און ווען ער איז נאָר געקומען אין קלויז, האָט אים באַלד גענומען נאָגן די בענק־שאַפט נאָך דער געטלעכער שיינקייט און ער האָט נישט געקאָנט לאַנג בלייבן צווישן די גרויע ווענט, וואו אַלץ אין אים האָט זיך געפילט געפּענטעט און גע־דריקט ווי פון אַ שווערער לאַסט.

— ד —

די ענדערונג וואָס איז אין דודלען פאָרגעקומען, וואָלט זיין פרומען פאָטער זיכער זייער שטאַרק ווייַ געטון, אָבער אַ סך זאַכן האָבן זיך אין דער זעלבער צייט געענדערט אַזוי צום שלעכטן, אַז ר׳ שלומל דיין האָט זיך אפילו נישט גע־כאַפּט אַז דודל איז אַראָפּ פון דרך־הישר.

צוערשט איז דודלס מאַמע פאַרשלאָפט געוואָרן, אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן אין בעט און עס האָט נישט געהאָלפן ר׳ שלומלס תהילים־זאָגן, עס האָט נישט געהאָלפן וואָס שטעטלשע גבאיטעס האָבן געמאָסטן קברים פאַר אירעטוועגן און איר צוגעגעבן אַ נייעם נאָמען, מען זאָל זי רופן אַ ל ט ע ־ לאה, אפשר וועט דער מלאך־המות האָבן אַ טעות, ער וועט זוכן לאהלען, וועט ער זי נישט געפינען, ווייל דאָ ליגט אַלטע־לאה... דאָס אַלעס האָט נישט געהאָלפן, די פרומע פרוי האָט מער קיין יאָרן נישט געהאַט און זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן אויף אייביק.

און נאָך איידער ר׳ שלומל האָט באַוויזן זיך צו טרייסטן נאָך זיין גרויסן פאַרלוסט, איז אויסגעבראָכן דער גרויסער וועלט־בראַנד פון 1914, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה מיט עוואַקואַציעס, פון די מענטשן־פּנימער האָט זיך אָפּגע־טון דער צלם־אלוקים און יעדער האָט נאָר געקוקט צו ראַטעווען דאָס אייגענע שטיקל חיות, נישט רעכענענדיק זיך מיטן צווייטן און גראָד איז דאָס שטעטל געווען נאָענט פון מלחמה־פראָנט וואו דאָס ערשטע פייער איז אויסגעבראָכן און די געשעענישן זיינען געלאָפן אַזוי שנעל, אַז דער מענטש האָט זיי מיטן פּשוטן שכל נישט געקאָנט נאָכלויפן און אין אַזעלכע בהלה־צייטן פון פייער און אומ־קום, האָט ר׳ שלומל נישט געקאָנט זען די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דודלס נשמה.

— ה —

די געשעעענישן זיינען געלאָפן אזוי שנעל, אז דער פשוטער מענטשלעכער שכל האָט זיי נישט געקאָנט אָניאָגן.

ר' שלומל מיט זיינע דריי טעכטער און זיין זון דודל האָבן עוואַקואירט. אויף שנעל האָבן זיי אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף אַ פור, געפאָרן ווייט ביז אַ באַן־סטאַנציע און דערנאָך אין אַ משא־וואַגאָן געפאָרן טעג און נעכט און ביי יעדן לענגערן אָפּשטעל, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אז עס פעלט זיי אַן אַנדער פּעקל פון זייער באַלעבאַטישקייט און אויף איין סטאַנציע איז נאָך געקומען אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, מען האָט פון די וואַגאָנעס אַרויסגעשלעפּט הונדערטער פאַרדעכטיקע אויף טיפוס־קראַנקייט, און צווישן די הונדערטער זיינען אויך געווען דודלס צוויי עלטערע שוועסטער, רבקהלע און דבורהלע.

ר' שלומל האָט געוואָלט בלייבן מיט זיי, אָבער מען האָט נישט דערלויבט. מען האָט די פּליכטלינגע צוריק אַריינגעטריבן אין די וואַגאָנעס, פאַרשלאָסן זיי און די באַנען ווייטער געטריבן און אזוי, ערשט נאָך צוויי וואָכן פאָרן, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ גויאיש שטעטל, וואו מען האָט זיי מיט די בע־בעכעס אַריינגעטריבן אין אַ שמוציקן הילצערנעם באַראַק, וואָס איז געווען אַן אמתער גהינום.

ווען דודל האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג פון באַראַק, איז ר' שלומל דווקא צופרידן געווען דערפון, כדי זיין זון זאָל נישט דאַרפן צוזען די אַלע געמיינקייטן וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען.

פון רבקהלען און דבורהלען איז נישט געווען קיין שום ידיעה. ר' שלומל האָט אפילו נישט געוואוסט וואו זיי געפינען זיך און וואָס פון זיי איז געוואָרן. ער האָט טאָג און נאַכט געזאָגט תהילים און גאָט געבעטן פאַר זיי און אַלץ גע־האָפט, אז דער בראַנד וועט זיך אָפּלעשן און עס וועט ווידער ווערן אַ וועלט ווי געווען.

אָבער דער וועלט־בראַנד האָט זיך נישט פאַרלאָשן. די שׂרפה האָט זיך כסדר מער צעפלאַקערט און דאָס פייער האָט כסדר אַלץ נייע קרבנות געפאָדערט, ביז איינמאָל האָט זיך אין די באַראַקן באַוויזן אַ מיליטערישע קאָמיסיע, מען האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַלע מענער צווישן ניינצן און צוויי און פערציק יאָר אַלט, און צווישן די אַרויסגענומענע איז אויך געווען ר' שלומל דיין.

דודל איז געבליבן אַליין מיט זיין צען־יעריק שוועסטערל פריידעלע.

צוליב איר, האָט ער שוין נישט געקענט פאַרלאָזן דעם באַראַק און דאָס איז אים זייער שווער אָנגעקומען, ווייל ער האָט שוין אין דעם שטעטל געהאַט גע־פונען אַזעלכע שיינע פּלעצער וואו צו פאַרברענגען צווישן די געטלעכע שיינ־קייטן, ביז איינמאָל, האָט ער עס מער נישט אויסגעהאַלטן, עס האָט אים געצויגן און ער איז אַרויס.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין באראַק, האָט ער דאָרט געטראָפן פּאָליציי און עמיץ האָט עפּעס געפרעגט ביי זיין פּאַרוויינטער שוועסטער און דערנאָך האָט מען אַוועקגעפירט אַ מענטש מיט אַ צעווילדעוועטן אויסזען אין קייטן געשלאָסן און ווען דודל האָט געפרעגט ביי פריידעלען וואָס אַזוינס עס איז געשען, האָט די צען־יעריקע פריידעלע געענטפערט מיט אַ געוויין, אָבער אָן ווערטער.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט פריידעלע געברענט אין היציקן פיבער; ווידער איז געקומען פּאָליציי, אַ מענטש האָט געפּרוווט ביי איר עפּעס פרעגן, אָבער זי האָט געגליט פון פיבער און נישט געענטפערט.

מען האָט זי אַוועקגעפירט אין באַראַק־שפּיטאָל. דודל האָט נישט אָפּגעטראָטן פון שפּיטאָל־טיר גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה, ביז מען האָט אים אַריינגעלאָזן צו איר און ער האָט זי נאָך געטראָפן אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן.

זי האָט שוין נישט געוויינט, די צען־יעריקע פריידעלע. זי איז דורך די 24 שעה אַלט געוואָרן און פון אירע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט דיליידן פון אַ לאַנג פּיינפול לעבן און ווען זי האָט דערזען דודלען נעבן איר בעטל, האָט זי אים געגנו־מען גלעטן זיין האַנט; אירע הארטע צעשראָקענע בליקן זיינען געוואָרן ווייך און זיי האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און פּלוצלינג האָט זי אים אָנגעהויבן קראַצן און קנייפּן די האַנט און אויף איר פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן צוערשט אַ שמייכל, דערנאָך אַ ווייטיקלעכער גרימאַס און באַלד ווידער אַ שמייכל, וואָס איז שוין געבליבן פאַרגליווערט אויף איר טויט פּנימל...

דודל איז געבליבן איינער אַליין אויף דער גרויסער וועלט, ער איז דעמאָלט געווען אין זעכצנטן יאָר.

— ו —

וואָס איז געוואָרן מיט ר' שלומל דיין? וואָס איז געוואָרן פון דודלס צוויי עלטערע שוועסטער רבקהלע און דבורהלע?

דודל האָט מער נישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

דודלען מיט נאָך אַנדערע פאַרוואָרלאָזטע קינדער האָט מען צוגענומען פון באַראַק און מען האָט זיי אָפּגעשיקט אין פאַרשידענע שטעט און אויף דודלען איז אויסגעפאַלן דער גורל אָנצוקומען קיין ווין.

אין ווין האָט מען אים געשיקט פון איין פּלאַץ צום אַנדערן, ביז ענדלעך האָט מען אים גענומען אין אַ רעגירונגס־דרוקעריי אַלס לערן־אינגל. מיט זיין גוטן קאָפּ, האָט ער שנעל אויסגעלערנט אַרבעטן און פּאַמעלעך האָט דודל באַקו־מען חברים, ער איז שוין אַרויס פון ד ע ר דרוקעריי און געגאַנגען אין אַן אַנדערער, ער האָט שוין אָנגעהויבן גיין אין אַ פאַריין און דאָרט האָט ער זיך פון פאַרשידענע רעפעראַטן אָנגעהויבן באַקענען מיט די נויטן פון די מאַסן און

דאָרט האָט ער זיך ערשט דערוואוסט, אַז נישט נאָר ער האָט געליטן פון די מלחמה־גרויזאַמקייטן, נאָר טויזנטער און מיליאָנען מענטשן, און ווען עס איז אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, האָט ער געהאַלטן מיט די פאַריינס־מענטשן וואָס האָבן געטענהט, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיליאָנען אומשול־דיקע, טאָר נישט פאַרלוירן גיין מיט גאָרנישט; פאַר דעם טייער באַצאָלטן בלו־טיקן פּרייז, דאַרף מען אויסקעמפן פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן און הערנדיק אַז אין אונגאַרן גרייט מען זיך צו אַזאַ אַנטשיידנדיקן קאַמף, האָט ער זיך אַריבערבאַקומען איבער דער גרעניץ, איז אַוועק קיין בודאַפּעסט און נאָך אַ קורצער צייט, איז ער שוין צוריקגעקומען מיט אינסטרוקציעס קיין ווין, צו די ווינער אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אויך דאָ עפּעס אָנהויבן, אָדער ווייניקסטנס העלפן די קאַמעראַדן אין אונגאַרן.

און אויך איצט זיינען די געשעענישן געלאָפן שנעלער ווי דער פּשוטער מענטשלעכער שׂכל האָט זיי געקענט באַנעמען.

דודל איז געוווען אַזוי פאַרכאַפּט פון זיין אַרבעט פאַר דער באַוועגונג, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיינע איבערגעלעבטע אומ־גליקן.

ער איז טראָץ זיין יונגקייט געוואָרן אַ וויכטיקער פאַרטרויאונגס־מענטש פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, ער איז געפאָרן מיט וויכטיקע שליחותן פון איין לאַנד אין אַנדערן, געזען זיך און קאָנפערירט מיט גרויסע פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן, געפאָרן פון ווין קיין צוריך, פון צוריך קיין בערלין, באַלד גע־ווען אין שטאָקהאָלם און ווידער אין בודאַפּעסט און שפּעטער אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער איבערקערעניש אין מינכען, ער האָט געפילט אַז ער טוט אַ הייליקע אַר־בעט; ער האָט געפילט אַז ער טוט דאָס אַלעס, כדי אויסצושפּרייטן די געטלעכע שיינקייטן און געטלעכע גענאָד איבער אַלע מענטשן גלייך.

דוד האָט שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען, אַז נישט בלויז צווישן די ענגע ווענט אין קלויז געפינט זיך גאָט.

צוערשט האָט זיך פאַר אים די געטלעכקייט אַנטפּלעקט אין דער שיינקייט פון דער נאַטור און דערנאָך האָט ער זי געזען אין מענטשלעכקייט, אין ברי־דערלעכן באַנעמען זיך פון איין מענטש צום אַנדערן און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַן אמת ברודערלעך באַנעמען צווישן איין מענטש און אַנדערן, קאָן נאָר זיין צווישן פרייע מענטשן, ביי גלייכע מענטשן, אָן קלאַסן־אונטערשידן...

צומאָל, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן די שעהן וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי דער ווייסל, וואָס האָט זיך געשלענגלט הינטער זיין שטעטל, אָן דעם פלאַ־קערנדיקן זון־אונטערגאַנג וואָס ער האָט דאָרט געזען, איז אים אויך געקומען אויפן זינען די מעשה מיט משה רבינו, ווי ער האָט אין דעם ברענענדיקן „סנה" דערזען גאָט און דאַן איז ער געגאַנגען באַפרייען די פאַרשקלאַפטע אידן.

אין זיין מהות, איז דוד געבליבן רעליגיעז און ער האָט — אפשר אומבאַ־

וואוסטזיניק — געפילט א מין רעליגיעזע באפרידיקונג אין דעם אלעם וואס ער האט געטון פאר דער באפרייאונגס־באוועגונג.

ער האט פארשטאנען, אז נאר ביי א באפרייטער מענטשהייט וועט הערשן געטלעכע שיינקייט און שלום, און די וועלט וועט זיך אנטוויקלען געניסנדיק פון גאטס גרויסער גענאד.

— ז —

אזוי זיינען די געשעענישן געלאפן ווי געיאגטע פון טייוואלים. רעוואלו־ציעס זיינען אויסגעבראכן און מען האט זיי דערשטיקט. תליות זיינען געבויט געווארן, העק זיינען געשארפט געווארן און פולווער איז פאבריצירט געווארן און דאס, נישט פאר די אויסערלעכע שונאים, נאר פאר אייגענע ברידער, פאר ביר־גער־מלחמות...

די תליות האבן נישט גערוט און וואס מער קרבנות עס זיינען געפאלן, אלץ אינטענסיווער איז אנגעגאנגען די אונטערערדישע ארבעט פאר דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט און אין דער אונטערערדישער ארבעט, האט דוד געזען דעם קאמף צווישן ליכט און פינצטערניש. ער האט דעם קאמף פארגליכן מיט א זו־נען־אויפגאנג וואס קומט פון אונטער דער ערד און פארטרייבט די פינצטערניש פון דער אויבערפלאך און זיכער איז ער געווען, אז סוף־כל־סוף, וועלן נישט העלפן די אלע פינצטערע כוחות. די זון וועט זיך ארויסרייסן, זי וועט אויפגיין און ווארפן אירע ליכטיקע שטראלן אויף אלע מענטשן גלייך, אירע פרייע שטראלן פאר א באפרייטער מענטשהייט.

אבער דערווייל זיינען די פינצטערע כוחות געווען שטארקער.

די תליות האבן געארבעט, די תפיסות זיינען אנגעפילט געווארן מיט פאָ־ליטישע, פראוואקאטארן האבן איבערגעגעבן זייערע בעסטע חברים אין די נעגל פון חיהשן שונא און ענדלעך איז אויך דודל אריינגעפאלן.

ער האט געהאט א פראצעס, מען האט אים פאראורטיילט צום טויט, און ווען צו אים אין קעמערל איז געקומען א רב מיט א תהילימל אין האנט און גע־וואלט מיט אים זאגן ווידוי, האט ער זיך דערמאנט אן זיין פרומען טאטן, אן זיינע צוויי שוועסטער, וואס ער ווייס נישט וואס פון זיי איז געווארן און אן זיין קליין שוועסטערל, וואס איז אין בראק פארגוואלטיקט געווארן און זי איז דער־נאך אויסגעגאנגען אין שפיטאל האלטנדיק זיין האנט אין אירער...

א שטראם טרערן האבן זיך א לאז געטאן פון זיינע אויגן און ער איז א פאל געטון אויפן הילצערנעם פריטש פון זיין קעמערל און געוויינט, געוויינט און נישט געקאנט זיך באהערשן און ווען די טרערן האבן ענדלעך אפגעוואשן דעם ווייטיק פון זיין הארץ און ער האט ווידער די אויגן געעפנט, איז דער ראבינער שוין נישט געווען אין קעמערל.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, ווען דודל האָט שוין אָנגעהויבן ציילן די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, האָט מען אים געמאָלדן, אַז זיין טויט־שטראָף איז אויף אַן אַלערהעכסטן באַפעל פאַרביטן געוואָרן אויף פופצן יאָר תפיסה.

— ח —

ווען מען זאָל דודן געוועזן פרעגן — וואָס ווילסטו בעסער? טויט־שטראָף אָדער פופצן יאָר תפיסה? וואָלט דוד לאַנג געמוזט טראַכטן וואָס צו ענטפערן.

אָבער ווען עס איז שוין געשען, האָט ער די תפיסה־שטראָף מקבל געווען באהבה און צומאָל האָט אין אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק, אַ האָפענונג, אַז אינ־דרויסן רוט מען נישט און אַז אין אַ ליאַדע טאָג וועלן די דיקע תפיסה־מויערן צעטרימערט ווערן און ער און די אַלע ווי ער, וועלן צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפרייטער מענטשהייט פּראַוען דעם גרויסן פרייהייטס־יום־טוב.

אָבער טעג זיינען פאַרגאַנגען, וואָכן און יאָרן, און אין תפיסה איז אַלץ געבליבן טריב און פינצטער און עס האָט אויסגעזען ווי די דיקקייט פון די ווענט וואָלט געוואַקסן און כסדר געוואָרן דיקער, כדי נישט צו לאָזן אַריינדרינגען קיין קלאַנג, קיין שאָרך פון דער דרויסנדיקער פרייער, כאָטש טיראַניזירטער וועלט.

די ערשטע צייט האָט מען אים נאָך אַרויסגענומען פון קעמערל, געפירט אים צו הויכגעשטעלטע פּאָליציי־באַאמטע, מען האָט מיט אים גערעדט, געפּרואווט אים אויפווייזן, אַז אַזאַ יונגער מענטש קאָן נאָך אַ סך אויפטון, ער דאַרף זיך נאָר אויסטויגן און ער קאָן אפילו שוין צוריקגעווינען זיין פרייהייט...

ער האָט פאַרשטאַנען די אַלע אָנצוהערעניש, אַז דאָס אַלעס מיינט אַ שענד־לעכן פאָרשלאַג צו ווערן אַ מין אַזעוו, אַ פּאָליצייסקער שפּיאָן, אַ פּראָוואָקאַטאָר, ער זאָל זיך מיט יענעמס בלוט, אויסקויפן זיין אייגענע פרייהייט און ער האָט די שענדלעכע אָנצוהערעניש מיט פולן אויפברויז פון זיין ערלעכער נשמה צור־ריקגעשליידערט מיט עקל און אַזוי, זעענדיק אַז דער יונגער אַרעסטאַנט איז אייזן־פעסט, האָט מען אים ענדלעך אויפגעהערט יאָדען און עס האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן ציען לאַנגע מאָנאָטאָנע טעג, וואָס האָבן זיך אין זיין פינצטערן קעמערל צונויפגעגאָסן מיט די לאַנגע פינצטערע נעכט...

אָפטמאָל האָט זיך דודן אויסגעוויזן, אַז נישט אין תפיסה זיצט ער, נאָר אין קלויז, צווישן די דיקע קלויז־ווענט און ווי דאָרט אַמאָל, האָט ער אויך דאָ געפילט די בענקשאַפט צו דער פרייער נאַטור, צו דער געטלעכער שיינקייט פון דער אָפענער פרייער וועלט.

די ערשטע צייטן, האָט נאָך זיין געהער פאַרנומען געשרייען, געוואַלדן און געוויינען, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די דיקע תפיסה־ווענט פון אַנדערע קעמערלעך; ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען געשרייען פון געפייניקטע אַרעס־

טאנטן; אָבער וואָס האָט ער געקענט העלפן? ער איז דעמאָלט אין זיין קליין קע־מערל געגאַנגען אויף און אָפּ און מיטגעפילט די פּייניקונגען, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשפּילט אויף זיין אייגן לייב.

אָבער די צייט האָט זיין געהער שטומפּיק געמאַכט און עס האָט אויפגעהערט ווירקן אויף אים.

אין דער מאָנאָטאָנקייט פון לאַנגע טרויעריקע טעג און נעכט, האָט ער אָנ־געהויבן ווערן אַן איינגעשלאָסענער אין זיך.

טעג, וואָכן און יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, און די תפיסה־מויערן זיינען אַלץ געבליבן פעסט און פּאַמעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן לעשן דודס האָפענונגען. אַז עס וועט נאָך ווערן אַנדערש און אין מאָמענטן פון מיטגעפיל צו דער טיראַני־זירטער מענטשהייט, האָט ער פאַרגאָסן טרערן פון מאַכטלאָזיקייט.

אַ סך מאָל, אין משך פון די יאָרן, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פאָטער און אָן זיינע שוועסטער און כאָטש ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי שטאַרק אָנגעקניפּט מיט זיי, האָט ער געפילט אַ גוואַלטיקע בענקשאַפט און ער וואָלט זיכער זיין לעבן אָפּגעגעבן, כדי צו קענען וויסן וואָס פון זיי איז געוואָרן.

אין דעם צושטאַנד פון יאושפולן בענקען, וואָלט ער זיכער געווען אונטער־געגאַנגען, ווען עס קומט נישט פּלוצלינג אַ נייע אָפּפרישונג.

אַ נייער תפיסה־וועכטער האָט זיך באַוויזן און דער נייער וועכטער האָט אים אין אַ געווינסן טאָג איבערגעגעבן עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס פון דער פּאַרטיי.

ער האָט זיך פּלוצים ווידער איבערצייגט, אַז אינדרויסן רוט מען נישט, אַז עס קאָכט זיך נאָך און אַז נאָך זיינען די אידעאַלן פאַר פרייהייט נישט אינגאַנצן צעטראָטן!

ווידער האָבן זיינע האָפענונגען אויפגעלויכטן און ער האָט מיט ציטערניש געוואַרט אויף ווייטערדיקע גרוסן פון דער דרויסנדיקער וועלט, אָבער מער האָט ער דעם תפיסה־וועכטער נישט געזען און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע, שטילע און פּיינפולע מאָנאָטאָנקייט.

— ט —

אַדאַנק אַ דעקרעטירטער אַמנעסטיע, איז דוד באַפרייט געוואָרן נאָך צען יאָר אָפּזיצן אין תפיסה.

דעם ערשטן פרייען טאָג, האָט ער זיך ווי פאַרשיכורט סתם אַרומגעבלאָנ־קעט איבער גאַסן און זשעדנע געשלונגען די פרייע לופט.

אויפן צווייטן טאָג, האָט ער זיך געלאָזן זוכן עמיצן פון זיינע באַקאַנטע טוער אין דער באַוועגונג, אָבער ער האָט נישט געפינען נישט די טוער און נישט די באַוועגונג.

דורך די צען יאָר איז עפּעס אַלעס אַזוי אַנדערש געוואָרן, אַזוי ווייט און פרעמד פאַר אים, אַז ער האָט זיך שוין אויף דער פרייהייט אָנגעהויבן פילן נישט ווייניקער עלנט ווי אין תפיסה־קעמערל.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער און פאַרמרה־שחורהטער און עס איז אים נישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן, אַז עפשר איז ער אַליין גאָר דורך די צען שווערע תפיסה־יאָרן אַנדערש געוואָרן; אַז אפשר האָבן די צען פאַר־בראַכטע יאָר הינטער די דיקע תפיסה־מויערן אָפּגעטויט אין אים די קאָנטראָל איבער זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעזען סיי אין זיין פּלוצימדיקן אַריינפאַלן אין פלעגמאַטישער גלייכגילטיקייט, ווי אין זיינע פּלוצימדיקע אויפברויזן פון רעוואָלוציאָנערן אימפעט, וואָס איז אין דער צייט געווען אַזוי געפערלעך און מען האָט זיך פשוט געשראָקן פאַר אים און אים גע־מוזט האַלטן אין דיסטאַנץ פון די קאָנספּיראַטיווע טעטיקייטן.

אָבער ווען ער האָט אויפסניי אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אַ דרוקער, האָט ער ווידער באַקומען חברים, זיי האָבן אים געפירט אין פאַך־פאַריין, נאָר דאָרט האָט ער מער נישט געטראָפן דאָס וואָס אַמאָל, ער האָט דאָרט נישט געהערט ריידן וועגן עפּעס אַנדערש ווי נאָר וועגן פאַך־אינטערעסן און לוין־הוספה־פאָדערונגען, גלייך ווי אַ גראָשנדיקע הוספה פאַרן אַרבעטס־טאָג וועט שוין באַפרידיקן אַלע זייערע אַספּיראַציעס...

ער האָט אויך אָנגעהויבן באַזוכן אַנדערע פאַך־פאַריינען און אויך דאָרט האָט ער געטראָפן דעם זעלבן מצב און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין משך פון די צען יאָר וואָס ער איז געזעסן אין תפיסה, האָט זיך אַלעס זייער שטאַרק געענדערט, אַז די מענטשהייט איז געוואָרן ווי און מאַטעריאַליזירט.

אין די צייטונגען האָט ער געזען וואָס פאַראַ איבערקערעניש עס איז פאָר־געקומען אין בערלין און ער האָט עס זיך גאַרנישט געקענט גלויבן ווי אַזוי אַזוינס איז גאָר דאָרט מעגלעך געווען; אָבער נאָך גרעסער איז געוואָרן זיין טרויער, ווען ער האָט געזען ווי דער סם טראָגט זיך פאַמעלעך איבער פון דייטש־לאַנד אין אַנדערע לענדער און ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען צווישן זיינע פאַך־קאָלעגן ווי אַ פאַרלוירענער.

ער האָט זיך אַפילו געפּרוּווט רייסן צו מעשים, ער האָט שוין געוואוסט פון געהיימע קעמערלעך וואו עס ווערט אָנגעפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט קעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער פאַשיסטישער געפאַר און ער האָט געוואָלט לייסטן פאַר דער אַרבעט, אָבער אין די קעמערלעך האָט ער מער נישט געטראָפן זיינע אַמאָליקע אידעאַליסטישע פאַרטיי־חברים, נאָר אַנדערע, נייע, וועלכע האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז פאַר אים, ווי פאַר דער זאַך, צו געפערלעך צו אַקטיר־ירן, ווייל ער איז אונטערן אויג פון דער פּאָליציי.

צווישן זיינע גראָשנדיקע קאַמעראַדן האָט ער זיך וואָס ווייטער אַלץ ערגער אָנגעהויבן פילן און ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז צוויי פון זיינע אַמאָליקע

פריינט זיינען היינט אין אמעריקע, האט ער אוועקגעשריבן בריוו צו זיי, אין די בריוו האט ער זיי באשריבן און געשילדערט זיינע ליידן און געבעטן, אז זיי זאלן אים ארויסראטעווען, אז ער וויל אוועק, ער וויל מען זאל אים ארויסנעמען קיין אמעריקע, וואו מען קאן נאך פריי אטעמען...

אבער וואכן און חדשים זיינען פארגאנגען און קיין ענטפער איז אויף די בריוו נישט געקומען.

טראכטנדיק, אז אפשר זיינען זיינע בריוו נישט אנגעקומען צו די אדרע־סאנטן, האט ער נאכאמאל געשריבן, אבער קיין ענטפער איז אלץ נישט געקומען.

— י —

דוד איז צוריקגעפארן אין זיין שטעטל אין גאליציע.

האט אים דארט אהינגעצויגן דער געדאנק, אז אפשר וועט ער דארט געפינען זיין פאטער אדער זיינע שוועסטער?

ער האט זיך אליין נישט געקענט אפגעבן קיין רעכענונג וועגן דעם. פונ־דעסטוועגן, ווען ער האט דארט קיינעם פון זיינע נאענטע נישט געפינען און אויף דעם פלאץ פון זייער הילצערנער הייזקע מיט דער מאמעס קלייטל איז געשטאנען א ניי־געבויטע שטוב מיט א צלם אויף דער פראנט־וואנט און מיט א קאאפעראַ־טיוו געשעפט מיט א שילד און אויפגעקלעפטע בלעטלעך, מען זאל נישט קויפן ביים איד, נאר אין קריסטלעכן קאאפעראטיוו, האט זיך ביי אים עפעס אפגעריסן אין הארץ און ער האט זיך ווידער געפילט אזוי עלנט און דערשלאגן, ווי ער וואלט זיינע נאענטע נאר־וואס פארלוירן.

ער איז אוועק צום קלויז, אבער געפונען האט ער דארט בלויז א חורבה און מיט ווייטיק האט ער געטראכט פארוואס די גרויע קלויז־מויערן זיינען צעשמע־טערט, נאר די טורמע־מויערן שטייען נאך אלץ פעסט...

ער איז אוועק צום ברעג ווייסל, וואו ער האט אמאל פארבראכט זיינע איינזאמע שעהן מיט גאט־לויבן פאר זיין גענאד, וואס ער שפרייט אויס אזויפיל שיינקייט איבער דער וועלט און זיצנדיק איצט אזוי אויפן זעלבן פלאץ, איז אים ווידער, ווי אמאל, איינגעפאלן צו בלייבן דא אזוי און ווי דער בעל־שם־טוב, זאל ער דא פראווען יחידות און לויבן גאט און בעטן ער זאל אויסשפרייטן זיין רחמים איבער דער וועלט און צואיילן מיט דער גאולה.

ער האט אין דעם מאמענט איבערגעפילט אלץ וואס ער האט איבערגעלעבט זייט זיין באפרייאונג פון ער האט געפילט, אז אזא מאטעריאליסטי־שער אידעאליזם וועט שוין די גאולה נישט ברענגען און אז נאר א נס, נאר א נס קאן ברענגען די גרויסע געשעעניש.

ער איז געזעסן ביים ברעג ווייסל און געקוקט אין דער ווייטקייט, וואו די

פלאַמען פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן געצונדן די באַרג־שפּיצן, ווי ער וואָלט געוואָרט אַז פון דאָרט זאָל קומען דער נס.

— יא —

דוד האָט זיך געלאָזן איבער לענדער.

אָן מיטלען, אַן עלנטער און דורכגעליטענער, מיט אַ ווייטיקלעכער אַנטוי־שונג אין האַרצן, האָט אים דאָך עפּעס אַן אינערלעכע אומרו געטריבן פון אָרט צו אָרט. אין די גרויסע שטעט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געאַרבעט אַביסל ביי וואָס עס האָט זיך געלאָזן, ווייל אַנדערע צייטן זיינען געוואָרן, ווען היימישע אַר־בעטער האָבן אַ פרעמדן, אַ צוגערייזטן, נישט צוגעלאָזן צו זיין פאַך, און די פרעמדע שפּראַכן האָט ער אויך נישט געקענט, דעריבער האָט דוד געמוזט אַר־בעטן ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן און אַבי ער האָט פון ביסן אָפּגעשפּאָרט וויפל נישט איז, איז ער געפאָרן ווייטער.

אים איז געוואָרן עפּעס אַזוי, ווי דאָס פאָרן פון אָרט צו אָרט גופא, וואָלט געווען די שליחות פון זיין לעבן און עס איז אים אַ סך מאָל געקומען אויפן געדאַנק, אַז ערגעצוואו אויף דער גרויסער וועלט, מוזן זיך געפינען די לאַמעד־וואָוו־צדיקים אין וועמענס זכות די וועלט האַלט זיך אויף און וואַרט אויף איר אויסלייזונג און ער וועט אַזוי לאַנג אַרומפאָרן, ביז ער וועט זיי געפינען און זיך אָנשליסן צו זיי.

איז ער אַרומגעפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, געזוכט, אָבער איבעראַל האָט ער געפינען די זעלבע מאַטעריאַליזירטע מענטשן, וואָס האָבן זיך אין בעסטן פאַל באַנוגנט מיט בלויזע לויב־געזאַנגען פאַרן ראַטנפאַרבאַנד און פאַר זיך אַליין, האָבן זיי גאָר געטראַכט וועגן סענטיקע הוספות אויף זייערע לוינען.

נאָך אַ לאַנגן נע־ונד, האָט דוד ענדלעך אָנגעשפּאַרט קיין אַרגענטינע.

דאָ איז זיין לאַגע געוואָרן אַזוי שווער, אַז ער האָט שוין נישט געקענט טראַכטן וועגן פאָרן ווייטער, ער האָט ביי צופעליקע אַרבעטן קוים פאַרדינט דעם טאָג איבערצולעבן, דאָך האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט זיך דאָ ווידער אָנ־געהויבן דערנענטערן צו מענטשן, צו פאַריינען, ער האָט זיך באַקענט מיט עט־לעכע חברים ביי וועלכע ער האָט געזען העכערע שטרעבונגען און צוזאַמען מיט זיי, האָט ער באַשלאָסן אָנצוטון אָן זיך אַ כוח, שפּאָרן אַ סענט צו אַ סענט און אָנזאַמלען אויף הוצאות צו קענען פאָרן צוזאַמען מיט זיינע נייע חברים אַלס פּיאָנערן־גרופּע קיין ביראָבידזשאַן.

דער פּלאַן האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט און ער האָט ווידער געפינען אַ ציל אין זיין לעבן און פּאַמעלעך אָנגעהויבן צוריקגעווינען זיין גייסטיקע גלייכ־געוויכט.

די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער איינגוואַנדערונג קיין ביראבידזשאַן וואָס דאַרף איינגיכן פּראָקלאַמירט ווערן אַלס אידישע טעריטאָריע, איז געגאַנגען מיט פולן גלאַנץ; געלטער זיינען געזאַמלט געוואָרן פאַר דעם צוועק און דאָס האַ״ע איז אין דודן געוואַקסן פון פרייד, זעענדיק ווי די אָרימע אידישע אַרבעטער־מאַסן גיבן אַוועק די לעצטע סענטן פאַר דעם שיינעם צוועק; אָבער אַזוי ער, ווי זיינע אַי־דעאַלע חברים־פּיאָנערן האָבן נישט געוואָלט קיין קצבה, זיי האָבן אַליין גע־שפּאָרט אויף הוצאות פונקט ווי די פאַבריקע פּיאָנערן־גרופּע וואָס איז אויף איי־גענע הוצאות אַוועק קיין ביראבידזשאַן און דאָס זיינען ווידער געווען די ליכטיקע מינוטן, ווען דוד האָט געריידט מיט זיינע חברים וועגן די שיינע אויפגאַבן וואָס זיי נעמען אויף זיך מיט זייער פאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד אויף דער צוקונפטיקער אידישער טעריטאָריע.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די שטרעבונגען, ביז עס האָבן זיך אָנגערוקט נייע געשעענישן, וואָס האָבן דודס פּלענער צונישט געמאַכט.

— יב —

פּלוצלינג איז אויסגעבראָכן דער פאַשיסטישער אויפשטאַנד אין שפּאַניע און די שאַפונג פון פאָלקס־פראָנט האָט אין דודן אויפגעוועקט פריידיקע האָפענונ־גען, אַז דער פאָלקס־פראָנט וועט זיגן און צום ראַטנפאַרבאַנד וועט צוקומען נאָך אַ פריי לאַנד.

דוד האָט אין דעם רעבעלישן אויפשטאַנד אין שפּאַניע, געזען דעם אָנגריף אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד און אויף דעם גאַנצן ביסל נעבעכדיקער פרייהייט וואָס איז נאָך געבליבן אויף דער וועלט און ער איז געווען זיכער, אַז שוין צוליב זעלבסטפאַרטיידיקונג, וועט זיך דער ראַטנפאַרבאַנד מוזן אָנשליסן צום צד פון די פרייהייטס־קעמפער, כדי אין אָפענעם פּאָזיטיוון קאַמף צו טויטן די פאַשיס־טישע הידרע.

אָבער אין דער צייט, האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעות וועגן אינערלעכע קאַמפן אין ראַטנפאַרבאַנד גופא און כאָטש דוד האָט אַמאָל נישט באַקומען קיין ענט־פער אויף זיינע בריוו צו צוויי קאָמיסאַרן, זיינע אַמאָליקע קאַמעראַדן, פונדעסט־וועגן האָט אים די ידיעה אַז זיי זיינען געווען צווישן אַ גרופּע דערשאָסענע אַלטע רעוואָלוציאָנערן, געטראָפן ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ.

און וואָס ווייטער, זיינען די ידיעות געוואָרן שרעקלעכערע; זעלבסטמאָרדן און טויט־שטראָפן פאַר די שענסטע גייסטער פון דער רעוואָלוציע, זיינען געוואָרן טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען און זיי האָבן געדריקט אויף דודס געמיט און זיי האָבן געמאַכט צעשווימען זיינע אילוזיעס און אויב ער האָט זיך שוין געהאַט אַביסל צוריקגעפונען ביי זיינע נייע שטרעבונגען, האָט זיך אין אים ווידער אָנ־

געהויבן אַן ענדערונג און ער האָט ווידער אויפגעהערט צו זיין צופרידן מיט זיך אַליין, און אַן אומעט, אַ שטילער פּרעסנדיקער אומעט האָט אויפסניי אָנגעהויבן נאָגן דודס האַרץ.

— יג —

עס האָט זיך געקליבן און געקליבן, ביז עס איז פאָרגעקומען די איבערקערעניש אין דודס האַרץ און מוח

דאָס שפּאַנישע פאָלק איז פאַרגאַנגען אין בלוט און דוד האָט פּלוצלינג דערזען אַלע זיינע אידעאַלן צעטראָטענע און אַלע זיינע האָפענונגען — צערונענע. אַ דערדריקנדיקער פּעסימיזם האָט אָנגעהויבן פרעסן זיין געמיט און וויפל ער האָט נישט געפּרואווט אויפצוהאַלטן אין זיך אַ שטיקל גייסטיקע גלייכגעוויכט, עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן; ער האָט געזען, אַז די וועלט גייט נישט פאָרווערטס נאָר צוריק און ווייל ער האָט נישט געפילט אין זיך דעם כוח צו קענען ענדערן זיי לאַגע, האָט ער פאַמעלעך זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער אַרבעט און דערווייטערט זיך פון אַלע זיינע חברים און באַקאַנטע און ער האָט אָנגעהויבן שלענדערן איבער וועגן און שטעגן אויסער דער שטאָט.

די איבערקערעניש אין זיין מוח, האָט אויף דודן שרעקלעך געווירקט.

ער האָט זיך געפּרואווט סטאַרען צוריקצוקומען צו זיין אַמאָליקן אַמאָל, אָבער די מדבר וואָס האָט אָפּגעטיילט זיין אַמאָל פון זיין איצט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט נישט געקענט דערבליקן אַהין אַפילו מיט זיין געדאַנק.

ער האָט בלויז פון צייט צו צייט געזען זיין ווינקל אונטערן בוים ביים ברעג ווייסל, דאָרט ווייט אין זיין היים־שטעטל און אין זיין גרויסער בענקשאַפט, האָט ער זיך אָפט געלאָזן גיין צו דעם בוים, איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, נאָר דעם בוים האָט ער אַליין נישט געקענט דערגרייכן.

אויף די וועגן און שטעגן הינטער דער שטאָט בוענאָס־איירעס, האָט מען שוין גוט געקענט דעם רואיקן טרויעריקן וואַנדערער. מען האָט זיך אַפילו נישט געשראָקן פאַר זיין ווילד פאַרוואַקסן פּנים און אַפילו קינדער פלעגן נישט מורא האָבן אים צוצוטראָגן אַ שטיקל ברויט און ער פלעגט דאָס שטיקל ברויט ביי זיי נעמען מיט אַ טרויעריקן שמייכל, וואָס האָט זיך פאַרלוירן צווישן די האָר פון זיין פאַרוואַקסן פּנים...

זיינע וואַנדער־וועגן זיינען געווען אין געגנט פון אַליוואָס ביז סאַן איסידראָ, נישט ווייט פון ברעג פון לאַ פּלאַטאַ־טייך. דאָרט האָט דוד צווישן די קוסטעס געפּראַוועט זיין התבודדות.

און איינמאָל, אין אַ פאַרטאָג, די זון האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויפגיין אַ געטובלטע פון ים, האָט דוד פונדערווייטנס דערזען זיין בוים נעבן ווייסל־ברעג און ער האָט זיך געלאָזן גיין אַהינצו.

דער שטח פון טויזנטער מיילן וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון זיין געבורט־שטעטל, האָט פאַר אים מער נישט עקזיסטירט. ער איז געגאַנגען גלייך צום בוים וועלכן ער האָט געזען אין זיין דמיון.

און פּלוצלינג האָט ער פונוויטנס דערזען, ווי ביים וואַסער־ברעג וואַרט אויף אים זיין פאָטער, ר׳ שלומל דיין, מיט זיינע צוויי שוועסטער רבקהלע און דבורהלע, וואָס ער האָט אַזויפיל יאָרן נישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען און איצט גייט ער צו זיי און ער דערנענטערט זיך צו זיי...

אויך דעם בעל־שם־טוב זעט ער דאָרט. ער שטייט אונטערן בוים און גיט אָפּ אַ שבח צו גאָט, פאַר דער שיינער וועלט וואָס ער האָט פאַר דעם מענטשן באַשאַפן און אָט איז ער שוין גאַנץ נאָענט, נאָר וואָס איז דאָס געשען? — — —

נישט זיין פאָטער, נישט זיינע צוויי שוועסטער און נישט דעם בעל־שם־טוב זעט ער דאָרט; דאָרט שטייט גאָר זיין קליין שוועסטערל, פריידעלע, וואָס איז אין באַראַק פאַרגוואַלטיקט געוואָרן און זי שטייט איצט נעבן ברעג און וויינט און אירע טרערן פאַלן אין וואַסער און דאָס וואַסער ווערט טיפער און גרעסער און אָט גייט שוין דאָס וואַסער אַרויס פון די ברעגעס און עס גייט אים אַנטקעגן ביז עס דערגרייכט אים, און זיין שוועסטערל נעמט גלעטן זיינע הענט און אירע טרערן פאַלן אַלץ אין וואַסער און דאָס וואַסער הויבט זיך פון די ברעגעס און די כוואַליעס נעמען אים אַרום און זיי הילן אים איין און זיי דעקן אים צו און ער פילט אַזוי גוט, אויפלייזנדיק זיך אין זיין שוועסטערלס ים פון טרערן, אַזוי גוט... אַזוי גוט... —

— —

מען דאַרף רחמנות האָבן...

— א —

— נח איז געווען אַ צדיק אין זיין דור און זלמן איז אַ אידישער שרייבער אין אַרגענטינע.

אַזוי האָבן אידישע שרייבער גערעדט צווישן זיך וועגן זלמנען, אָבער ווען די זעלבע שרייבער זיינען געבליבן יעדער מיט זיך אַליין, האָבן זיי געטראַכט אַנדערש און נישט איינער פון זיי האָט זלמנען מקנא געווען און פון קנאה, זיך גענומען ראָיען אין זלמנס פעלערן, וועלנדיק פאַר זיך אַליין צונישט מאַכן זלמנס באַדייטונג פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

שרייבער וואָס האָבן אַמאָל געלערנט אַ בלאַט גמרא, אַ שטיקל תנ"ך, האָבן זלמנען לייכטער געקאָנט איגנאָרירן, ווייל זלמן האָט קיינמאָל נישט געלערנט די זאַכן און אַ העברעאיש וואָרט איז פאַר אים געווען נישט ווייניקער פרעמד ווי אַראַביש אָדער טערקיש, און כדי שטאַרקער אונטערצושטרייכן אָט־אָ דעם פע־לער, האָבן זיי געזאָגט, אַז מיט דעם גרעסטן טאַלאַנט קאָן אַ אידישער שרייבער קיינמאָל גאָרנישט דערגרייכן, אויב ער קען זיך נישט אויס אויף די דריבנע אותיות פון אונזער תלמוד און אַנדערע אַמאָליקע ספרים.

זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז די אידישע שפּראַך אָן אַ היפּשן צומיש פון העברעאישן עלעמענט, איז צו אָרים פאַר שילדערונגען פון ברייטערן פאַר־נעם און ווי קאָן מען זיך גאָר פאָרשטעלן אַ אידישע ליטעראַטור אָן אַ תלמודיש גלייכווערטל, אָן אַ דריי מיטן גראָבן פינגער, אָן דער חריפות פון מתנגד און אָן דעם התלהבותדיקן ברען פונעם חסיד?

און זלמן, ווייסנדיק וואָס די קאָלעגן שרייבער טראַכטן וועגן אים, האָט זיך ווי אויף להכעיס גאַנץ אָפט גערייצט מיט זיי, ער האָט געלאַכט פון זיי זאָגנדיק, אַז זיי זיינען אַזוי אָרים אין אייגענע מיטל, אַז זיי מוזן זיך כסדר צוכאַפּן צום טאַטנס טייסטער און אַרויסגנבענען פון דאָרט גראָשנס...

אין זיינע שמועסן מיט קאָלעגן שרייבער, האָט זלמן ווי אויף להכעיס אָנ־געוויזן, אַז דער גאַנצער אַלטער כלומרשטער אוצר מיט וועלכן זיי שטאָלצירן

אזוי, באשטייט פון אַלטקייט, פאַרגאַנגענהייט און שימל, וואָס פאַר דעם היינט, האָט עס נישט קיין שום באַדייטונג און מען קאָן אָן זיי גאַנץ פיין אויסקומען.

און דער צולהכעיס־געפיל האָט אין זלמנס מוח באַשאַפן אַרגומענטן און ער האָט מיט חוזק געפרעגט ביי זיינע קאַלעגן — זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ שייכות האָט די גמרא צום היינטיקן לעבן? וואָס קענען מיר שעפּן פון די אַמאָליקע מיס־טישע חלומות פון די גוטע אידן און זייערע חסידים, פאַר דעם היינטיקן רעאַלן היינט? פון דעם אַמאָליקן אָרט לעבן האָט איר זיך דאָך שוין אַליין פון לאַנג אָפּ־געקערט, נאָר ווייל איר האָט נאָך צום היינטיקן רעאַלן לעבן נישט דערגרייכט, נישט דערפילט עס אין אייער געביין, דעריבער מוזט איר אָנקומען צום געכטיקן טשאָלנט־טעפּל כדי צו נאַשן אביסל שפּייז און צו קנאַקן דערנאָך מיט דער צונג אַ לשון־קודש וואָרט וואָס איר האָט אַרויסגעכאַפּט פון טשאָלנט־טעפּל, ווייל עס האָט אייך געפעלט דאָס צאַפּלדיקע פרישע וואָרט פון היינטיקן היינט...

זלמן איז געווען זייער ביטער אין זיינע שמועסן מיט קאַלעגן שרייבער, אָבער זיי האָבן אים אויך נישט אָפּגעשוויגן, און ווי אויף להכעיס האָבן זיי אים געבראַכט ציטאַטן פון אַמאָליקע ספרים, פון חסידישער און מתנגדישער ליטער־ראַטור און פון די העברעאישע השכלה־שרייבער און די ציטאַטן האָבן זיי גע־זאָגט אין העברעאיש, כדי ער זאָל ביי זיי דאַרפן פרעגן דעם טייטש דערפון און ער — אויף להכעיס — איז נישט נייגעריק געווען צו וויסן דעם טייטש; ער האָט געלעבט אַזוי לאַנג אָן דעם, וועט ער זיך שוין האָפנטלעך אויך אויף וויי־טער אַן עצה געבן אָן דעם אַלטן טשאָלנט־טעפּל...

נאָך אַזעלכע שמועסן און חברשע קיביצן, האָבן זיך די שרייבער ווידער און ווידער אויסגעדריקט וועגן זלמנען, אַז נח איז געווען אַ צדיק אין זיין דור און זלמן איז אַ אידישער שרייבער אין אַרגענטינע...

— ב —

זלמן האָט אָבער נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן צי נח איז אין זיין דור יאָ געווען אַ צדיק צי נישט, אים האָט אויך נישט אינטערעסירט צי עס האָט אַמאָל אינגאַנצן עקזיסטירט אַ נח, ער האָט בלויז געוואוסט, אַז ער איז אַ אידישער שרייבער אין אַרגענטינע און אַז אויף להכעיס אַלע זיינע קאַלעגן, דאַרף ער זיך גיין זיין אייגענעם וועג פון רעאַלן היינט און שטאָט זוכן אין די גרויע נעפּלען פון דער אַמאָליקער מיסטיק אַן אויסגעטראַכט זיידן פעדעמל כדי צו שפּינען דערפון אַ געוועב, איז ער מיט פעסטן טראָט געטראָטן אויף האַרטן אַספאַלטירטן שטאָטישן באָדן און געציילט די אַרבעטסלאָזע און הונגעריקע וואָס שלאָפן אויף די מאַרמאָרנע שוועלן פון מיט רחבות־באַוואוינטע הייזער און צו־מאָל האָט ער זיך מיטן געדאַנק אַ לאָז געטאָן אויפן שפּאַציר איבער קאַמפּ, אי־

בער די פעלדער וואָס ציען זיך ווייט פון איין ישוב צום אַנדערן, דאָרט, אויף די ווייטע וועגן, האָט ער געצייכנט די „לינזשעראָס" וואָס ער האָט אָנגעטראָפן וואָגלענדיקע אויף די וועגן און פון די פעלדער האָט ער געקליבן בינטלעך ווילד־גראָז און בלומען און זיי פאַראייניקט אין גרויסע קראַנצן.

זלמן האָט אַפּטמאָל געהאַט פּאָעטישע וויזיעס.

אויף אַזעלכע שפּאַצירן מיטן געדאַנק איבער קאַמפּישע ווייטקייטן האָט ער אַפּטמאָל געזען בלויז בלומען און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון יענעם וועג, זאָגנדיק אַז די בלומען זיינען קעגן דעם אַרבעטס־מענטש, ווייל זיי האָבן שטעכעדיקע צווייגלעך און אים, זלמנען, פעלט דאָס זיידן־פּאַפּיר אַרומצואַוויקלען די שטעכל־קעס, איז שוין בעסער דעם האַרעפּאַשניק נישט צו דערלאַנגען קיין בלומען, איידער ער זאָל זיך ביי זיי דאַרפן די הענט פאַרשטעכן...

ער האָט בכלל געטראַכט, אַז דער אַרבעטס־מענטש האָט ליבער ברויט ווי האָניק־לעקעך און אַז נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, איז ברויט דער געזונטסטער מאכל פאַרן האַרעפּאַשניק.

זלמן האָט געטראַכט אַ סך זאַכן. דאָס וואָס אַנדערע שרייבער האָבן געוואוסט פון אַלטע און נייע ספרים, האָט ער אָפט געמוזט אַליין צוטראַכטן און ווייל ער האָט אַליין צוגעטראַכט, איז עס ביי אים אַרויסגעקומען גאַנץ אַנדערש, ווי מיט טוי פון נייקייט אויף אַ פּריצייטיקער פּרוכט.

ער האָט געקענט אַביסל העברעאישע ווערטער, נאָר ווייל ער האָט זיי נישט געקענט גוט אויפשרייבן, האָט ער די ווערטער אויסגעמיטן און ער האָט עס פאַר זיך אַליין פאַרענטפערט מיט דער פראַגע פאַר וועמען ער שרייבט.

— און טאַקע; פאַר וועמען שרייב איך? פאַר די רייכע אידן וואָס שעמען זיך שוין מיט אידיש? פאַר די סוחרים און סוחרימלעך, פאַבריקאַנטן און פאַבריקאַנטלעך וואָס האָבן בלויז צייט פאַר זייערע געשעפטן און אויף אַ קערטל צו מאַכן? דאָס שרייב איך דאָך פאַר מיינע מענטשן! פאַר אַזעלכע ווי איך, וואָס האָבן נישט געלערנט קיין גמרא און אפילו נישט קיין חומש, ווייל ווי נאָר זיי זיינען געוואָרן צען אָדער צוועלף יאָר אַלט, זיי האָבן בלויז געקענט אַביסל עברי, האָט מען זיי שוין אַרויסגענומען פון די חדרים און תלמוד־תורות און זיי האָבן שוין געמוזט אָנהויבן טראָגן אויף זיך די לאַסטן פון לעבן!

זלמן האָט געוואוסט פאַר וועמען ער שרייבט. ער האָט געקענט זיינע לייענער און ער האָט זיך אפילו צומאָל געוויצלט מיט זיי אין געדאַנק, געפרעגט ביי זיי, צי געפעלט עס זיי אַזוי, אָדער וואָלט עס בעסער געווען, ווען ער באַשמעלצט עס מיט אַ העברעאישן פסוק וואָס וואָלט זיי געבליבן שטעקן אין האַלדז...

און ער האָט געזען ווי זיינע לייענער לאַכן מיט מיט אים און ער האָט אין אַזעלכע מאָמענטן געפילט אַ מין נקמה־געפיל קעגן זיינע קאָלעגן שרייבער וואָס דערגייען אים אָפּט די יאָר פאַרוואָרפנדיק אים זיין אומוויסן.

זלמן האָט נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן צי נח איז אין זיין דור

געווען אַ צדיק צי נישט, צי האָט בכלל אַמאָל עקזיסטירט אַ נח, ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער איז אַ אידישער שרייבער אין אַרגענטינע און ער האָט אויף זיין אייגענעם אופן געפּאַרשט זיינע אויפגאַבן אַלס שרייבער און ער האָט גע־וואַכט איבער זיי.

— ג —

ווען זלמן איז געקומען קיין אַרגענטינע, איז ער נאָך געווען זייער יונג. ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געחלומט אַז ער וועט זיין אַ שרייבער.

אַ קינד פון דור־דורות האַרעפּאַשניקעס, האָט ער געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן רייך און אָרים און אַז די אָרימע מוזן אַרבעטן פאַר די רייכע; עס האָט אָבער אין אים אַלעס רעוואָלטירט, ווען ער האָט געזען, ווי זיין קרוב שפּילט שוין דאָ, אין אַרגענטינע, די ראָל פון אַ רייכן און ער וויל אים אויסנוצן.

ער איז טאַקע לאַנג נישט פאַרבליבן ביי זיין קרוב. כמעט אַ אינגל, האָט ער זיך דאָ אין דעם ווייטן און פרעמדן לאַנד אַרומגעדרייט, געזוכט אַרבעט, געהונגערט, געפּרואווט פאַרשידענע מלאכות, געוואַנדערט פון איין פאַבריק אין דער אַנדערער, געוואָרן אַ „קלאַפּער" און אונטערגעטראָגן דאָס פעקל פון אַ רייכן קווענטעניק, אַלע עבודה־זרות געדינט, אָבער אויף עסן צו דער זאַט און אויף אַ „ליטישער" דירה וואָס האָט געדאַרפט קאָסטן כאָטש אַ צוועלף פעזעס אַ חודש, אויף דעם האָט ער נישט געהאַט.

אַ שטיקל צייט האָט ער געוואוינט צוזאַמען מיט אַ חבר, וואָס האָט גע־אַרבעט אין אַ שטריקעריי־פאַבריק און דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק. דער חבר האָט געטראַכט וועגן גיין צו דער אַרבעט אַלס שטרייקברעכער און ווייל זלמן האָט אים דערפאַר גוט אויסגעזידלט, איז געווען דער סוף, אַז ווען זלמן איז אין אַ געוויסער נאַכט „אַהיימגעקומען", האָט אים דער חבר נישט אַריינגע־לאָזן אין שטיבל און ער האָט געמוזט אַ גאַנצע נאַכט אַרומוואַגלען איבער די גאַסן און פאַרטאָג איז ער שוין געווען אַזוי מיד און צעבראָכן, אַז ער איז אוועק־געפאַלן אויף אַ באַנק פון אַ פּלאַסע און ביז היינט קאָן ער זיך נישט דערמאָנען, צי איז ער דעמאָלט אַנשלאָפן געוואָרן און געהאַט אַזעלכע וואונדערלעכע חלומות, צי ער האָט דעמאָלט גאָר געחלומט וואַכנדיקערהייט.

זלמן געדענקט שוין אַפילו נישט גענוי וו אָ ס עס האָט זיך אים גע־חלומט, ער געדענקט נאָר, אַז ער האָט געהאַט מאָדנע וויזיעס און אַז אויף איין מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיינע קינדער־יאָרן, ווען ער האָט געהערט די מעשה ווי משה רבנו האָט געפּאַשעט שעפעלעך אויף אַ גרויס פעלד און פּלוצ־לינג האָט ער פונווייטנס דערזען ווי עס ברענט אַ דאָרן און ער קאָן זיך נישט אויסבּרענען און ווען ער האָט געוואָלט צוגיין, זען פאַרוואָס דער דאָרן ברענט

זיך נישט אויס, האָט ער דערהערט אַ קול וואָס האָט אויסגעשריגן: — משה! אויב דו ווילסט גענענען צו דעם פּלאַץ, מוזטו אויסטאָן די שיך, ווייל דאָס אָרט איז הייליק.

זלמן געדענקט נישט, צי האָט ער די מעשה אַמאָל געהערט אין חדר, צי נאָר פון זיין באָבע, ווען זי האָט אים קליינערהייט פאַרווינגט אין די שבתדיקע אָוונטן, אָבער ליגנדיק אויף דער באַנק פון דער פּלאַסע, האָט ער אויך געזען אַזאַ מין פייערדיקע זייל וואָס האָט געברענט און געברענט און זיך נישט אויסגעברענט און פּלוצלינג האָט ער דערזען, אַז נישט אַ זייל ברענט, נאָר אַ דאָרן, אַ שטעכעדיקער דאָרן און עפּעס האָט ער גענומען פילן, ווי ער אַליין וואָלט געווען דער דאָרן, מיט וועלכן ער שטעכט זיך אַליין ביז בלוט..

פון דער פּלאַסע האָט מען דעמאָלט זלמנען אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל. ווען ער איז נאָך עטלעכע וואָכן אָפּליגן אין שפּיטאָל ווידער אַרויסגעקומען אין גאַס, האָבן זיך ערשט אויפסגיי אָנגעהויבן זיינע לאַנגע וואָגלענישן איבער שטאָטישע גאַסן, היימלאָזע און שלאָפלאָזע נעכט און כאָטש ער האָט דערנאָך נאָך אַ סך געליטן און אַפילו נאָך מער ווי די ערשטע נאַכט אויף דער פּלאַסע, איז אים אָבער די ערשטע נאַכט מיט די וויזיעס וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט, נישט אַרויס פון געדאַנק.

בלויז אין די פאַרנאַכטן איז אים געווען גוט.

ער איז אַריין אין קאַפע, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען שרייבער און פּאַרטיי־טוער, דאָרט האָט ער צום הונדערטסטן מאָל איבערדערציילט דעם איינ־צידענט מיט זיין חבר, וואָס האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון זיין שטיבל אינמיטן דער נאַכט און דאָרט, אין קאַפע, האָט ער זיך צוגעהערט צו פאַרשידענע שמועסן און דיסקוסיעס און הערנדיק ווי שרייבער ריידן וועגן די דערציילונגען וואָס דער אָדער יענער שרייבער האָט פאַרעפנטלעכט, האָט עס אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט אין די אַלע שמועסן נישט געהערט קיין איין וואָרט וועגן אַזעלכע איי־בערלעבענישן ווי ער האָט איבערגעלעבט און לעבט זיי נאָך איבער.

און איינמאָל, ווען ער האָט ווידער פאַרבראַכט אַ נאַכט אויף אַ פּלאַסע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער פייערדיקער זייל און די וויזיעס וואָס ער האָט אַמאָל אין זיין הונגערנדיקן און פיבערדיקן צושטאַנד געזען און עס איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער זאָל פּרוּוון אָנשרייבן זיינע איבערלעבענישן פון יענער נאַכט.

קיין באַקוועמלעכקייטן צום שרייבן האָט זלמן נישט געהאַט. ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין לייטיש שטיקל פּאַפּיר; אָבער נאָך צוויי וואָכן שרייבן און פאַרשטרייכן און ווידער שרייבן אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּירלעך, האָט ער אין קאַפע באַקומען טינט און פעדער און אַ פּאָר בויגעלעך פּאַפּיר און ער האָט זיין שילדערונג איבערגעשריבן אויף ריין און זי אַריינגעטראָגן אין אַ פאַרמאַכטן קאָפּערט אין אַ רעדאַקציע אַריין.

ער האָט זיך אפילו נישט געריכט, אז דאָס וועט געדרוקט ווערן, אָבער בלויז עטלעכע טעג שפּעטער, איז זיין זאַך דערשינען אויף דער ליטעראַרישער זייט און ער האָט שוין אין קאָפּ געהערט ריידן וועגן דעם נייעם שרייבער וואָס האָט זיך געיאָוועט און עס האָט אים גוואלדיק הנאה געטאָן, וואָס אָט רעדט מען וועגן זיין פּאַרעפנטלעכטע דערציילונג ווי וועגן אַ פאַנטאַסטישע שילדערונג און קיינעם פאַלט גאָרנישט איין, אז ער איז דאָס דער שרייבער פון איר און אז דאָס איז נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר זיינס אַן אמתע שווידערלעכע איבערלעבעניש.

דאָס איז געווען זיין ערשטע דערציילונג און אזוי, איז זלמן געוואָרן אַ שרייבער אין ארגענטינע.

— ד —

פאַר חברים, שרייבער, האָט זלמן אויף להכעיס טאַקע שטאָלצירט מיט זיין נישט שעפּן פון אַלטן ברונעם, אין צייט, ווען די אָרימסטע הייזער האָבן שוין אינסטאַלירטע וואַסער־לייטונגען.

פאַר קאָלעגן שרייבער, האָט ער טאַקע שטאָלצירט מיט זיין נישט באַנוצן זיך מיט העברעאישע ווערטער, ווייל ער שרייבט נישט פאַר קיין העברעער, נאָר פאַר אידישע אידן און האָרעפּאַשנע אידן.

אָבער פאַר זיך אַליין, איז ער שוין גאָרנישט אזוי שטאָלץ געווען דערמיט; פאַרקערט, ער האָט געפילט, אז אין אַ ווינקעלע פון זיין געמיט וואַקסט זיך פּאַמעלעך פונאַנדער אַ טיפער פאַרדרוס, פאַרוואָס ער קאָן זיך נישט אַ לאָז טאָן שווימען אין די אַלטע קוואַלן און פאַרוואָס ער קאָן זיך נישט באַנוצן כאָטש מיט דעם ביסל העברעאישע ווערטער וועלכע ער קען, ווייל ער וויים נישט געגוי זייער אויסלייג...

נישט איינמאָל האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אז ווען עס מאַכט זיך אזוי און ער קען דאָס אַלעס, ער איז באַקאַנט אין די „דריבנע אותיות״ און קען אויסלייגן אַ העברעאיש וואָרט, וואָלט ער ערשט דעמאָלט ד ו ק א געשריבן אַ ריינעם אידיש און דווקא וואָלט ער ווייטער אויסגעמיטן דאָס אריינמישן זאַכן פון אַמאָל.

ערשט דעמאָלט וואָלט ער געוואוסט, אז ער שטאָלצירט מיט באַרעכטיקונג און נישט בלויז אויף להכעיס, וואָס ער וויים, אז די קאָלעגן נישט־פאַרגינער, קענען זיך גוט אוים דערויף...

און יעדעס מאָל ווען ער האָט אזוי געטראַכט, האָט ער זיך באַלד גענומען פאָרשן וועגן אַ בוך און ער האָט עס געזוכט אויסצובאָרגן און ער האָט עס גענומען לייענען און לערנען און אזוי, פּאַמעלעך, ביז ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט נאָך עטלעכע דערציילונגען, האָט ער שוין געהאַט דורכגעלייענט די אידישע געשיכטע פון גרעצן און ער האָט שוין געהאַט געלייענט אַנדערע ביכער און וואו נאָר ער האָט ערגיץ אין אַ ציימונג געפונען אַן ארטיקל אָדער אַ דער־

ציילונג אויף א היסטאָרישער טעמע, האָט ער עס געלייענט און געשלונגען מיט א דורשטיקייט פון א וואנדערער אין א הייסן טאָג, אויף א ווייטן וואנדער־וועג.

אויבערפלעכלעך, אין זיינע שמועסן מיט קאַלעגן, איז ער נאָך געווען דער זעלבער להכעיסניק, אָבער פאַר זיך, האָט ער שוין געאַרבעט איבער זיך, כאָטש ער האָט זיך געהיטן, ווי ער האָט עס זיך געהאַט פאַרגענומען, נישט צו באַנוצן זיך פאַר זיינע שאַפונגען מיט העברעאישע ווערטער און נישט קאַקעטירן, ווי ער האָט עס אָנגערופן, מיט „פאַרשימלטע קענטעניש"...

א סך מאָל האָט עס אים אפילו פאַרדראָסן פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען גריבלען אין דעם געדיכטן שפּין־וועב פון אידישער היסטאָריע בפרט און פון דער אַלגעמיינער בכלל, אָבער די אמאָליקע וויזיע אויף דער פלאָסע־באַנק, ווען ער האָט געזען משהן מיט די שעפעלעך און דעם ברענענדיקן דאָרן־צווייג — האָט פאַר אים שטענדיק געלויכטן ווי א סימבאָל, אז עפּעס פאַרבינדט אים פאַרט מיט דעם אַמאָליקן און א סך מאָל האָט עס אים פאַרדראָסן אויף דער וויזיע גופא, וואָס האָט אים ווי א כשוף אָפּגעטאָן, אז ער זאָל זיך אָנהויבן אינ־טערעסירן מיט דעם וואָס איז געווען אַמאָל...

פאַר קאָלעגן שרייבער, האָט זלמן נאָך א לאַנגע צייט אויף להכעיס שטאָל־צירט מיט זיין נישט שעפּן פון אַלטן ברונעם אין צייט פון וואסערלייטונג, אָבער פאַר ז י ך, האָט ער שוין געאַרבעט איבער זיך און לויט זיינע מאָגערע מעג־לעכקייטן, האָט ער זיך דערוואָרבן היפּשע דערגרייכונגען אין אידישע אַלגעמיינע קענטעניש.

— ה —

אזוי טראַציק ווי זלמן איז געווען לגבי קאָלעגן, פּונקט אזוי סענסיטיוו איז ער געווען פאַר זיך אַליין.

די קלעפּ וואָס זיינע ווערטער האָבן דערלאַנגט אַנדערע און וואָס יענעמס ווערטער האָבן אים דערלאַנגט, האָט ער נישט געפילט; ער האָט אָבער זייער ווייַ־מיקלעך געפילט די קלעפּ פון די ווערטער וואָס ער האָט זיך אַליין אריינגעזאָגט.

ער האָט א סך מאָל געוויינט פון די פאַרוואורפן וואָס ער האָט זיך געמאַכט און דאָס איז געווען מערסטנס, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט א דערציילונג און ער האָט זיך געכאַפּט, אז דער אָדער יענער זאַץ האָט געקאָנט ארויסקומען בעסער, ווען ער זאָל עס נישט געווען ווען מאַכן „צו" גוט.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן, אז א דערציילונג דאַרף מען צוערשט וואָס לענגער אויסוואַרימען אין געדאַנק, מען דאַרף די טעמע האַלטן אזוי ווי אין וואַטע און דערנאָך, ווען די שאַפונג ווערט געבוירן, דאַרף מען זי צערטלען, וואַשן, אַרומרייניקן זי און גוט אָבסערווירן צי איז עס נישט א „נפלי"...

האָט עס טאַקע ביי זלמנען געגוג לאַנג געדויערט ביז ער האָט אָנגעשריבן אַ נייע דערציילונג און ווען ער האָט זי שוין געהאַט אָנגעשריבן, האָט עס אויפסניי געדויערט, ביז ער האָט זי געגעבן צום פאַרעפנטלעכן; ער האָט יעדן טאָג אויסגעגלעט אַן אַנדער שורה, אויפסניי אויסגעפורעמט אַ גאַנצן זאַץ אָדער אויסגעשליפן אַ געדאַנק און אַמאָל איז ער אַ גאַנצע נאַכט געווען אומרואיק צוליב אַ וואָרט אין זיין דערציילונג, וואָס נעכטן איז דאָס וואָרט אים זייער שטאַרק געפעלן, נאָר היינט האָט ער דערויף געוואָרפן אַן אומחן און די אומרואיקייט האָט אין אים אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז ער האָט דאָס וואָרט אויסגעשטראָכן און אָפטמאָל, אויך צוליב דעם איינעם וואָרט, איבערגעבויט אַ גאַנצן אָפּשניט.

נאָר אויב עס האָט ביי זלמנען אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע פויזע פון איין שאַפונג ביז צו דער אַנדערער, איז אָבער דערפאַר זיינס אַ דערציילונג — ווי נאָר ער האָט זי אַריינגעטראָגן אין רעדאַקציע — באַלד געדרוקט געוואָרן.

צוערשט האָט נאָך דער רעדאַקטאָר געפּרואווט זיין בריהשאַפט איבער זלמנס דערציילונגען, עס האָט אים הנאה געטאָן צו באַווייזן אַז ער קאָן עפּעס אויסבעסערן, זאָל זיין כאָטש מיט אַ נקידה, אָבער שנעל האָט זיך דער רעדאַקטאָר איבערצייגט, אַז ער האָט גאָרנישט אויסגעבעסערט, אַז דווקא די אויסבעסערונג זיינע האָט געענדערט זלמנס אייגנאַרטיקן סטיל און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און מער נישט געטשעפּעט זלמנס אָריגינאַלן.

זלמנס אַ דערציילונג, ווי נאָר ער האָט זי אַריינגעגעבן אין דער רעדאַקציע, איז זי באַלד געגאַנגען צום דרוק און אין די נאָענטסטע טעג איז זי דערשינען.

אָבער כאָטש זלמנס דערציילונגען האָבן כמעט אַלעמאָל געמאַכט פּוראָר, מען האָט גערעדט וועגן זיי אין די שרייבערישע קיבעצאַרניעס און אין ענגע פּאַרטיי־קרייזלעך, וועלכע האָבן די ליטעראַטור נאָך געהאַלטן פאַר אַ טעמע, פונדעסטוועגן, האָט זלמן דערפון נישט געהאַט קיין פּרנסה, ווייל צו לאַנג זיינען ביי אים געווען די פויזעס פון איין דערציילונג צו דער צווייטער און קליין זיינען געווען די האָנאָראַרן וואָס מען האָט אים באַצאָלט פאַר די אויסגעצערטלטע און אויסגעוואָרימטע שאַפונגען און לויט זיין אייגענעם חשבון וואָס זלמן האָט זיך געמאַכט אין גוטן געמיטלעכן צושטאַנד, האָבן אים די פאַרדינסטן פון זיין שרייבן, קוים געקלעקט אויף די ביליקע ציגאַרעטן וואָס ער האָט גערויכערט און אויף אַ קאַוועלע אין אַ ביליקן קאַפע, וואו דאָס „ווייסע טינטערל" קאָסט נאָר צען סענט...

דאָס שרייבן האָט זלמנען נישט אַרויסגענומען פון זיין מאַטעריעלער נויט; עס האָט אים בלויז אַרויסגעהויבן א י ב ע ר איר, אַז ער זאָל זי נישט אַזוי שטאַרק פילן.

סענסיטיוו ווי ער איז געווען, האָט ער שטאַרק מיטגעפילט די עקספּלאָטירטע אַרבעטער, וועלכע מוזן האָרעווען ווי די רוחות, כדי צו פאַרדינען דעם הונגער־לוין פון עטלעכע פעזעס טעגלעך, בעת זייערע אַרבעט־הענט אַרבעטן אויס

פאַר זייערע באַלעבאַטים עטלעכע מאָל אַזויפיל און כּמעט ער איז געווען איינער פון דער עקספּלאָאַטירטער אַרבעטער־מאַסע, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט אויף זיין אייגענעם שפּלן מצב, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט געגעבן צו פילן פון קיין גוטן טאָג.

זעלטן זאַט־געגעסן, איז זיין קליידונג אויך געווען שפּלדיק און דאָס האָט אים געגעבן אַ נעבעכדיקן אויסזען, נאָר זיין טראַציקע נאַטור, זיין צולהכעיס־דיקייט און זיין נאַטירלעכער הומאָר, האָט אים אַלעמאָל ווען ער איז געווען אין געזעלשאַפט, געהאַלטן פריילעך און מיט שיינענדיקע בליקן וואָס האָבן אַרויס־געלויכטן פון זיין בלאַסן פּנים.

זיין טראַציקייט, האָט אים נאָך באַוואויזן, אַז ווען ער האָט אָפּגענומען די עטלעכע פּעזעס האָנאָראַר פאַר אַ דערציילונג, האָט ער געצאָלט קאַוועס פאַר חברים. ווען חברים האָבן אים נישט געוואָלט לאָזן צאָלן, האָט ער זיך ממש גע־בעטן ביי זיי, זיי זאָלן אים לאָזן דאָס פאַרגעניגן, ווייל ער וויל כּמעט איינמאָל פילן דעם טעם פון אַ בורזשוי, ניין, נישט ווי אַ בורזשוי, ווייל אַזוי לאַנג קרענקען זיי, די בורזשויס, ווי לאַנג מען קאָן ביי זיי נישט אַרויסרייסן אפילו קיין קאַוועלע... ער וויל פּשוט פילן דעם טעם פון אַ לייטישן מענטש, אַ סוחרל, אַ קוועטעניק, כּמעט פון אַ שפּילקע־קעפּלדיקן עקספּלאָאַטאַטאָר, וואָס גייט אָן אין געזעלשאַפט אַלס לייטישער מענטש פאַר גאָט און פאַר לייט...

אָט־אָ די כלומרשטע זאָרגלאָזיקייט וואָס זלמן האָט אין זיין טראַציקייט אַרויסגעוויזן, האָט אים פאַר די קאָלעגן שרייבער געסטעמפּלט אַלס וואַגאַ־בונד און אויב עמיץ פון זיי וואָלט נאָך אַמאָל אפשר אַ טראַכט געטאָן ווי אַזוי און פון וואָס זלמן לעבט און וואו וואוינט ער, וואָס עסט ער און ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען שרייבט ער זיינע דערציילונגען, האָט מען שוין מיט אַ רואיק געוויסן אפילו נישט געטראַכט וועגן דעם; — ווייס איך, אַ וואַגאַבונד פון דער נאַטור, אַבי ער האָט אַ ציגאַרעטל און אַ שוואַרץ קאַוועלע, האָט ער שוין אַלעס און ער איז גליקלעך און זאָרגלאָז און וואָס דאַרף ער מער?...

— ו —

דאָס שרייבן האָט טאַקע זלמנען אַרויסגעהויבן איבער דער מאַטעריעלער נויט, אָבער דער הונגער האָט אים גאַנץ אָפט צוריק אַראָפּגעשלעפּט צו דער נאַקעטערווירקלעכקייט און ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבן זען אַלס פּראָסטן וואַגאַבונד, אַלס גאָרנישט, אַלס בריאה וואָס האָט נישט די ווערט וואָס די ערד טראָגט אים. — וואָס, מישטיינס געזאָגט טוט ער דאָס אינגאַנצן אויף? — האָט ער זיך אַליין נישט זעלטן געפרעגט; — ער שרייבט מעשות, וואָס זיין, פון הונ־גער אויסגעמוטשעטע פאַנטאַזיע, דיקטירט אים און וואָס טוט ער אויף דערמיט?

און וואָס וועט פון אים ווערן? און אפשר וואָלט ער זיך גאָר באַדאַרפט אַ נעמ-טאָן און ווערן פּראָדוקטיווער, שרייבן מער, ווייניקער גלעטן די טעמעס, נאָר בעסער זיי וואָס שנעלער אויסאַרבעטן אין דערציילונגען? — אַ, אויך דאָס טויג נישט, ווייל ער ווייס גוט, אַז ווען ער זאָל נאָר אָנהויבן ליפערן פאַר דער רעדאַקציע אַביסל מער מאַטעריאַלן, וועלן זיי באַלד ווערן איבעריק...

אין די שרייבערישע קרייזן האָט ער זיך שוין לאַנג דערוואוסט, אַז די ציי-טונגען דאַרפן נאָר אויף אַזויפיל ליטעראַטור, אויף וויפל דאָס קאָן זיין אַ צו-שמעליץ צום אויסזען פון דער צייטונג און ער געדענקט גוט דעם וויץ וואָס ער האָט געהערט, אַז אַ צייטונג וואָס האָט צען זייטן, דאַרף האָבן צען זייטן אַנאָנסן, נאָר אויב עס איז נישטאָ אַזויפיל, מוז מען צוגעבן אַביסל נייעס, טע-לעגראַמעס און אַנדערע אַקטואַליטעטן און ווען עס בלייבט אָבער נאָך אַליץ פרייער פּלאַץ צוליבן פעלן פון אַנאָנסן, נו, מוז מען שוין דרוקן אַ דערציילונג אויך...

און זלמן האָט געוואוסט, אַז כאָטש זיינע שאַפונגען ווערן געלייענט און קאָמענטירט אין די קאָפּעען, קאָן ער אַליץ, ביי די היגע באַדינגונגען, נישט דער-וואַרטן, אַז דאָס שרייבן זאָל אים קענען געבן ברויט צו דער זאַט און ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית.

די צייט איז געווען אַ שלעכטע און אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואַקסן און נישט אַזוי לייכט האָט זלמן באַקומען אַרבעט און האָט ער איין טאָג געאַרבעט, האָבן זיך דערנאָך געצויגן לאַנגע טעג, וואָס ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן און געשלונגען דאָס אייגענע שפייעכץ פון הונגער.

און כאָטש, שוין אַ באַקאַנטער שרייבער וואָס מען האָט שוין גערעדט וועגן אים ווי וועגן אַן אויפגייענדיקן שטערן, האָט ער נאָך געהאַט אַ סך נעכט וואָס ער האָט זיי געמוזט איבערשלאָפן אויף אַ באַנק פון אַ פּלאַסע און ער האָט זיך אַליץ געפילט ווי ביים אָנהויב, אַזוי הילפסלאָז ווי אַ קינד און אַזוי פאַרלאָרן, ווי אַן איינזאַמער וואַנדערנדיקער וואַגאַבונד.

אין אַזעלכע נעכט, האָט ער ווידער געהאַט וויזיעס, אָבער קיין איינע פון זיי האָט נישט דערגרייכט צו דער ווירקונג פון דער ערשטער וויזיע, ווען ער האָט געזען משה רבנו, ווי ער פּאַשעט די שעפעלעך און ווי ער האָט זיך דער-נענטערט צו דעם ברענענדיקן דאָרן.

אין די אַלע ווייטערדיקע וויזיעס האָט געפעלט די ערשטע הייליקייט און צום הונגער, האָט זלמען נאָך גענומען נאָגן אַ בענקשאַפט נאָך אַ גייסטיקער עמאָציע.

און איינמאָל, אין אַזאַ נאַכט ווען ער האָט געוואָגלט איבער גאַסן, ווייל ער האָט אַפילו נישט געהאַט אויף אַ קאַוועלע צו קענען איבערזיצן עטלעכע שעה אין אַ קאַפע און זיין טראַציקע אַמביציע האָט אים דעמאָלט נישט דערלויבט ער זאָל זיך לאָזן פון עמיצן צאָלן אַ קאַווע — האָט ער געפונען אַזאַ הייליקע עמאָציע, וואָס האָט אויף אים אויסגעאיבט אַן אומגעהויערע ווירקונג.

דאָס איז געווען אַ האַרבסט־נאַכט און אַ קאַלטער ווינט האָט אים דורכגע־בלאָזן דורך זיינע דינע זומערדיקע קליידונג ביז צו די ביינער.

ער האָט געוואָגלט איבער די גאַסן אָן אַ ציל. ער איז געגאַנגען שנעל כדי זיך צו דערוואַרימען און ער האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

און אויף איינער אַ גאַס, ביי דער שוועל פון אַ רייך הויז, האָט ער געזען ווי אַ קעצל שטייט איינגעקורטשעט ווי אין אַ קיילעכדיקן קנויל, איר פעל ציט־טערט פון קעלט און דאָס קעצל, דערזעענדיק אַז עס דערנענטערט זיך אַ מענטש, האָט עס מיט אַזאַ פּישציענדיק קולכל אָנגעהויבן מיוקען, אַז עס האָט זלמנען פאַרקלעמט ביים האַרצן.

אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן פאַר דעם קעצל ווי געפּלעפּט. עס האָט זיך אים פּלוצלינג אויסגעוויזן, אַז אין דעם געבעט פון געפרווירענעם און הונגעריקן קעצל, הערט ער זיין אייגן געוויין און פּלוצלינג האָט זיך אים עפּעס גענומען מישן אין קאָפּ און ער האָט אַפילו נישט געפילט ווי ער בויגט זיך אַראָפּ צום קעצל און ווי ער פּרואווט זיך פונקט אַזוי איינקורטשען און ווי ער פּרואווט פונקט אַזוי נאָכמאַכן דאָס בעטנדיקע פּישציען פון דעם געפרוירענעם חיהלע.

דאָס קעצל האָט זיך צוערשט ווי דערשראָקן, אָבער באַלד האָט עס זיך גע־נומען אויסגלייכן, עס האָט אַ לייכט געטאָן מיט די פּאַספּאָר־אייגעלעך אויף זלמנס פּנים און עס האָט באַקומען צוטרוי צו אים און מיט דעם זעלבן תּחנונימ־דיקן פּישציערייִ האָט עס זיך צוגערוקט צו אים און זיך גענומען לאַשציען און טוליען צו זיינע פיס.

ווי אין אימאַגינאַטישן צושטאַנד האָט זלמן גענומען דאָס קעצל אויף די הענט און דערפילנדיק איר וואַרימקייט, האָט ער עס גענומען גלעטן און צערטלען און פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צערטלעכער מוטער און ער האָט דאָס קעצל גענומען דריקן צום האַרץ און גענומען עס טרייסטן און אריינזאָגן דעריין ליבעס־ווערטער: — קעצעלע מיינס... אָרים פאַרלאָזן קעצעלע... הײמלאָז הונגעריק קינד מיינס... זאָרג נישט, איך וועל דיך שוין פאַרזאָרגן...

און אַזוי, אין דעם אימאַגינאַטישן צושטאַנד האָט ער דאָס קעצל אַרונטער־גענומען הינטערן רעקל, אין בוזעם און איז דערמיט אַוועק אויף דער פּלאַסע, אָפּגעזוכט דיזעלבע באַנק וואו ער האָט געהאַט זיין ערשטע וויזיע און דאָרט איז ער געזעסן מיטן קעצל אין בוזעם, ער האָט געוואַרימט דאָס קעצל און דאָס קעצל האָט אים געוואַרימט און דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן פילן, אַז ער איז פונקט אַזויפיל חיה ווי דאָס קעצל און דאָס קעצל האָט אין זיך אַזויפיל צאַרט־מענטשלעכעס, וואָס וועקט רחמנות נאָך מער ווי דער מענטש, אויף וועמען עמיץ האָט זעלטן רחמנות...

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך נאָך זלמן לאַנג אַרומגעשלעפּט מיט דעם קעצל אין בוזעם, ביז ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ גרויס מילך־

געשעפט, וואו ער האָט עס אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. דאָס קעצל האָט זיך נישט אַזוי ליכט געוואָלט אָפּרייסן פון אים, אָבער ער האָט עס געשטויסן — גיי אַריין, נאַריש קעצעלע... דיר וועט דאָ גוט זיין... דאָ מוז נאָר אַ מענטש באַצאָלן פאַר אַביסל מילך, אָבער דיר, קעצעלע, וועט מען עס געבן אומזיסט...

און זלמן האָט דאָס קעצל אַריינגעטריבן אין דעם מילך־געשעפט. דאָס קעצל האָט נאָך אויסגעדרייט דאָס קעפּל און נאָכגעקוקט ווי זלמן גייט אַריבער די צווייטע זייט גאַס, עס האָט נאָך געגעבן אַ לעצטן „מיאו" און איז אַריין אין געשעפט.

ווען זלמן איז אַביסל שפּעטער צוריקגעגאַנגען פאַרביי דעם מילך־געשעפט, האָט ער געזען ווי דאָס קעצל לעקט מילך פון אַ טעלער וואָס אַ קעלנער האָט אוועקגעשטעלט. ער האָט געפּרוּווט רופן דאָס קעצל, זען צי עס וועט אים דער־קענען, אָבער דאָס קעצל האָט זיך אַפילו נישט געוואָלט אויף אים אומקוקן, נאָר געשטאַנען מיטן קעפּל געבויגן צו דעם טעלער און מיט זשעדנעקייט געלעקט די מילך...

— ז —

אַלס דורכגעליטענער און דורכגעוויטיקטער, האָט זלמן געשריבן וועגן דורכ־געליטענע און דורכגעוויטיקטע. ער איז געווען אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער און אין זיינע דערציילונגען, כאָטש ווייט פון פּלאַקאַטן־רוף, האָט זיך געפינען אַ מענגע פון סאָציאַלן אויפרייס־שטאָף.

האָט אָבער זלמן צופיל ליב געהאַט זיך צו גריבלען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זיינע העלדן און דאָס איז פון פאַנאַטישע פּאַרטיי־טוער אויסגעטייטשט געוואָרן, אַז ער גייט אויף דעם וועג פון קונסט לשם קונסט, וואָס דאָס איז געווען אַז ענין פאַר אַמאָליקע צייטן און נישט פאַר היינט, ווען מען דאַרף קומען מיט קלאָרע דבורים און נישט שפּילן זיך מיט שיין־רעדנעריי. די פאַנאַטישע פּאַרטיי־טוער האָבן געהאַלטן, אַז היינט איז אַ צייט ווען דער שרייבער דאַרף דערלאַנגען אָפּע־נע קאָרטן...

נאָר זלמן, מיט זיין צוגעוואוינטער טראָציקייט, האָט זיך דווקא געהאַלטן אויף זיין ליניע און דאָס האָט אים געהאַלטן אין דיסטאַנץ פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער און אַלס פּראָלעטאַרישער שרייבער, איז ער אויך געבליבן אין דיס־טאַנץ פון די אַזוי־גערופענע בירגערלעכע שרייבער, וועלכע האָבן אים טראָץ זייער עגאָאיזם און זעלבסטצופרידנקייט — דאָך געשענקט מער שרייבערישע אָנער־קענונג ווי די, פון און פאַר וועמען ער האָט געשאַפן.

די איבערגעלעבטע עמאָציע מיט דעם קעצל, האָט אויף אים נישט וויניקער געווירקט ווי זיין ערשטע וויזיע מיט דעם ברענענדיקן דאָרן, אָבער די נייע וויר־קונג, האָט אים אַרויסגעפירט אויף וועגן פון אַן אַנדערן גערדאַנקען־גאַנג.

ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן ווי דאָס קעצל איז געשטאַנען און גיריק געלעקט די מילך פון טעלערל און אים, איר וואוילטעטער, אפילו נישט דערקענט.

ער האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז מענטשן זיינען אויך אַזוי און אויב דאָס ביסל מילך פון טעלערל דאַרף שוין זיין די גאַנצע רפואה צו די מענטשלעכע ליידן, אויב דאָס שיסעלע מילך קאָן אַזוי ווירקן, אַז מען זאָל אויפן מאָמענט פאַרגעסן דעם ברודער פון לייד און פיין, איז דאָך באמת נישט כדאי דער קאַמף.

און טראַכטנדיק אַזעלכע געדאַנקען, האָט זלמן אָנגעהויבן פילן און זען ממש בחוש, אַז א י ב ע ר דעם שיסעלע מילך איז פאַראַן עפּעס, וואָס איז פיל וויכטיקער. אויב דאָס שיסעלע מילך פאַר דעם הונגעריקן און דורכגעפרוירענעם איז הייליק, איז איבער דעם פאַראַן נאָך עפּעס הייליקערס, דאָס איז און דאַרף זיין, די קעגנזייטיקע מענטשלעכע רחמנות־באַציאונג.

און צו די געדאַנקען זיינע, זיינען נאָך אויף דער וועלט פאָרגעקומען אַזעלכע גרויסע געשעענישן ווי דער אויפשוואונג פון פאַשיזם און היטלעריזם און די טרויעריקע פאַרטיי־קאַמפן און די אַלע געשעענישן האָבן אין אים געוועקט זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן, אין זיין אַלטער היים, וואָס כאָטש אַן אָרימע אַרבעטער־היים, האָט דאָרט געהערשט די מידה פון רחמנות און אויב אַ הונגעריקער איז געקומען צו זיי אין שטוב, האָט מען זיך געטיילט מיט דעם קאַרגן ביסן און דער הונגעריקער איז פון זיי אַוועק זאַט.

זלמן, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פון דעם אַמאָל, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן קוקן אויף צוריק און אָנגעהויבן מאַכן פאַרגלייכונגען און כאָטש ער האָט מיט אַלע חושים זיינע מסכים געווען און באַרעכטיקט די סאָציאַלע קאַמפן און ער איז אפילו גרייט געווען צו יעדער מינוט צו שטעלן זיך אין די רייען פון די קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פונדעסטוועגן, האָט ער אָבער איינגעזען, אַז די געווינסן וואָס מען וועט דערגרייכן וועלן גאָרנישט ווערט זיין, אויב די דערגרייכונגען וועלן אָפּווישן די מידה פון רחמנות, פון דעם אחריות־געפיל צו דעם וואָס נויטיקט זיך אין הילף.

זלמן האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף אַנדערע טעמעס און ענדלעך, האָט ער אפילו אויף אַ לענגערער צייט אינגאַנצן אויפגעהערט שרייבן און קאָלעגן אין קאַפע, האָבן זיך געוויצלט אויף זיין חשבון, אַז דער צאַפּן פון זיין וואַסערלייטונג האָט זיך ביי אים אָפּגעבראָכן און פון קיין אַלטער קוואַל האַלט ער דאָך נישט, נו, מילא, האָט ער נישט פונוואַנען צו שעפּן...

— ח —

פון וואָס און ווי אַזוי זלמן לעבט, מיט דעם האָט זיך קיינער נישט אינטערעסירט. מען האָט אים ווען־נישט־ווען אַ פרעג געטאָן צי ער שרייבט עפּעס אַ נייע דערציילונג, נאָר צי האָט ער די מעגלעכקייט צו שרייבן, דאָס האָט אים קיינער נישט געפרעגט.

איינמאָל, ווי פּלוצלינג, האָט זיך ווידער באַוויזן אויף די ציימונגס־שפּאַלטן זיינס אַ דערציילונג, די דערציילונג האָט באַהאַנדלט די מידה פון רחמנות. לויט זלמנס שטייגער, האָט זיך זיין דערציילונג אויסגעצייכנט מיט דער סאַטירישער מחוצה צווישן אמתן רחמנות און דעם רחמנות פון יענעם רייכן קרוב, וואָס ברענגט זיינע אָרימע קרובים קיין אַמעריקע און גיט זיי אַרבעט און ברויט און עקספּלאָטירט זיי אויף אַ מוראַדיקן אופן.

ווידער איז זלמן אין די קיבעצאַרניעס געוואָרן די טעמע פון טאָג.

מען האָט שנעל אויפגעכאַפּט די ענדערונג פון זלמנס טעמאַטיק און אפילו מאַנכע פון די שרייבער, וועלכע האָבן צוליב זייער שרייבערישן עגאָאיזם נישט געהאַט צוגעגעבן אַז זלמן איז אַ טאַלאַנט, האָבן שוין איצט מודה געווען, אַז די דערציילונג מאַכט אַן איינדרוק.

נאָך דער דערציילונג, האָט מען זיך שוין גערעכט, אַז זלמן וועט שוין ווידער ווערן אַן אָפטער גאַסט אויף די ציימונגס־שפּאַלטן, אָבער דאָס איז געווען אַ טעות.

זלמן איז עלטער געוואָרן און מידער געוואָרן און זיין זאָרגלאָזיקייט וואָס האָט אים מיט טראַציקייט אַרויסגעלויכטן פון די אויגן, האָט זיך אָנגעהויבן אויסלעשן.

ער האָט אָנגעהויבן קומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיין צולהכעיסדיק הונ־גערן טוט קיינעם נישט וויי און וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס שוין אינגאַנצן, וואָס זיינס אַ דערציילונג מאַכט אַ רושם, ווען זיין נאָמען ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט, אַז ער אַליין, דער שרייבער, בעסער געזאָגט — זיין גוף, ווערט פאַרצערט פון הונגער און פון נישט האָבן קיינמאָל קיין זיכערן דאַך איבערן קאָפּ און קיין ליי־טיש געלעגער וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן?

ווידער האָט ער זיך ווי הונדערטער אַנדערע דורכשניטלעכע אַרבעטער גע־לאָזן יעדן פאַרטאָג אויף די אַדרעסן וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די ציימונגס־אַנאָנסן, אַז מען פאָדערט דאָרט אַרבעטס־הענט, אָבער זיין אויסזען האָט די אַר־בעטס־געבער נישט אַזוי שטאַרק געלאָקט, ווייל וואָס מישטיינס־געזאָגט קאָן שוין אַזאַ שוואַך מענטשל מיט אַזעלכע פאַרחלומטע בליקן אויפטאָן מיט זיינע שוואַכע הענט? . . .

פונדעסטוועגן, האָט ער נאָך לאַנגן זוכן, באַקומען אַרבעט אַלס וואָל־קעמער ביי אַ „קאָלטשאַנערא״. דער באַלעבאָס האָט אים יעדן טאָג אָוועקגעשיקט אויף אַן אַנדער אַדרעס, וואו זלמן האָט זיך באַדאַרפט אַוועקזעצן אויף דער ערד נעבן אַ קופּע צעשאָטענע שטיקער צעגויפגעקלעפּטע וואָל און זיי צעקעמען אויף דער הילצערנער קאַם־מאַכערייקע מיט די אייזערנע ציין.

די אַרבעט איז פאַר אים געווען אַ זייער לאַנגווייליקע און יעדע שעה פון זיין אַרבעט, האָט זיך פאַר אים געצויגן ווי אַ יאָר און וואָס זלמנען האָט אָמ־שטאַרקסטן ווייט געטאָן, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער טראַכט זייער פיל בעת די יאָרן־לאַנגע שעהן פון זיין אַרבעט און ער קאָן זיך נאָך דער

אַרבעט בשום־אופן נישט דערמאָנען אַפילו קיין איין געדאַנק וועגן וואָס ער האָט געטראַכט.

זיין אַרבעט האָט אים נאָך ווייט נישט געגעבן קיין וואוילטאָג; ער האָט נאָך אַפילו נישט פאַרדינט געגנוג אויף די וויכטיקסטע באַדערפענישן זיינע, אָבער ער איז געווען צופרידן. ער האָט געוואוסט, אַז מען וואַרט אין די שרייבער־קרייזן אויף זיינס אַ נייער שאַפונג, ער האָט געוואוסט, אַז זיין לעצטע דערציילונג האָט געמאַכט אַ רושם און זיין טראָציקע נאַטור האָט געפילט ווי נקמה קעגן די אַלע וואָס וואָלטן געוואָלט מעלקן די קו, נאָר קיין פאַשע, כאָטש מאָגערע, זאָל מען איר נישט דאַרפן געבן...

זלמנען האָט שוין לאַנג ווי געטאָן די קליינלעכקייט און נישטיקייט פון די אַלע וואָס ווייסן און פאַרשטייען, אַז ער קאָן עפּעס לייסטן פאַר דער ליטעראַטור, נאָר ווי עס פעלט דאָס קיינעם פון זיי נישט איין, אַז מען זאָל אים צולאָזן כאָטש אַביסל אָפּפאַל פון זייער שיסל, אַז ער זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו דערנערן און אויפהאַלטן דאָס ביסל חיות, וואָס איז אייגנטלעך נישט פאַר א י ם, ווייל עס גיט אים גאָרנישט קיין וואוילטאָג, נאָר פאַר אַנדערע, פאַר וועמען ער גיט אָפּ זיין האַרץ, זיין נשמה, זיינע עמפּפינדונגען און זיינע ריינסטע געפילן.

— ט —

זלמנס אַרבעט ביי דעם „קאָלטשאָנערא” איז געגאַנגען פּאַמעלעך און מאָנאָטאָן און איין טאָג ענלעך צום אַנדערן, מיט דעם אויסנאַם, וואָס די באַלעבאַטים וועמענס קאָלטשאָנען ער האָט באַדאַרפט אויסקעמען, האָבן זיך געביטן.

די אַלע מענטשן מיט וועמען ער האָט זיך געמוזט באַגעגענען אַדאַנק זיין נייער אַרבעט, האָבן אים באַרייכערט מיט אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן פון באַלעבאָסטעס און עס האָבן אים אויך נישט געפעלט קיין צוזאַמענשטויסן מיט מאַנכע באַלעבאָסטעס, וועלכע זיינען נישט געווען צופרידן פון זיין אַרבעט און זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אים צוקאָפּנס און קאָמאַנדירט איבער אים, כאָטש נעם און קעם איבער די גאַנצע וואָל נאָכאַמאָל.

די נייע איינדרוקן וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָבן אים אויפסניי אָנגעהויבן שטויסן עפּעס אַ שרייב צו טאָן און אפשר איז עס גאָר געווען זיין הינטערבאַוואוסטזיין וואָס האָט אים געשטויסן אויפסניי אַ פּרואוו צו טאָן, אפשר וועט זיך אים פּאָרט איינגעבן אַרויסצורייסן זיך פון דער נודנער אַרבעט און זיך אויפסניי אַ נעם טאָן צו דעם, צו וואָס ער איז באַרופן; און אפשר האָט ער זיך נאָר געוואָלט אויפסניי אַ רייץ טאָן מיט זיינע קאָלעגן שרייבער, ווייזן זיי, אַז דער „צאַפּן” דינט אים נאָך, אַז ער לעבט נאָך און ער מוז זיי אויספּרואוון, אפשר דאָך, אפשר וועלן זיי פּאָרט אַ טראַכט טאָן, אַז מען דאַרף אים ווי נישט איז איינאָרדענען אַלס שרייבער און אפשר גאָר דאָס אַלעם צוזאַמענגענומען האָט

אים אויפסניי געשטויסן און ער האָט אָנגעשריבן אַ נייע דערציילונג וואָס האָט ווידער געמאַכט פוראָר, אָבער קיינעם איז ווייטער נישט איינגעפאַלן אים מקרב צו זיין, אינטערעסירן זיך מיט זיין מאַטעריעלן קיום און ער איז ווידער אַנטשווינגן געוואָרן, אָפּגעבנדיק זיך מיט זיין אַרבעט אַלס וואָל־קעמער, וואָס האָט אים געגעבן אויף אַ קאַרג שטיקל ברויט.

אַזוי זיינען געגאַנגען טעג און וואָכן, וואָס האָבן זיך פאַר זלמנען געצויגן ווי לאַנגע יאָרן און ער האָט געזען, אַז די טעג זיינע ציען זיך ענדלאָז אָן אַ צוועק און אָן אַ ציל, אָבער שטיין לאָזן די אַרבעט האָט ער נישט געקאָנט, ווייל זי האָט אים געגעבן כאָטש דאָס קאַרגע שטיקל ברויט.

און איינמאָל, האָט אים זיין באַלעבאָס, דער „קאָלטשאָנערא" געגעבן אַן אַדרעס וואו ער דאַרף גיין טאָן זיין אַרבעט און קומענדיק אויפן פּלאַץ, האָט ער געזען, אַז דאָרט איז אַ „הייזל".

זלמן האָט געפילט, אַז זיין פּנים ווערט באַגאָסן מיט אַ פייערדיקער רויטקייט און אויפן ערשטן מאָמענט האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אפשר נישט אַריינגיין? נאָר באַלד האָט זיין טראַקטיקייט אים געשטאַרקט און ער האָט באַשלאָסן, אַז — אויב זיי, מיינע קאָלעגן שרייבער איז ליב, דאַרף עס מיר זיין נוחא...

ער האָט אַ קוועטש געטאָן אין גלעקל, אַ דיקע פרוי האָט פון אינעווייניס אוועקגעשאָרט דאָס בראָנז־קאָלירנדיקע פורהענגל, וואָס האָט געדינט אַלס סימן, צו וועלכער קאַטעגאָריע עס געהערט, זי האָט צוערשט געוואָרפן אַ בייזן מכשפהדיקן בליק, נאָר דערזעענדיק זלמנען מיט דער הילצערנער וואָל־מאַשין, האָט זי געעפנט די טיר און זלמן איז אַריין.

זלמן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין די „בערענטקע" פון דעם הייזל און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, צי איז איצט אויך דאָ די „נקבה" און טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער שנעל אָראָפּגעשטעלט די מאַשין און זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן אויף זיין אַלטן טראַציקן שטייגער, פאַרגעסנדיק אויף אַ מאָמענט, נאָך וואָס ער איז דאָ אייגנטלעך אהערגעקומען.

די דיקע בערענטקע מיט די שפּיזיקע מכשפהשע בליקן, האָט אים אָבער שנעל דערמאָנט וועגן צוועק פון זיין קומען אהער. זי האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן, אַז ער איז געקומען מיט אַ האַלבע שעה צו שפּעט און ער זאָל נישט מיינען, אַז ער איז דאָ געקומען אין אַ „וויטישער" שטוב, וואו די צייט קאָסט נישט קיין געלט... דאָ דאַרף מען אַרבעטן... מיין מיידל קומט פיר אַזיינער נאָכמיטיק און איר וועט שוין מוזן צואיילן... און איר מוזט עס מאַכן גוט, ווייל אונדזערע קונים פאַרדערן אַ גוטע בעט... אַ ווייכע מאַטראַץ, אַ בראַך אויף זייערע יאָרן...

שיטנדיק מיט דעם מבול רייד, האָט די „מומע" געעפנט דאָס „שלאָףצימער" און אַריינגעשטופּט זלמנען אהינצוצו און אָנגעוויזן אים, אַז ער דאַרף אויף שנעל צעעפענען דעם קאָלטשאָן און אַרויסנעמען די וואָל אויפן הויף אין אַ ווינקל און דאָרט מאַכן די אַרבעט, נאָר עס מוז זיין גוט און שנעל געמאַכט.

זלמן האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געמוזט אין זיך איינ־זאַפּן איר מבול מיט רייד און שטיל דערפילן אירע באַפעלן.

ער האָט בלויז באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף דעם פאַרשאַרטן בילד וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער רעכטער זייט בעט און אויף דעם גרויסן וואַנט־שפּיגל לינקס, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט דאָס בעט מיט דעם אַנטקעגנדיקן בילד אין דער גאַנצער גרויס, נאָר אונטער דעם איילנדיקן באַפעל פון דער דיקער „מומע", האָט ער געמוזט אויף שנעל אַ נעם טאָן דעם קאָלטשאָן, איינגעוויקלט אים און אַרויסגעטאַסקעט אויפן הויף, צו דעם ווינקל, וואו די „מומע" האָט אים אָנגעוויזן, געבנדיק אים נאָכאַ־מאָל דעם באַפעל, אַז ער מוז די אַרבעט מאַכן גוט און שנעל, ווייל די צייט שטייט נישט און דאָ איז אַ געשעפט, וואָס אָן דעם קאָלטשאָן קאָן מען גאָרנישט אויפ־טאָן...

— ז —

קיין צדיק, איז זלמן קיינמאָל נישט געווען, נאָר עמפּפינדלעך איז ער געווען ביז גאָר און קעמענדיק די וואָל פאָר דעם קאָלטשאָן וואָס איז אַזוי שטאַרק נוי־טיק צוליבן „געשעפט", האָט ער געפילט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין אַריינזונקען אין אַ זומפּ פון שאַנד.

די געדאַנקען האָבן אין זיין מוח אַזוי פיבערדיק געאַרבעט, אַז וויפל זיין נאַטירלעכע טראַציקייט האָט אים באַוואויגן, ער זאָל געבן אַ שפּיי אין דער לופטן און ווייטער טאָן זיין אַרבעט וועלכע גיט אים אויף דעם קאַרגן שטיקל ברויט, האָט ער אַלץ געזען אַ גרויסע גאַלעריע פון פּנימער, שיכורע, מיט פאַר־בעם, מיט ליסינעס און געפּוצטע זונטיק־פּראַנטן וועלכע זיינען די „קונים" פון דעם „געשעפט" און זיי פאָדערן אַ גוטע בעט...

און וואָלט כאָטש דאָס „מיידל" דאָ געווען! עס קאָן זיין, אַז ווען דאָס מיידל וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער זיך גענומען אין זינען אַריין, אַז דאָס קעמט ער די וואָל פון איר קאָלטשאָן, ער קעמט די וואָל נ אָ ר פאַר איר און ער וואָלט נישט געטראַכט און נישט געזען די אַלע טיפן וואָס טרעטן נישט אָפּ פון זיין פאַנטאַזיע. אָבער אָנשטאָט דעם מיידל, איז איבער אים אַלץ געשטאַנען די דיקע בערענטקע מיט די מכשפהשע שטרענגע בליקן און זי האָט קאָמאַנדעוועט איבער אים מיט איר מבול רייד און זי האָט אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרפעלט אונטערצושטרייכן, ווי וויכטיק דער קאָלטשאָן איז אין דעם הויז און שיטנדיק אַזוי מיט רייד, האָט זי כסדר געקליבן שטיקער פון דער שוין־אויסגעקעמטער וואָל און זיי צוריקגעלייגט אויף דעם פּלאַץ, צו דער וואָל וואָס זלמן דאַרף ערשט קעמען, אָנווייזנדיק אים, אַז דאָס איז נאָך נישט געקעמט און זלמן ווייסט נישט ווי אַזוי עס איז געשען, דאָס בלוט האָט אים ענדלעך אַ שיס געטאָן אין

פנים אריין, ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט, אראָפּגעשאַרט די וואָל פון זיך און לאַזנדיק אַזוי די מאַשין צווישן דעם בארג וואָל, האָט ער זיך געלאָזן צום ארויסגאַנג.

די כערענטקע האָט זיך אויפן ערשטן מאָמענט נישט געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר זעענדיק אַז זלמן איז שוין ביי דער דרויסן־טיר, איז זי שנעל נאָכגעלאָפן מיט אַ געשריי און געפילדער, אַז זי איז נישט פון די וואָס לאָזן זיך איינזייפן און מען לאָזט זיי זיצן, אַז ער מוז שוין אהערגיין פארענדיקן די אַר־בעט, ווייל די צייט שטייט נישט, מען דאַרף נאָך מאַכן דעם קאָלטשאָן און פיר אַזייגער קומט דאָס מיידל און מען דאַרף אַרבעטן...

זלמן האָט איר געענטפערט מיט אַ שפּיי און ער איז אַוועק.

נישט פארענדיקט די אַרבעט, און אָן דער מאַשין, האָט ער נישט געהאַט נאָך וואָס צוריקצוגיין צו זיין באַלעבאָס דעם קאָלטשאָנעראָ. ער האָט שוין בכלל נישט געטראַכט צוריקצוגיין צו אים. זיין האַרץ און זיין מוח איז געווען אַזוי פול און ער האָט געפילט, אַז אויף זיין פנים ליגט נאָך אויסגעגאָסן אַזויפיל שאַנד, אַז ער האָט געוואָלט אין איצטיקן מאָמענט אַנטלויפן פון זיך אַליין.

ער האָט נאָכאמאָל אָפּגעשטויבט די ברעקלעך וואָל וואָס האָבן אויף אים גע־קלעפּט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט פון זיך אראָפּטרייסלען די גאַנצע שאַנד וואָס האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט און ווען עס איז אָנגעקומען דער ערשטער טראַמוויי, האָט ער זיך ארויפגעכאַפּט, נישט־ווויסנדיק אַפילו וואוהין דער טראַמוויי וועט אים אַוועקפירן.

— יא —

נאָכן ארומוואַנדערן אַ גאַנצן טאָג הינטער דער שטאָט, האָט ער זיך שפּעט ביינאַכט געלאָזן גיין צופוס צוריק אין שטאָט־צענטער.

פון זיין ארומוואַנדערן אַ גאַנצן טאָג, איז ער נאָך צו זיין געוויינלעכער רו נישט צוריקגעקומען. פאַרקערט; די שאַרפע הינטער־שטאָטישע לופט, האָט אים נאָך שטאַרקער געמאַכט פילן די ברענענדיקע חרפּה אויף זיין פנים און וויפל ער האָט זיך נישט געוווישט מיט דער האַנטפלאַך זיין שטערן, האָט ער פון דאָרט די חרפּה נישט געקאָנט אראָפּווישן.

צוריקגייענדיק אין שטאָט אריין, האָט ער שוין אפילו נישט געטראַכט וועגן דער סיבה פון זיין חרפּה, ער האָט בלויז געפילט ווי עס דערדריקט אים אַ לאַסט פון אַ פרעסנדיקער שמאַך און וויפל ער האָט צוריקגעקוקט אויף זיינע פאַרגאַנגענע טעג פון ליידן און הונגער, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געזען אין אַזאַ שמאַכ־פולן מצב ווי היינטיקן טאָג.

ער איז געגאַנגען איבער גאַסן נעענטער צום צענטער אָן אַ טאָלק און פּלוצ־לינג האָט ער זיך געזען אויף דער זעלבער פּלאַסע, וואו ער האָט מיט יאָרן צו־ריק געהאַט זיין ערשטע וויזיע.

ווי אינסטינקטיוו, האָט ער אויפגעזוכט זיין באַנק און זיך דאָרט אוועקגע־זעצט און אָנגעהויבן פילן אַ דערלייזונג צו זיין מידקייט.

אָבער אין זיין מוח, האָט זיך נאָך אַלץ געקנוילט דער פּלאָנטער פון געדאַנ־קען; ער האָט געוואוסט אויף זיכער, אַז דאָ איז דאָס פּלאַץ, וואו ער דאַרף קענען צוריקומען צו זיין גייסטיקער גלייכגעוויכט, נאָר די דערמאָנונגען פון זיינע איי־בערגעלעבטע טעג, זיין ליטעראַרישן רום און גלייכצייטיק הונגעריקע און שלאָפ־לאָזע נעכט ביז צום היינטיקן מאָג פון זיין גרויסער שמאַך, האָט זיך ביי אים אין מוח ווידער אַלעס פאַרפּלאָנטערט און פּלוצלינג האָט עס אים גענומען שווינד־לען פאַר די אויגן און ער האָט זיי האַלב פאַרמאַכט, ווי אין דרימל און דורך די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן־לעפּלעך, האָט ער ווידער דערזען די פייערדיקע זייל, וואָס שרויפט זיך מיט אירע רעגנבויגן־קאָלירן ביז צום הימל און ווי פון דער פייערדיקער זייל באַווייזט זיך פּלוצלינג משה רבנו, ער טראָגט מיט זיך שטיי־נערנע לוחות, נאָך אַרויסקומענדיק פון דער פייערדיקער זייל, וואַרפט ער פון זיך די לוחות און זיי פאַלן אויף דער מאַרמאָרנער שוועל פון אַ רייך הויז און די לוחות ווערן דאָרט צעבראָכן אויף שטיקלעך און איין שטיק טרעפט אין קעפּל פון אַ קליין קעצל, דאָס קעצל ווערט פאַרוואונדעט און עס קורטשעט זיך איין אין די ווייטיקן און עס הויבט אָן אַזוי בעטנדיק צו פּישציען און משה רבנו גייט צו, הויבט אויף דאָס קעצל, גלעט עס און טראָגט עס צו צו זלמנען און גיט עס אים איבער און זאָגט אים: — נעם עס, צערטל עס און דערוואַרים עס, וועט עס דיך אויך צערטלען און דערוואַרעמען; מען דאַרף רחמנות האָבן... מען דאַרף רחמנות האָבן. . . —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ זון אַ דאָקטאָר

— א —

דאָן כּאַקאַבאַ האָט דערגרייכט זיין גרויסן ציל צו וועלכן ער האָט גע־שטרעבט זיין גאַנץ לעבן, אָבער קיין נחת האָט ער פון דעם דערגרייכטן ציל נישט דערלעבט.

אַט ליגט ער איצט, דער דאָן כּאַקאַבאַ, אין אַ בעטל וואָס שטייט צווישן אַ לאַנגע רייע בעטלעך אין דער גרויסער שפּיטאָל־סאַלע, זיין זון, אַדאָלפאָ, שטייט נעבן זיין בעטל אָנגעבויגן איבער אים און ער פרעגט ביי אים עפּעס, אָבער דאָן כּאַקאַבאַ קוקט אויף אים מיט פאַרגלעזערטע בליקן, ער דערקענט אים נישט.

דעם קראַנקנס געהער פאַרנעמט דעם זונס ווערטער, ער הערט ווי דער זון זאָגט אים — פּאַפּאַ... פּאַפּאַ... אָבער צי איז דאָס טאַקע זיין זון? זיין אַדאָלפאָ? אַ מענטש אין אַ שוואַרצן אַנצוג, אַ פּראָסטער מענטש ווי אַלע מענטשן, איז דאָס זיין אַדאָלפאָ?

ווידער דערהערט ער זיין זונס קול און ער שטרענגט זיך אָן, אין זיינע פאַר־גלעזערטע אויגן לויכטן אויף פינטעלעך, יאָ, ער דערקענט אים, דאָס איז זיין זון, זיין אַדאָלפאָ, אָבער וואו איז זיין ווייסער דאָקטאָרשער כאַלאַט? ער גלויבט זיך נישט, ער באַמיט זיך צו מאַכן אַ באַוועגונג, ער וויל מיט דער האַנט אָנטאַפּן זיין זונס האַנט, אפשר וועט ער מיט דער האַנט־באַרירונג זיך איבערצייגן אין דעם, וואָס זיינע פאַרנעפּלטע בליקן קענען אים נישט איבערצייגן, אָבער ניין, צו וואָס די מי? דאָס איז דאָך נישט זיין אַדאָלפאָ... אַ פּראָסטער מענטש אין אַ שוואַרצן אַנצוג... ווער איז עס אַזוינס?...

זעענדיק די אויפגעלויכטענע פינטעלעך אין דאָן כּאַקאַבאָס אויגן און זיין אָנשטרענגונג צו באַוועגן מיט דער האַנט, האָט זיך אַדאָלפאָ טיפער אָנגעבויגן איבער דעם פאָטערס קאָפּ, אַ גלעט געטאָן דעם פאָטערס איינגעפאַלענע באַק און ווידער אָנגעהויבן פליסטערן צו אים: — פּאַפּאַ, דערקענסט מיך? דאָס בין איך, אַדאָלפאָ...

דעם זונס אָטעם האָט אַ ווייע געטאָן איבער דעם פאָטערס קראַנקן פּנים און דער גלעט פון זונס אָטעם האָט אים ווי אָפּגעפרישט און ער האָט ברייטער צעעפנט די אויגן, דער נעפּל איז ווי פאַרשוואונדן, ער האָט געזען און דערקענט זיין זון, זיין אַדאָלפּאָס צאַרט פּנים מיט די שוואַרצע וואָנסעלעך וואָס ער, דאָן כאַקאָבאָ, האָט אים געהייסן ער זאָל זיי לאָזן וואַקסן..

איצט האָט דער קראַנקער דערפילט אין זיך כוח גענוג, צו קענען אויפהויבן די הענט און אַרומנעמען זיין זונס קאָפּ און צוציען צו זיך, כדי אים אַ קוש צוגעבן, אָבער ווידער זיינען זיינע בליקן געפאַלן אויף אַדאָלפּאָס שוואַרצן אַנצוג, איצט האָט ער אַפילו דערזען, אַז דער אַנצוג איז שוין אַביסל אָפּגעבלאַקירט און אויסגעריבן און זיינע שוין אויפגעהויבענע הענט זיינען פּלוצלינג שווער צוריקגעפאַלן אויפן ווייסן געוואַנט פון בעטל און זיין פּנים וואָס האָט זיך שוין גע־האָט אויסגעבלייכט פאַר אַ שמייכל צו זיין זון, איז פאַרצויגן געוואָרן פון אַ גרימאַס פון ליידן; דאָן כאַקאָבאָ האָט פאַרמאַכט די אויגן און פון רעכטן אויג, האָט זיך פון אונטער זיין פאַרמאַכטן לעפּל אַרויסגעגליטשט אַ געלע גלאַנצנדיקע טרער...

— ב —

ווען יאַנקל קאַמאַשנמאַכער איז מיט דרייסיק יאָר צוריק געקומען קיין אַרגענטינע, איז ער נישט געקומען כדי דאָ צו פאַרבלייבן.

ער האָט ליב געהאַט זיין שטעטל אין פּוילן און נאָך מער האָט ער ליב געהאַט דעם שוחטס טעכטערל פריידל, וואָס האָט געוואוינט אין זעלבן געסל קעגנאיבער אים און זיי האָבן זיך קינדוויז געפלעגט שפּילן צוזאַמען.

קינדוויז, ווען זיי האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען, האָבן זיי זיך אָפט צעקריגט און צעברוגזט און זייער רוגז האָט צומאָל אָנגעהאַלטן וואָכן-לאַנג. אָבער זייט דער שוחט האָט אָנגעהויבן זיך בייזערן און כעסן אויף פריידעלען, פאַרוואָס זי שפּילט זיך מיט יאַנקל דעם קאַמאַשנמאַכערס, דעם גראָבן יונג, איז שוין צווישן די צוויי קינדער קיינמאָל נישט געקומען קיין רוגז, זיי האָבן שוין אָנגעהויבן בענקען איינס צום צווייטן און זיי האָבן שוין געזוכט געלעגנהייטן וויאַזוי זיך צוזאַמענצוטרעפן, אַז דער בייזער טאַטע דער שוחט זאָל נישט וויסן.

און וואָס עלטער זיי זיינען געוואָרן, האָבן זיי זיך אַלץ מער ליב באַקומען. זי איז געוואַקסן און זיך צעבליט ווי אַ שיינע בלום אין אַ זוניקן גאָרטן און ער, יאַנקל, איז זיך צעוואַקסן אין אַ קרעפטיקן בחור, און דער פאָטער זיינער, דער פּראָסטער האָרעפּאַשנער איד, האָט איינגעזען, אַז אַזאַ קרעפטיקער בחור וועט זיך מער אויסטויגן צו דער אַרבעט, ווי צום לערנען און ער האָט אים באַצייטנס גענומען אויף אויסהילף צו זיין קאַמאַשנמאַכעריי.

און יאַנקל האָט זיך אויסגעטויגט צו דער אַרבעט.

ער האָט געאַרבעט מיט אימפּעט און ער האָט שנעל באַנומען דאָס גאַנצע פאַך און געוואָרן אַ שיינער פאַרדינער.

און וואָס מער ער האָט געאַרבעט, אַלץ געזונטער און שענער איז ער זיך צעוואַקסן און די מיידלעך פון שטעטל האָבן צו אים אָנגעהויבן וואַרפן זייטיקע בליקן פול מיט באַגערן, אָבער יאַנקל האָט נאָר געבענקט צו פריידעלען דעם שוחטס און ווי אַ יאָר האָט זיך פאַר אים געצויגן די וואָך פון שבת ביז שבת, ווען ער האָט זיך מיט איר געטראָפן פאַרן בית־עולם הינטערן שטעטל.

יאַנקלס פאָטער האָט פאַרשטאַנען אַז מיט זיין אימפּעט ביי דער אַרבעט, וויל יאַנקל פאַרטרייבן זיין בענקשאַפט נאָך פריידעלען און ער האָט אים אַפילו געפּרואווט מוסרן, אַז ער זאָל זיך דעם כניאָקוואַטן שוחטס טעכטערל אַרויס־שלאָגן פון די געדאַנקען, ווייל דאָס איז נישט קיין גלייך פּאָרל, אַז דער שוחט וועט נעמען פאַר פריידעלען אַ כניאָק, וואָס זאָל קענען זיין אַ שוחט ווי ער...

אָבער וואָס האָט געקענט העלפן דעם פאָטערס מוסר, ווען די יונגע הערצער האָבן געבענקט איינס צום אַנדערן און די גאַנצע וואָך זיינען זיי געווען אַנגעפילט מיט דערוואַרטונג אויף די שבתדיקע צוזאַמענקונפטן.

יאַנקל אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען און געוואוסט, אַז דער שוחט וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין אים צו נעמען פאַר אַן איידעם, נאָר ער האָט וועגן דעם אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן; ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וואָס וועט זיין ווייטער, ער האָט געוואוסט אַז ער האָט ליב פריידעלען, ער קאָן אָן איר נישט לעבן און ער האָט זי געמוזט זען כאָטש יעדן שבת.

אַזוי האָבן זיך געצויגן וואָכן, חדשים און יאָרן, ביז אַ געשעעניש אין שטעטל האָט געווירקט אויף יאַנקלען, אַז ער זאָל אָנהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית, ווי אַזוי צו דערגרייכן, אַז פריידעלע זאָל ווערן זיין ווייב.

די געשעעניש איז געווען, וואָס הערשל דעם בלעכערס זון איז פּלוצלינג צוריקגעקומען פון דער ווייטער אַמעריקע, ער איז געקומען רייך אויסגעקליידט און מיט אַ סך געלט און דעם זעלבן בלעכערס זונדל וואָס האָט זיך געפּלעגט אַרומוואַלגערן אין געסל און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, איז פּלוצלינג געוואָרן דער אָנגעזעענסטער מענטש אין שטעטל און עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז ר' אַברהמעלע דער ראש־הקהל פון שטעטל, האָט אונטער־געשיקט שדכנים און הערשל דער בלעכער איז געוואָרן דעם ראש־הקהלס מחותן.

די געשעעניש האָט אויף יאַנקלען אַזוי געווירקט, אַז ער האָט באַשלאָסן אויך צו פאָרן קיין אַמעריקע, אויך מאַכן געלט און צוריקומען אַזוי ווי הערשל בלע־כערס זון און דעמאָלט, אָ, דער בייזער שוחט וועט שוין זיין צופרידן אַז ער זאָל באַגליקן זיין פריידעלען און עס וועט אים שוין אָנשטיין דער שידוך.

שנעל זיינען צוגעגאַנגען יאַנקלס צוגרייטונגען און דעם לעצטן שבת איז ער מיט פריידעלען געזעסן צוזאַמען צווישן געדיכטעביימער נישט ווייט פון

בית־עולם, לענגער ווי אַלעמאָל און ווען פריידעלע האָט מיט אירע לאַנגע שוואַר־צע צעפּ אַרומגענומען יאַנקלס האַלדז און אים צוגעבונדן צו זיך, האָט ער איר געשוואוירן, אַז פּונקט אַזוי וועט זיין האַרץ זיין צוגעבונדן צו איר אויף זיין גאַנצן לעבן.

אויפצומאָרגנס איז יאַנקל אַוועק אין דער ווייטער וועלט.

— ג —

דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

דער גורל האָט אַנדערש אָנגעצייכנט די צוקונפט פאַר יאַנקל קאַמאַשנ־מאַכער.

ווען יאַנקל איז געקומען אויפן אַדרעס פון זיינס אַ יוגנט־חבר וואָס איז שוין געהאַט אַוועק קיין אַרגענטינע, האָט דער חבר אים באַלד געוואָלט געבן אויף הוצאות, ער זאָל צוריקפאָרן אין זיין שטעטל און ברענגען זיין פריידעלע.

אָבער יאַנקל האָט זיך שנעל דערוואוסט וועגן די פינצטערע מסחרים וואָס זיין יוגנט־חבר פירט דאָ און ער האָט פאַרשטאַנען וואָס ער איז אויסן מיט זיין גוטסקייט און ער איז באַלד אַוועק פון זיין הויז, נישט וועלנדיק מער אויסריידן אַ וואָרט מיט אים.

יאַנקל האָט געזוכט אַרבעט. ביי זיין פאַך אַלס קאַמאַשנמאַכער האָט ער קיין אַרבעט נישט באַקומען, האָט ער זיך געוואָרפן צו פאַרשידענע אַנדערע אַר־בעטן ביי וועלכע ער האָט קוים פאַרדינט אויף זיין אָרימען אויסקומעניש און זיין האָפענונג צו קענען זיך פאַראייניקן מיט זיין פריידעלען, האָט אָנגעהויבן שווינדן ווי רויך.

די גאַנצע האָפענונג האָט ער פונדעסטוועגן נישט אויפגעגעבן, ער האָט אָנ־געהויבן זוכן, שנאַפּן, אפשר וועט ער פאָרט געפינען עפּעס אַ בעסער באַצאָלטע אַרבעט וואָס זאָל אים דערלויבן צו שפּאָרן אַ טאָלער און ענדלעך האָט ער אָפּגע־מאַכט מיט אַ קוענטעניק, ער זאָל פאַר אים מאַכן קליענטעלע, און כאָטש יאַנקל האָט געטאָן די אַרבעט נישט מיט קיין גרויסן חשק, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעהויבן גאַנץ פיין פאַרדינען און די האָפענונג האָט ביי אים צוריק אויפ־געלויכטן.

ער האָט יעדע וואָך געשריבן אַ בריוול צו זיין פריידעלען, אָבער די ענט־פערס האָבן אָנגעהויבן קומען אַלץ ווינציקער, אַלץ שיטערער, זי האָט אים גע־שריבן, אַז דער פאָטער האָט ביי איר געפונען זיינע בריוו און זי האָט דערפון אַ סך געליטן און ענדלעך האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט שרייבן צו אים.

יאַנקל האָט אַ סך געליטן און ווען ער האָט פון זיין פאָטער באַקומען די ידיעה אַז פריידעלע איז אַ כלה געוואָרן, טאַקע מיט אַ גביר וואָס גרייט זיך צו

ווערן שוחט, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געווײנט אויפן בעטל אין זײַן סאַלטערסקע שטיבל, און גאַנץ פרי האָט ער אַרויסגענומען דאָס פּעקל בריוולעך פון פרײדעלען, אָנגעצונדן זיי אײנס נאָכן צווייטן און ווען דאָס לעצטע בריוול איז שוין געווען פאַרברענט, האָט ער צונויפגענומען דאָס אַש אין אַ פּאַפּיר און מיטגע־נומען עס צוזאַמען מיטן פּעקל סחורה אין גאַס אַרײַן.

די געגנט וואו ער איז אַרומגעגאַנגען מיט זײַן פּעקל סחורה, איז געווען אויסער דער שטאָט און פאַרנדיק אַהין מיט אַ טראַמוויי, האָט ער אָפּגעוואַרט ביז דער טראַמוויי איז געפאָרן איבער אַ בריק, דאַ האָט ער שנעל צעעפנט דאָס פּאַ־פּיר מיטן אַש פון די פאַרברענטע בריוו און עס אַ שלײדער געטאָן איבערן וואַ־סער וואָס האָט געשטראָמט אונטער דער בריק.

יאַנקל האָט געפילט אַן אינערלעכע באַפרידיקונג; ער האָט געפילט, אַז אַט־אַט וועט דאָס אַש פון פרײדעלעס בריוו געטראָגן ווערן פון שטראָם צוריק אַהין, איבער ווײַטע ימים, אַהין צו דער זשעקע וואו פרײדעלע האָט זיך אַלעמאָל ליב געהאַט צו באָדן און אפשר וועט זי זיך ווידער פּונקט באָדן און דאָס אַש פון אירע פאַלשע ליבעס־בריוולעך וועט זיך קלעפּן צו איר נאַקעטן קערפּער...

יאַנקל האָט געטראַכט און די געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט. ער האָט שוין באַדויערט זײַן אַוועקפאָרן פון דער היים און באַלד האָט ער ווידער געטראַכט, אַז בעסער אַזוי, אויב זי האָט אים דאָס געקענט אָפּטאָן, איז זי פאַר אים געשטאָרבן.

קומענדיק שוין אין דער געגנט, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט ער געוואָלט פאַרשרײַען זײַן ווייטיק, האָט ער העכער ווי אַלעמאָל אויסגעשריען די אַר־טיקלען וואָס ער פירט מיט זיך צו פאַרקויפן אויף באַרג, צום אויסצאָלן, נאָר ער האָט זײַן ווייטיק נישט געקענט פאַרשרײַען און טרויעריקע טעג און נאָך טרויעריקערע נעכט האָבן אים פאַראומערט זײַן לעבן.

אָבער נישט זייער לאַנג האָט אַזוי אָנגעהאַלטן זײַן טרויערן נאָך פרײדע־לען; דאָס לעבן רופט; יונג און געזונט ווי יאַנקל איז געווען, האָט אים דאָס לעבן גענומען לאָקן; ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן חשבון, אַז נישט ער האָט גע־בראָכן זײַן שבועה, נאָר זי, פרײדל און אויב זי האָט גענומען אַן אַנדערן, האָט ער אויך אַ רעכט צו לעבן אויף דער וועלט און אַבי ער האָט אָנגעהויבן אַזוי טראַכטן, איז אים שוין דאָס לעבן אַנטקעגנגעקומען און אים מיטגעריסן מיט זיך, מיטן שטראָם, מיטן שטראָם...

— ד —

דאָס ווייטערדיקע לעבן יאַנקלס, איז שוין געגאַנגען אַזוי ווי דאָס לעבן פון טויזנטער אַנדערע אידישע אימיגראַנטן.

אַרבעטזאַם ווי ער איז געווען, האָט ער אויף זיך געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון הויז־באַלעבאָס וואו ער האָט געוואוינט, די אײנציקע טאָכטער פון

באַלעבאָס האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן ווייזן אויפן הויף פּונקט דעמאָלט ווען יאַנקל איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, אָדער ווען ער איז צוריקגעקומען און אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, האָבן זיי זיך באַקענט און עס איז געוואָרן אַ שידוך.

יאַנקל האָט אַלץ נאָך געוואוינט אין דעם קליינעם אויבער־שטיבל, אָבער די אָוונטן האָט ער שוין פאַרבראַכט אין דער גרויסער סאַלע, אין געזעלשאַפט פון זיין כלה און ער האָט זיך באַמיט צו ריידן מיט איר שפּאַניש און רויטלענדיק זיך, האָט ער געדאַנקט פאַר די אויסבעסערונגען וואָס זי האָט אים געמאַכט.

אין דער שטוב פון זיין כלה, האָט ער זיך געפינען אין אַ סביבה פון אַסימילירטע אידן; זיין מחותן איז געווען איינער פון די ערשטע „יק"א"־אימיגראַנטן, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט האַלטן אויפן פעלד אַלס קאָלאָניסט, האָט ער אָנגעהויבן מסחרן אין פאַרשידענע פּראָווינץ־שטעט און שטעטלעך און אַזוי האָט ער זיך „אַקריאָזשירט" און באַזעצנדיק זיך ענדלעך אין בוענאָס איירעס, האָט ער שוין כמעט גאָרנישט געדענקט פון אַלט־היימישן אידישקייט.

און אויב דער פאָטער האָט שוין נישט געוואוסט פון אידישקייט, האָט די טאָכטער אוודאי נישט געוואוסט און אין דער שטוב איז יאַנקל שנעל געוואָרן כ אַ ק אָ ב אָ און ווען דער מחותן זיינער איז אַ יאָר נאָך זיין טאָכטערס חתונה געשטאָרבן און יאַנקל איז געוואָרן דער באַלעבאָס אין שטוב, האָט מען אים שוין גערופן ד אָ ן כאַקאָבאָ.

דאָן כאַקאָבאָ איז געוואָרן אַ באַלעבאָס און געפירט אַ באַלעבאַטיש לעבן ווי טויזנטער אַנדערע אַרויפגעאַרבעטע אימיגראַנטן און דאָס איינציקע וואָס האָט אים נאָך פאַרבונדן מיט זיין אַלטער היים, איז געווען זיין פאָטער, דער קאַמאַשנמאַכער וועמען ער האָט פון ציַיט צו ציַיט צוגעשיקט אַביסל געלט, ביז די גרויסע מלחמה איז אויסגעבראָכן און די פאַרבינדונג מיט די אַלט־היימישע שטעטלעך איז אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן.

דערווייל איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, דאָן כאַקאָבאָ איז געוואָרן אַ פאָטער און די פרייד זיינע איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין ציַיט צו טראַכטן וועגן דער אַלטער היים און אגב, וואָס איז דאָ צו טראַכטן? וואָס העלפט דען דאָ אַ טראַכטן, אַז די פאַרבינדונגען זיינען איבערגעריסן און ער ווייס נישט וואָס מיט זיין פאָטער איז געוואָרן?

אַנדערע אידן אין אַרגענטינע האָבן דווקא יאָ געטראַכט; זיי האָבן געטענהט, אַז הויב מען קאָן נישט העלפן ה יי נ ט, מוז מען זיך אָנהויבן גרייטן צו קענען העלפן מ אָ ר ג ן; עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר גרייטן הילף פאַר די מלחמה־געליטענע אידן אויף יענער זייט ים און עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרופּירן פאַרשידענע לאַנדסלייט און אַזוי איז אויף דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע פּוילישע אידן, געגרינדעט געוואָרן דער פּויליש־אידישער פאַריין „אַ ג ו ד ת א ח י ם".

דאָן כאַקאָבאָ האָט אַפילו נישט געוואוסט פון דעם אַלעם וואָס עס טוט זיך

אַפּ אין דער אידישער גאַס. ער האָט זיך געלעבט אין זיין סביבה און ווען ער האָט זיך אַמאָל באַגעגנט מיט אַלט־היימישע אידן, האָט ער אין זיי געזען פּשוטע שוויצערס, קהל־קלאַפּער, וואָס אַ לייטישער מענטש דאַרף זיך גאָר מיט זיי נישט חברן.

ער האָט געפילט אַן אינערלעכן דראַנג זיך צו האַלטן ווירדיק, באַלעבאַטיש; ער האָט זיך געהיטן מיט גאָרנישט צו דערמאָנען זיין אַמאָל; ערגיץ אין אַ ווינקל פון זיין נשמה, איז געבליבן אַ זכר פון דעם אינפעריאָריטעטס־געפיל, וואָס פריידעלעס פאָטער דער בייזער שוחט האָט אין אים באַשאַפן און אינסטינקטיוו האָט ער געשטרעבט אַז זיין זון, זיין אַדאָלפאָ, זאָל פון אַזאַ געפיל קיינמאָל נישט וויסן.

— איך בין נישט קיין אָרימער קאַמאַשנמאַכער; האָט דאָן כאַקאָבאָ אַ סך מאָל נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן און מיין אַדאָלפאָ וועט נישט דאַרפן פון דער יוגנט אָן מיטהעלפן מיר אין דער שוואַרצער אַרבעט... אַ, מיין אַדאָלפאָ איז דער זון פון אַ בכבודיקן טאַטן, פון אַ באַלעבאָס, דאָן כאַקאָבאָס זון! און דאָן כאַקאָבאָ וועט שוין אַלעס באַזאָרגן, אַז אַדאָלפאָ זאָל ווערן אַ גרויסער מאַן!

פונדעסטוועגן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז מען האָט אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין לטובת די מלחמה־געליטענע קרבנות פון דער אַלטער היים, האָט ער דערקלערט זיין גרייטקייט אויך צו געבן אַ „דאָנאַציאָן" און ווען אַ דעלעגאַציע איז געקומען צו אים, האָט ער אויסגעשריבן אַ טשעק, נאָר ווייטער פון דעם האָט ער זיך נישט געלאָזט פאַרפירן.

די דעלעגאַציע האָט אים געפּרואווט צוריידן אַז ער זאָל צושטיין צו דער הייליקער אַרבעט, זיי האָבן אים דערציילט אַז הונדערטער פּוילישע אידן האָבן זיך שוין אָנגעשלאָסן צום „אגודת אחים" און אַז ער דאַרף אויך צושטיין, נאָר דאָן כאַקאָבאָ האָט זיך מיט פאַרשידענע תירוצים אַרויסגעדרייט, ניין, ער קאָן נישט, אים אינטערעסירט די הילפס־טעטיקייט און ער שטייערט מיט, נאָר ער האָט זיך פיינט צו קהלן... זיין צייט דערלויבט עס נישט...

און דאָן כאַקאָבאָס נאָמען האָט טאַקע פון צייט צו צייט פיגורירט אויף פאַרשידענע זאַמל־ליסטעס, נאָר ער אַליין איז פאַרבליבן אין הינטערגרונט פון אידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן.

— ה —

יאָרן זיינען געגאַנגען און יאָרן זיינען געקומען און דאָן כאַקאָבאָס לעבן איז זיך געלאָפן ווי אויף זיכערע רעלסן וואָס דערפירן נישט צו קיין שום צו־זאַמענשטויס.

שוין לאַנג ווי ער האָט באַקומען די ידיעה וועגן זיין פאָטערס טויט און מיט דער ידיעה האָט זיך איבערגעריסן דער לעצטער פאָדים וואָס האָט אים נאָך געבונדן צו דער אַלטער היים.

נאָך צוויי קינדער, מיידעלעך, זיינען געבוירן געוואָרן, די שטוב־זאָרגן זיי־נען גרעסער געוואָרן, פּאָקן, מאָזלען, דאָקטוירים מיט מעדיצינען, אָבער דאָן כּאַקאָבאָס פּאַרדינסטן האָבן געקלעקט און די קינדער זיינען געוואַקסן ווי בלומען און דאָן כּאַקאָבאָ האָט אָנגעקוואָלן זעענדיק ווי זיינע קינדער וואַקסן ווי עכטע אַרגענטינער.

ער האָט פּאַר זיינע מיידלעך געהאַלטן אַ פּיאַנאָ־פּראָפעסאָרין אָבער אַמ־ליבסטן האָט ער געהאַט אַדאָלפאָן. אַדאָלפאָ איז געווען זיין גאַנצע האָפענונג. פון אים וועט ער מאַכן אַזוינס, אַז די וועלט זאָל מיט אים קלינגען. ער מוז אים מאַכן פאַר אַ דאָקטאָר און טאַקע אַ גרויסן דאָקטאָר, וואָס זאָל האָבן אַ שם אויף דער וועלט.

און ווען די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין אַביסל ערגער, האָט ער געזוכט צו שפּאָרן פון אַלע זייטן, נאָר נישט ביי זיין זון. און ווען די קריזיס־יאָרן האָבן זיינע געשעפטן נאָך מער פאַרערגערט און ער האָט זיך שוין געמוזט גוט מוטשען אויף צו קענען אויסהאַלטן זיין באַלעבאַטיש הויז, האָט ער די כּוחות נאָר גע־שעפּט פון די האָפענונגען אויף דעם גרויסן נחת וואָס ער וועט דערלעבן ביי זיין זון.

אין יעדער פרייער מינוט און דורך די נעכט אויף זיין געלעגער, האָט ער וואַכנדיק און שלאָפנדיק נאָר געחלומט וועגן זיין אַדאָלפאָ און ער האָט אים געזען אין דעם ווייסן דאָקטאָרשן כאַלאַט מיט טרייבלעך אין די הענט און ער האָט אַפילו געהערט די פּראָטעסטן פון די פּאַציענטן וואָס זיינען אין זיין אימאַ־גינאַציע געזעסן אין וואַרט־צימער און געוואַרט אַז זיין זון, דער באַרימטער דאָקטאָר, זאָל זיי שוין אויפנעמען.

אָפט האָט ער אויך אין אַזעלכע וואַכנדיקע חלומות זיך אַליין געזען אַלס קראַנקן, אַלע ביינער האָבן אים וויי־געטאָן, ער האָט ממש געפילט דעם ווייטיק און ער האָט אין דמיון געזען און געפילט ווי פאַרשידענע דאָקטוירים פּאָרקען זיך אַרום אים און באַטאַפּן אים, אָבער קיינער פון זיי ווייס נישט וואָס אים איז, ביז זיין זון, זיין אַדאָלפאָ קומט אַליין צו און שוין פון זיין צוקומען אַליין, האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן בעסער און די ווייטיקן האָבן אים נאָכגעלאָזן און זיין אַדאָל־פאָ באַטאַפּט אים און ער זאָגט עפּעס די איבעריקע דאָקטוירים און זיי שאָקלען צו מיט די קעפּ, יאָ, עס איז טאַקע אַזוי ווי ער זאָגט און דער זון שטייט איבער אים אין דעם ווייסן כאַלאַט ער טוט אָן די גומענע הענטשקעס און אַלע דאָק־טוירים קוקן צו ווי אַדאָלפאָ מאַכט אים אַן איינשפּריצונג; ער פילט דעם שטאָך פון דער נאָדל, אָבער באַלד ווערט אים בעסער און ער גייט שוין אַראָפּ פון בעט און ער דאַנקט דעם זון און די דאָקטוירים דריקן אים די הענט — אָט דאָס הייסט אַ דאָקטאָר!...

און דאָן כּאַקאָבאָ האָט אין די שווערע צייטן פון עקאָנאָמישער נויט געטאָן

אַלץ, געהאַוועט און געשמייעט בייטאָג און ביינאַכט, אַבי זיין גרויסן חלום צו פאַרווירקלעכן.

— ו —

פאַרשטייט זיך, אַז די אידישע שפּראַך איז געווען פרעמד אין דאָן כאַקאַ־באַס הויז.

כאָטש דאָן כאַקאָבאָ האָט נאָך אַלץ גערעדט אַ זייער שלעכטן שפּאַניש, פונדעסטוועגן, האָט ער אין זיין היים זעלטן ווען אויסגערעדט אַ אידיש וואָרט און עס האָט אים געקאָסט גענוג מי צו באַוועגן זיין טאָכטער פעליסיאַ, אַז זי זאָל ווייניקער איינטענהן מיט דעם גרינעם בחור וואָס וואוינט ביי זיי אין סאַלטערסקע שטיבל.

נאָך דאָס האָט אים געפעלט, אַז דער סאַלטעראָ, די גרינע חיה וואָס זעט אויס צו זיין אַ היץ־קאָפּ, וואָס רעדט נאָר וועגן אידישע שרייבער און אידישע קולטור, אַז ער זאָל ווערן צופיל מחותן מיט זיינע קינדער...

און כאָטש פעליסיאַ האָט אים שוין געשוואוירן אַז זי רעדט מער נישט מיט דעם גרינעם, פונדעסטוועגן האָט ער אים בעסער אָפּגעזאָגט דאָס שטיבל מיטן תירוץ אַז ער דאַרף עס פאַר זיך אַליין, און ווי נאָר דער „גרינער" איז אַרויס האָט ער דאָס שטיבל באַלד ווידער פאַרדונגען פאַר אַן עלטערן איטאַליענער.

און אַדאָלפאָ איז זיך געוואַקסן און באמת אַרויסגעוויזן אַ סך התמדה אין זיין שטודיום.

דאָן כאַקאָבאָ האָט זיך געזען אויף דער שוועל פון זיין רעאַליזירטן גרויסן חלום.

אַדאָלפאָ איז שוין אין פאַקולטעט, די הוצאות זיינען מאַקע גרויסע, אָבער דער ציל איז טויזנט מאָל גרעסער און דאָן כאַקאָבאָ שטרעבט אומדערמידלעך און ענדלעך קומט דער גרויסער טאָג, אַדאָלפאָ איז שוין אַ פּראַקטיקאַנט.

אָבער דערווייל האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן איבער דער וועלט, עס איז אויפגעשטאַנען אַן אַדאָלף היטלער און זיין חיהשער האַס צו אידן, האָט פאַר־גיפטעט די וועלט און אַדאָלפאָ האָט אָנגעהויבן אַהיימקומען מיט אַ פאַרטרויערט פּנים, די קריסטלעכע פּראַקטיקאַנטן האָבן זיך איבער אים גענומען צוערשט וויצלען, דערנאָך חוזק און דערנאָך פּשוט דערגיין די יאָרן און איזדעקעווען זיך איבער אים.

איינמאָל, נאָך אַן אויטאָפּסיע אין שפּיטאָל, האָבן אים די קריסטלעכע פּראַק־טיקאַנטן אַריינגעלייגט עטלעכע פינגער פון דער געפּאַלמעסטער פרוי אין קעשענע, אַ צווייט מאָל האָבן זיי אים איינגעשלאָסן אין אָפּעראַציע־זאַל ווען אַן אָפּערירטער האָט נישט אויסגעהאַלטן די אָפּעראַציע און איז געבליבן ליגן און־

טערן מעסער, די אַלע סאַדיסטישע שפּיצלעך האָבן זיך צעלייגט ווי אַ שווערער קאָשמאַר אויף אַדאָלפאַס געמיט און ער וואָלט עס אפשר נישט אויסגעהאַלטן, ווען דאָן כאַקאָבאָ קומט אים נישט צוהילף.

דאָן כאַקאָבאָ האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן וואָס אַנדערע אידישע דאָקטוירים־פּראַקטיקאַנטן טוען און אַזוי האָט ער זיך אָנגעהויבן זען מיט אידישע אידן, ריידן מיט זיי, פאַרשן און ער האָט געזען אַז דאָס איז אַן אַלגעמיינע צרה און ער האָט אָנגעהויבן מוטיקן זיין זון, ער זאָל זיך נישט לאָזן ברעכן זיין קאַריערע, אַז ער זאָל די אַנדערע אויף להכעיס ווייזן וואָס אַ אידישער דאָקטאָר קאָן באַווייזן און אַזוי האָט ער אים מיט שווערער מי און מאַטערנישן אַריבער־געפירט איבער דער בריק צו זיין גרויסן חלום, אַדאָלפאָ, דאָן כאַקאָבאָס זון, איז געוואָרן דאָקטאָר.

— ז —

צו שפּעט האָט זיך דאָן כאַקאָבאָ געכאַפּט אויף זיין גרויסן און פאַטאַלן טעות.

און גרעסער איז געווען זיין ווייטיק, וואָס נישט דאָס מאַכן זיין זון פאַר אַ דאָקטאָר איז געווען דער טעות, נאָר דאָס פאַרהיטן אים פון אַלעם וואָס שמעקט מיט אידישקייט.

דאָן כאַקאָבאָס גרויסער טעות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט גע־מיינט, אַז כדי צו קענען דערלעבן אַ גרויסן נחת פון זיין זון, כדי דער זון זיינער זאָל קענען ווערן אַ גרויסער מאַן, איז בעסער אַז ער זאָל זיין וואָס מער אָר־געטנטינער און וואָס ווייניקער איד. אַז מען קאָן זיין ביידע זאַכן צוזאַמען, ווענן דעם האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט און ער אַליין האָט נאָך אַכטונג געגעבן, אַז אין זיין שטוב זאָל נישט אויסגערעדט ווערן קיין אידיש וואָרט.

דער טעות פון דאָן כאַקאָבאָ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אַדאָל־פאָן נישט געלערנט קיין אידיש און אַדאָלפאָ האָט נישט נאָר נישט געקענט אויס־ריידן קיין אידיש וואָרט, נאָר ער האָט דאָס אידישע וואָרט אפילו נישט פאַר־שטאַנען.

אויף דעם טעות האָט זיך דאָן כאַקאָבאָ ערשט געכאַפּט, ווען ער האָט גע־הערט און דערנאָך געזען ווי אידישע דאָקטוירים פּראַקטיצירן אין אידישן שפּי־טאָל און ער האָט זיך אויסגעסטאַרעט, אַז אויך זיין זון זאָל אַנקומען אין אי־דישן שפּיטאָל, אָבער בעת אַנדערע אידישע דאָקטוירים וואָס האָבן כאָטש עפּעס געקענט ריידן, אָדער כאָטש פאַרשטיין די באַקלאָגענישן פון די אידישע קראַנקע, האָט אַדאָלפאָ גאָרנישט פאַרשטאַנען און די קראַנקע האָבן אים נישט געשענקט דעם קלענסטן צוטרוי.

אפילו די קראַנקע וואָס האָבן פאַרשטאַנען שפּאַניש, האָבן אויך נישט גע־האַט קיין צוטרוי צו אים, ווייל דער אידישער קראַנקער, אפשר דערפאַר ווייל ער איז קראַנק, פילט זיך בעסער אין אידישער סביבה און די דאָקטוירים וואָס ליידן מיט דעם חולה אידיש, ווערן פאַר דעם קראַנקן נאָענט און פאַרטרוילעך.

און דאָס אַלעס האָט דעם דאָן כאַקאָבאָ איבערצייגט אין זיין גרויסן טעות, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט דעם פאַטאַלן פעלער גוט צו מאַכן.

ער האָט נאָך באַוויזן מיט זיינע לעצטע אָנשטרענגונגען איינצואָרדנען פאַר זיין זון אַ קאָנסולטאָריע, ער האָט פּונקט ווי אַנדערע אידישע דאָקטוירים געגעבן אַן אָנאָנס אין די אידישע צייטונגען, אָבער די אידישע פּאַציענטן זיינען נישט געקומען און ווען אַזאַ פּאַציענט האָט יאָ אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו אים, איז עס געווען דאָס איינע מאָל, מער האָט ער זיך נישט געוויזן.

און נאָך מער האָט דאָן כאַקאָבאָ באַדויערט, וואָס ער האָט זיך אַמאָליקע יאָרן אַזוי דערווייטערט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַרוואָס ער איז דעמאָלט מיט יאָרן צוריק נישט צוגעטראָטן צו דער מיטאַרבעט אין די הילפס־פאַריינען, אָט ווייס ער, אַז די זין פון די דעלעגאַטן וואָס זיינען אַמאָל געווען ביי אים און אים געבעטן ער זאָל מיטאַרבעטן מיט זיי אין „אגודת אחים", אַז די זין זייערע זיינען דאָקטוירים און אַז דער אַמאָליקער „אגודת אחים" איז היינט אַ גרויסער פאַרבאַנד פון פּוילישע אידן און מען פּראָטעזשירט זיך, מען העלפט זיך, מען איז באַקאַנט און מען האָט אַ נאָמען און ער, וואָס? ווער קען אים?

און נאָך ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס דער זון, זיין אַדאָלפאָ, האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און אים פאָרגעוואָרפן דעם גרויסן פעלער. ער האָט צוגעקוקט און צוגעזען זיין זונס פּיין און דאָס האָט אים אַלט און קראַנק געמאַכט.

דאָן כאַקאָבאָ האָט נאָך געפּרואווט מאַכן עטלעכע אָנשטרענגונגען, ער האָט געפּועלט אַז עטלעכע אידישע אינסטיטוציעס זאָלן אָננעמען זיין זונס אומזיסטע מעדיצינישע ליסטונגען, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, זיין נישט קענען זיך פאַרשטענדיקן מיט די אידישע קראַנקע אין זייער מוטער־שפּראַך, האָט אונ־טערגעגראָבן דעם צוטרוי וואָס אַ קראַנקער דאַרף האָבן צום דאָקטאָר און די קאַריערע פון דעם יונגן דאָקטאָר האָט זיך כסדר געפינען ביים ראַנד פון אָפּגרונט.

צוזעענדיק זיין זונס פּיין, האָט דאָן כאַקאָבאָ אַזוי לאַנג אין זיך געדריקט זיין ווייטיק, ביז די גריזאַטעס האָבן אָנגעגריפן זיין האַרץ און ער האָט אָנגע־הויבן ליידן פון אָפטע אַטאַקעס.

זיין מאַטעריעלע לאַגע איז שוין אויך לאַנג נישט געווען ווי אַמאָל, און וואָס נאָך ערגער איז געווען, וואָס זיין לעצטע האָפענונג, אַז דער זון וועט באַקומען אַ רייכע כלה, איז אויך פאַרשוואונדן, ווייל אַדאָלפאָ האָט זיך נישט געוואָלט סתם

פארקויפן פאר געלט און צו דאן כאקאבאס שוואכן געזונטצושטאנד, האט נאך די מאטעריעלע נויט אנגעהויבן קלאפן אין זיין טיר.

— ח —

די לעצטע הארץ־אטאקע האט דעם דאן כאקאבא אוועקגעלייגט אויף לאנגע חדשים.

נישט געוועזן שוין די מעגלעכקייט אויף צו קענען אים ראטעווען אין דער היים און מען האט אים אינטערנירט אין שפיטאל.

דאקטוירים האבן אפילו אנערקענט אז זיין לאגע איז נישט האפנונגסלאז, נאר יעדעס מאל, ווען עס האט אים שוין אנגעהויבן בעסער ווערן און ער האט אנגעהויבן קומען צו זיך, האט ער ווידער און ווידער אנגעהויבן טראכטן וועגן זיין זון דעם דאקטאר און וועגן זיינע פאטאלע טעותים און זיין הארץ האט זיך פון טיפער פיין ווידער אפגעשטעלט.

די לעצטע נאכט האט עס אויסגעזען, אז אים גייט שוין בעסער. ער איז געשלאפן רואיק און אויף זיין פנים האט געשוועבט א שמייכל. ער האט געחלומט. ער האט געחלומט זיין אייביקן חלום וועגן זיין זונס גרויסקייט, ער האט אים געזען ווי אמאל אין זיין אימאגינאציע, אין דעם ווייסן כאלאט, מיט טרייבלעך אין די הענט און ווידער האט ער געפילט ווי דער זון זיינער מאכט אים אן איינשפריצונג, ער פילט דעם שטאך און אט איז ער שוין אינגאנצן געזונט און די איבעריקע דאקטוירים באגריסן אים און זיי זאגן אז זיין זון איז גרויס,גרויס...

דאן כאקאבא איז אזוי אפגעשלאפן ביז צו דעם וויזיט פון די דאקטוירים און עפענענדיק די אויגן, האט ער געזוכט זיין זון צווישן זיי און זעענדיק אז זיין זון איז נישטא, האט ער ווי דערוואכט פון חלום צו דער טרויעריקער ווירקלעכקייט און ער האט זיך א צאפל געטאן מיטן גאנצן גוף און געבליבן ליגן אומבאוועגלעך, ווי טויט.

די דאקטוירים האבן פונדעסטוועגן אנגעווענדט אלע מיטלען. זיי האבן אים דערהאלטן ביים לעבן, אבער קענטיק בלויז אויף דערווייל, ווייל צום באוואוסטזיין האבן זיי אים שוין נישט געקענט צוריקברענגען.

איצט שטייט שוין זיין זון, אדאלפא, דער דאקטאר פאר וועמענס קאריערע דאן כאקאבא האט זיין גאנץ לעבן אפגעגעבן, ער שטייט אריבערגעבויגן איבער זיין פאטערס קראנקן־בעט, ער ווארט, אז דער פאפא זאל אים דערקענען, אט־אט דוכט זיך אים אז די פינטעלעך פון באוואוסטזיין צינדן זיך אין זיין פאטערס אויגן און ער בויגט זיך אן טיפער: — פאפא, דו דערקענסט מיך? דוכט זיך אז יא, אט שפרייט זיך א שמייכל אויפן פאטערס פנים, נאר באלד ווערט עס פארצויגן פון א גרימאס, א געלע גלאנציקע טרער גליטשט זיך ארויס פון זיין רעכטן אויג, דאן כאקאבא גיט זיך א לעצטן צאפל, אוים.

דאן כאקאבא איז געשטארבן באוויינענדיק מיט זיין לעצטער טרער זיין גרויסן פאטאלן טעות.

דער אונטערגאַנג פון אַרטיסט יאָזעף אונגער

שוין לאַנג, נאָך מער ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, האָט זיך דער אַרטיסט יאָזעף אונגער אָנגעהויבן שרעקן פאַרן אונטערגאַנג פון אידישן טעאַטער.

ער איז נאָך דעמאָלט געווען אין פולן גלאַנץ פון זיין רום. פרויען האָבן אים נאָך אַרויפגעשיקט מתנות אויף דער בינע און קליינע קאַרטלעך מיט באַשטעלונגען, וואו זיי ווילן מיט פאַכנדיקע הערצער אָפּוואַרטן דעם גרויסן גאָט־געבענטשטן קינסטלער און רעשטלעך פון אַמאָליקע טעאַטער־פּאַטריאָטן האָבן אים נאָך אָפּגעוואַרט נאָך דער פאָרשטעלונג ווען ער איז אַרויס פון גאַרדעראָב און מען האָט אים מיטגענומען אויף הוליאַנקעס, וואו ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

און אַז יאָזעף אונגער האָט געזען און געפילט, האָט ער געוואוסט אויף זיכער, אַז ער איז זיך נישט טועה. ער האָט פון זיך און פון זיין שכל זייער שטאַרק געהאַלטן און כאָטש ער האָט אָנגעהאַלטן שטאָט, כאָטש ער האָט זיך געפירט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, געהאַלטן זיך מאַיעסטעטיש און געקוקט אויף אַלע און אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, פונדעסטוועגן האָט ער גאַנץ אָפט, ווען ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, געטראַכט וועגן דעם טרויעריקע געדאַנקען.

אין אַזעלכע טרויעריקע מינוטן, האָט ער באַשולדיקט די יאָלדישע שוויצער וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן יאָווען צום טעאַטער, די שוויצער וואָס האָבן אַגיטירט פאַר אידיש, וואָס זיי איז נישט געפעלן דער אַקטיאָרישער לשון און זיי האָבן מיט הוזק נאָכגעשפעט: „פ־אַא־א־טער שטרא־א־פע מיך!...״

יאָ, יאָזעף אונגער איז געווען איבערצייגט, אַז נאָר אָט די יאָלדישע שוויצער דערהרגענען דאָס אידישע טעאַטער. זיי ווילן, די יאָלדן, אַז ער, יאָזעף אונגער, דער באַרימטער אַרטיסט וואָס פרויען פאַרגעטערן אים און באַוואַרפן אים מיט מתנות, אַז ער זאָל ריידן אַזוי ווי שמואל שמש פון פינטעלע איד. זיי פאַרגעסן אַז ער שפילט נאָר דעם ל י ע ב ה א ב ע ר, דעם אינטעליגענט, דעם פרינץ אָדער גראַפן־זאָהן... יאָלדן!...

ער האָט געגעבן אַ שפּיי אין דער לופט און אויפגעהערט טראַכטן. נישט כדאי. וואָס פאַרשטייען זיי די שוויצער?...

און יאָזעף אונגער האָט ווייטער געשפּילט און גערעדט אויף זיין אייגענעם אופן, און ווי אויף להכעיס די אַלע שוויצער, האָט ער נאָך מער צעצויגן די דייטשמערישע ווערטער און ווען דער עולם האָט אים אַפּלאָדירט, האָט ער נאָר געקוקט אין סאַלאָן אין אַלע זייטן, געזוכט מיט די בליקן עמיצן פון די שוויצער, אַ אינגל מיט אָפּגעבאַרעטע קליידער און ברילן ווי ביי אַן אַלטן מלמד... ער האָט געזוכט אַזאַ איינעם, כדי צו זען וואָס פאַר אַ מינע ער מאַכט ווען דער עולם דריקט אַזוי אויס זיין באַגייסטערונג פאַר אים, דעם קינסטלער יאָזעף אונגער... אָבער ער האָט אין סאַלאָן נישט געזען קיינעם פון די יאַלדישע יונגעלייט און ער האָט פאַרנויגנדיק זיך פאַרן ווערטן פּובליקום, אַריינגעבורטשעט אין זיך: — אַ בראָך אויף זיי, זיי אַרבעטען נאָר הינטער די קוליסן...

:: :: ::

אָבער די צייט איז נישט געשטאַנען.

צו די „יאַלדישע" בחורים האָבן זיך אָנגעהויבן צוהערן יונגע אַקטיאָרן, נייע פּיעסן האָבן זיך אַריינגעריסן אין רעפּערטואַר, פּיעסן וואָס האָבן געמאַכט אַ סענסאַציאָנעלן רושם, דער דיבוק האָט פאַרטריבן די לאַטיינערס און די הורוויטשעס און אָנשטאָט גראַפן און פּרינצן האָבן זיך אויף דער בינע אָנגעהויבן באַוויזן אידן, פּשוטע פאָלקס־מענטשן וואָס דאַרפן ריידן אַ געוויינלעכע שפּראַך ווי זיי ריידן ביי זיך אינדערהיים און וויפל יאָזעף אונגער האָט זיך נישט באַמיט אָנצוהאַלטן זיין רומרייכן רעפּערטואַר, האָט ער אָבער פאָרט געזען אַז די שוויצער האָבן דעראָבערט די בינע און מען מוז זיך צייטווייליק אונטערגעבן.

און יאָזעף האָט זיך אונטערגעגעבן.

ווען ער האָט זיך גרימירט אַלס אידישער טיפּ, האָט ער זיך געפילט ווי ער וואָלט זיך גרימירט אַלס בעטלער, כאָטש ער איז אין דער אמתן אַ פּרינץ און פּונקט ווי אין די פּיעסן אין וועלכע ער איז אויפגעטראָטן אַלס בעטלער־פּרינץ און געהאַט אַזעלכע דערפאָלגן אַז פרויען האָבן זיך אים געוואָרפן צו די פיס, אַזוי וועט זיך דאָס אויך באַלד ענדערן, עס וועט אַריבערגיין די „כאָלערע" וואָס די יאַלדן האָבן פאַרשפּרייט און ער וועט ווידער דערשיינען אין זיין גאַנצן גלאַנץ און פּראַכט.

אָבער אין זיין גאַנצן גלאַנץ און פּראַכט איז ער שוין מער נישט דערשינען.

דער פּעריאָד פון „ליטעראַרישן רעפּערטואַר" איז טאַקע שנעל אַריבער און מען האָט אָנגעהויבן שפּילן נייע פּיעסן, ענלעכע צו די אַמאָליקע „גלאַנץ־פּיעסן", אָבער עס זיינען שוין געווען יונגערע וואָס האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלן און כאָטש יאָזעף אונגער האָט בפירוש געזען אַז זיי טויגן צו גאָרנישט, האָבן זיי פאָרט זיין פּלאַץ פאַרנומען און ער האָט, כדי נישט צו פאַרלירן דעם באָדן אונטער זיך, געמוזט מאַכן ווייטערדיקע הנחות און אָנהויבן שפּילן טאַטעס.

ערשט איצט, האָט אונגער נאָך פּאָזיטיווער געזען אַז דאָס אידישע טעאַ־טער גייט אונטער.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס ער, יאָזעף אונגער, דאַרף שפּילן אַ טאַטן און צוקוקן ווי דער שנעק וואָס האָט נאָך נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט ביים טעאַטער, ער זאָל שפּילן זיינע גלאַנץ־ראָלן, שוין דער פאַקט איז גענוג געווען פאַר אים צו זען, אַז דאָס אידישע טעאַטער גייט אונטער.

אין דער צייט האָט זיך אונגער געפילט אַזוי באַעולט, אַז ער האָט אָנגע־קוואָלן ווען די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט פאַר לײדיקע בענקלעך. ער האָט זיך אין אַזעלכע אָוונטן געריצט מיט די יונגע אַרטיסטן און געחוזקט: — נו? איר האָט פאַרכאַפּט די ברעטלעך, אָבער צו דער מאָדאָם פּובליקום קאָנט איר נישט דער־לאַנגען...

און כדי צו באַווייזן, אַז ער רעדט נישט סתם אין דער וועלט אַריין, האָט ער זיך אין גאַרדעראָב אָוועקגעשטעלט אין אַ העלדישער פּאָזע און אָנגעהויבן דעקלאַמירן מאָנאָלאָגן פון „בן־הדור" און פון אַנדערע פּיעסן און ער האָט בעת־מעשה איבערגעפּילט די גאַנצע פרייד פון אַמאָל און ער האָט זיך צום סוף גע־נויגט ווי אַמאָל פאַרן פּובליקום און געמאַכט זשעסטן ווי ער וואָלט געקליבן די מתנות וואָס מען וואַרפט אים צו; די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן זיך איבערגע־וואונקען און אונגער איז שנעל געקומען צו זיך און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט איראָניע: — באַ! מיט וועמען איך האָב זיך דאָ גאָר אָוועקגעשטעלט...

די שלעכטע געשעפטן האָבן זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף זיין אייגענעם מאָגן, אָבער ער האָט הנאה געהאַט וואָס די געשעפטן גייען מיטן קאָפּ אין דער ערד. — נישטאָ קיין טעאַטער, נישטאָ קיין פּובליקום.

אָבער, ווען עס האָט אים שוין אָנגעהויבן אויספעלן אויף ברויט, האָט ער פאַמעלעך פאַרגעסן אָן זיינע יונגערע קאָנקורענטן, ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אייניקן מיט זיין גורל, און ער האָט אויפסניי אָנגעהויבן אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ צו די יאָלדישע יונגעלייטלעך וואָס האָבן מיט זייער אידיש און מיט זייערע פּיעסן דערהרגעט דאָס אידישע טעאַטער.

יאָזעף אונגער האָט געקענט זיין פּובליקום. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער איד וואָס גייט אין טעאַטער, וויל דאָרט הערן ריידן אַנדערש ווי מען רעדט ביי אים אין דער היים און ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט אַמעריקע, באַקומען פון דאָרט עטלעכע פּיעסן מיט אַ סך ענגלישע ווערטער, ער האָט לאַנג געאַרבעט איבער זיי, ער האָט באַקומען צו זיך עטלעכע אַרטיסטן און אָט האָט ווידער אָנ־געהויבן שיינען אונגערס שטערן. „יעס", „מיסטער", „גוד־ביי", „פּיקטשעס", העלאָו" און נאָך אַנדערע פרעמדע ווערטער האָבן דעם עולם פריטשמעליעט און אונגער איז אַרוים דער זיגער.

אונגער האָט זיין גאַנצן זיג צוגעשריבן צום פאַקט, ווי ער איז געווען אי־בערצייגט, אַז דער עולם וויל אין אידישן טעאַטער נישט הערן קיין אידיש און

ווען די קריטיקער זיינען אויפסניי אַרויס מיט אַ גוואַלד, פאַרוואָס מען צעקאַ־ליעטשעט די אידישע שפּראַך מיט האַטנטאַטישע ווערטער, האָט אונגער אין דעם געזען אַן אַטאַקע אויף דער עקזיסטענץ פון אידישן טעאַטער.

אין אַ שמועס מיט אַזאַ קריטיקער, האָט אונגער אַמאָל אַזוי געזאָגט:

— איך ווייס, אַז איר מיינט עס ערנסט, אָבער איר פאַרשטייט נישט דאָס אידישע טעאַטער. דער עלטערער דור האָט ליב דאָס טעאַטער אַזוי ווי איך דער־לאַנג עס אים און נאָר אַזוי און דער יונגערער דור רעדט ווידער נישט קיין אי־דיש, טאָ פאַר וועמען זאָלן מיר שפּילן?

דער קריטיקער האָט אים געפּרואווט איבערצייגן, אַז די יוגנט רעדט יאָ אי־דיש, מען שאַפט כסדר שולן און דאַווקע דאָס אידישע טעאַטער דאַרף צוהעלפן צו דער פּאָפּולאַריזירונג פון דער אידישער שפּראַך און נאָך אַ סך זאַכן האָט אים דער קריטיקער אין די ברילן געזאָגט, וואָס אונגער האָט זיך געמוזט באַמיען נישט צו חוזקן פון דעם יאָלד אים אין די אויגן און ווען דער קריטיקער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט אים אונגער אַ זאָג געטאָן: — און פאַרוואָס קומען נישט אייערע מענטשן אין טעאַטער?

— שפּילט אידיש און די פּיעסן וואָס מיר פאַרלאַנגען און מען וועט קומען.

— קומט, וועלן מיר שפּילן.

— שפּילט, וועלן מיר קומען.

דער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט מיט גאָרנישט.

אונגער איז געווען איבערצייגט אַז דער מענטש ווייס גאָרנישט און אויב מען וועט אים נישט אונטערהאַקן די זייטן, וועט ער אומברענגען דאָס אידישע טעאַטער.

אָבער ווער וועט אים אונטערהאַקן די זייטן, אַז קיין פּאַטריאָטן זיינען מער נישטאָ, דער דיבוק האָט זיי פאַרטריבן פון טעאַטער, אָדער זיי זיינען פאַר־יאָלדישט געוואָרן און אונגער האָט געזען אַז דאָס אידישע טעאַטער גייט אונ־טער. מען שטויסט עס צום אונטערגאַנג.

:: :: ::

יאָזעף אונגער האָט זיך געלאָזן איבער דער וועלט.

ער האָט געהערט אַז אין די אַמעריקאַנער לענדער גייט עס נאָך גוט מיט אידיש טעאַטער, דאָרט דאַרף מען נישטריידן דעם בטלנישן אידיש און עס זיינען דאָרט נישט פאַראַן די יונגעלייטלעך וואָס חוזקן פון „פּ־א־ה־טער רעטע מיך!...״

האָט אונגער אַרומגעוואַנדערט און געוואָרן אויסגעריסן ביז ענדלעך ער האָט זיך דערשלאָגן קיין אַרגענטינע, אָבער אויך דאָרט האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע יאָלדישע יונגעלייט וואָס האָבן געאַרבעט פאַר אידיש און אידישע שולן, נאָר

דאַנקען גאָט, וואָס דאָרט האָט אונגער זיך מיט זיי נישט אָנגעקערט, זיין נאָמען איז געווען אַ „מאַרקע״ און מען האָט אים אַנגאַזשירט און ער האָט זיך געפילט ווי „קייזער אונד קעניג״.

נאָר נישט לאַנג האָט עס אָנגעהאַלטן. זיין שטערן איז שנעל פאַרטונקלט געוואָרן פון אַן אַנדער גאַסט, אויף ווייטע וואַנדערונגען האָט ער שוין נישט גע־האַט קיין מוט און עס איז אויך נישט געווען וואוהין און אונגער האָט זיך גע־מוזט אייניקן מיטן גורל „צו גיין אין כּאַר״, דאָס הייסט שפּילן וואָס עס לאָזט זיך און ווי אַזוי עס לאָזט זיך.

און ווי שלעכט אים איז געווען, האָט ער עס נישט צוגעשריבן זיין עלטער, זיין אויסגעוועפּטקייט, זיין נישט זיין דאָס פון אַמאָל, נאָר צו דעם בהדרגה־דיקן אונטערגאַנג פון טעאַטער.

— די יאָלדן, אַ בראָך אויף זיי, זיי האָבן געקוילעט דאָס טעאַטער, גע־קוילעט און נישט דערקוילעט און דאָס טעאַטער מוטשעט זיך מיט אַ לאַנגזאַמען אונטערגאַנג און ער, יאָזעף אונגער, דאַרף זיין דער טראַגישסטער קרבן...

אַזוי האָט אונגער גאַנץ אָפט געטראַכט און אַ שוידער איז דורך איבער זיין לייב, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס טעאַטער וועט אינגאַנצן אונטער־גיין און ער וועט אויף זיינע אַלטע יאָר דאַרפן גיין אין די הייזער...

געטראַכט אַזוי טרויעריק האָט ער אָבער נאָר ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין.

אין געזעלשאַפט האָט ער זיך ווייטער געסטאַרעט אָנצוהאַלטן שטאַט; זיין גאַנג, ווי מיד און שווער, איז ער געווען אַ מאַיעסטעטישער, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און געקוקט האָט ער ווייטער אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ און בכלל האָט אים די וועלט און אַלעם אַרום אים אויסגעזען פרעמד, עס איז שוין נישט געווען דאָס; נישט ער, ער איז געבליבן דער זעלבער, נאָר די וועלט איז געוואָרן עובר־בטול, מען האָט זי פאַרפּאַסקודיעט צו אַלדי שווארצע יאָר... — אַז יאָזעף אונגער דאַרף מורא האָבן פאַר זיין מאָרגן, דאַן, אַ, דאַן טויג שוין די גאַנצע וועלט אויף כּפּרות!

אַזוי האָט גאַנץ אָפט אונגער אויסדעקלאַמירט פּאַטעטיש און די וועלט און די מענטשן און אַפילו דאָס אידישע טעאַטער איז זיך פונדעסטוועגן געגאַנגען זייער אייגענעם דרך.

:: :: ::

און אָט איז יאָזעף אונגער קראַנק געוואָרן.

און דווקא די יאָלדישע אידישסטלעך האָבן געדענקט אָן אים און אים ווי אַן אַלטן פאַרדינסטפולן אַקטיאָר נישט געלאָזן וואַלגערן זיך אין גאַס אַ קראַנקן, מען האָט אים געבראַכט אין אידישן שפּיטאָל, מען האָט אויסגעפּועלט פאַר אים

א באזונדער צימערל און מען האט אים באזוכט און אבי ער האט זיך געפילט אביסל בעסער, האט ער גערעדט וועגן אונטערגאנג פון טעאטער.

ער האט נאך אלץ געגלויבט, אז ווען מען זאל נישט געווען אנהויבן שפילן טעאטער מיט א שפראך ווי יעדע יאכנע אדער יעדער מלמד רעדט אין דער היים, וואלט דאס טעאטער נאך געהאט א קיום און ער, אונגער, וואלט נאך געקענט ווייזן וואס ער קען... אזוי אבער, אידיש שטארבט, און דאס טעאטער שטארבט מיט און אז גאט וועט העלפן, ער וועט נאך אמאל ארויס פון שפיטאל, וועט ער שוין אלצאיינס מוזן אנטאן א בעטלער־טארבע, ווייל קיין טעאטער וועט שוין נישט זיין...

וואס לענגער ער איז געלעגן אין שפיטאל, אלץ מער האט ער אנגעהויבן ריידן וועגן די ערשטע גרויסע אקטיארן, דזשייקאב אדלער, דוד קעסלער, רודאלף שילדקרויט, א, דאס זיינען געווען אקטיארן און ער איז פון זייער חדר און אז גוט און וואויל איז זיי, וואס זיי זיינען גאט־ז ע ה ל י ג, און זיי דארפן נישט צוזען דעם אונטערגאנג פון אידישן טעאטער, פאר וועלכן זיי האבן זייער גאנץ לעבן א ו י פ ג ע א פ פ ע ר ט...

ווען אונגער איז ארויס פון שפיטאל, האט ער שוין מער נישט געשפילט קיין טעאטער. ער האט געשפילט, אבער בלויז דעמאלט, ווען קאלעגן ארטיסטן האבן געמאכט פאר אים א בענעפיט־פארשטעלונג, דעמאלט האט ער אויפגע־לעבט, ער האט ווידער אנגענומען זיין מאיעסטעטישע פאזע, געגאנגען שטאלץ און ווירדיק צו באלעבאטים פארקויפן בילעטן, נישט געבויגן זיך פאר זיי, און מערקווירדיק, די באלעבאטים האבן געהאט דרך־ארץ פאר אים, זיי האבן גע־קויפט בילעטן און אונגער האט זיך גערימט, אז נאך איז די וועלט א וועלט און מען ווייסט נאך דעם אונטערשיד פון א קאץ ביז אן אינדיק...

א טאג נאך זיין בענעפיט־פארשטעלונג, האט ער שוין ווידער געטראכט, אז אויף זיין גורל איז אויסגעפאלן צוצוקוקן ווי דאס אידישע טעאטער גייט אונטער.

ער האט נישט געהאט קיין עסקים מיט די אלע וואס ארבעטן פאר אידישע שולן, ער האט אפילו רעכט נישט געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ און ער האט נאר געטענהט מיט זיך אליין, אז ווי אזוי קאן עקזיסטירן א אידיש טעאטער ווען די אידישע שפראך גייט אונטער, ווען די אידישע מלמדים זיינען שוין טויט און די אמאליקע חדר־אינגלעך זיינען שוין דערוואקסן און זיי ריידן אנדערע שפראכן...

יא. יאזעף אונגער איז געווען זיכער, אז ער וועט נאך מוזן צוזען מיט זיינע אויגן ווי עם פארמאכט זיך דאס לעצטע טעאטער און ער וועט מוזן פארגיסן א טרער אויפן קבר פון טעאטער, און דערנאך וועט ער אויסגיין פון הונגער ווי א הונט אינמיטן גאס...

:: :: ::

דאָס אידישע טעאַטער איז אָבער נישט אונטערגעגאַנגען.

יאָזעף אונגער איז שוין ווידער געלעגן אין שפּיטאָל און דאָס מאָל זייער ערנסט קראַנק, דאָקטוירים האָבן שוין געגעבן גאַנץ שוואַכע האָפענונגען און דווקא אין דער צייט, האָט ער פון אַקטיאָרן באַקומען גוטע גרוסן וועגן אַ דער־פאָלגרייכן סעזאָן, מען שפּילט טעאַטער און גוט טעאַטער, איין טעאַטער האָט אַ „ליטעראַרישן רעפּערטואַר", אַ צווייט טעאַטער — אָפּערעטע און ביידע מאַכן גרויסע סבאָרן, מען ווייס גאָרנישט פון וואַנען עס נעמען זיך אַזויפיל אידן...

אַ נייער אַרטיסט איז געקומען, אַן אַרטיסט וועמען אונגער האָט אַמאָל אַרויפּגענומען אויף די ברעטלעך און אויסגעשטעלט אים פאַר אַ לייט, ער שיסט דאָס היינט דעם פויגל... אונגער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אַמאָל דעם לאָפּ־צעדרייראַם אַרויסגעוואָרפן פון זיין טעאַטער, ווייל ער האָט זיך געחברט מיט די אַ שנעקעס, וואָס האָבן געשריגן „אידיש"... און אָט אַ דער לאַמצעדרייראַם איז היינט דער קנאַקער און ער שפּילט ליטעראַריש טעאַטער און דער עולם קומט און אַקטיאָרן שיטן נעבן אים אַן גאַנצע זעקלעך מיט געלט...

אונגער איז געווען זייער קראַנק, אָבער טראַכטן האָט ער נאָך געקענט און ער האָט נאָר אַלץ געטראַכט ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך און ער האָט אָנגעהויבן זיך איינריידן, אַז דאָס איז אינגאַנצן אַ ליגנט, די אַקטיאָרן קומען, ווייל זיי ווילן זיך רייצן מיט אים, אַ בראָך אויף זיי...

און איינמאָל, האָט זיך אונגער אָנגעטאָן דעם כאַלאַט און באַשלאָסן אַראָפּ־צוגיין אין גאָרטן פון שפּיטאָל, דאָרט וועט ער טרעפן אַנדערע מענטשן, נישט קיין אַרטיסטן און ביי זיי וועט ער זיך דערוויסן דעם אמת.

ער האָט זיך באַדאַרפט אַ סך אָנשטרענגען, אָבער ענדלעך איז ער געווען אין גאָרטן און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ שיינער און אַ סך טאַטעס און מאַמעס זיינען געקומען אין שפּיטאָל מיט זייערע קינדער, אָרימע האַרעפּאַשנע טאַטע־מאַמעס וואָס האָבן נישט צו צאָלן פאַר וויזיטן און זייערע קינדער דאַרפן אַ דאָקטאָר...

און אונגער האָט צו זיין גרויסן חידוש געהערט, ווי די טאַטעס און מאַמעסריידן מיט די קינדער אידיש און נאָך מער פאַרחידושט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט געהערט ווי די קינדערלעך ענטפערן אין אַ קלינגענדיקן אידיש, אַזאַ אידיש ווי דער־אָ, דער אַמאָליקער שמיידראַצאָך, דער קריטיקער, האָט צו אים גערעדט און ווי דער אין די ברילן, וואָס האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז מען אַרבעט און מען שאַפט אידישע שולן און אַז דאָס טעאַטער דאַרף צוהעלפן פאַרשפּרייטן אַ שיינע אידישע שפּראַך...

קעגנאיבער דער פּאָזיטיווער ווירקלעכקייט, האָט זיך יאָזעף אונגער איינ־גאַנצן ווי פאַרלוירן און ער האָט עס זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע אַ ווירקלעכקייט.

כדי צו זען אַז ער חלומט נישט אַ מאָדנע חלום, האָט ער צוגערופן אַ קינד, אַ אינגעלע: — זאָג נאָר, דו רייטידירידיראַם, וועמענס טאַטע ביזטו?

דאָס אינגעלע האָט געשמייכלט און געענטפערט אין אַ קלינגענדיקן אידיש:
— איך בין נישט קיין טאַטע, איך בין אַ קינד און אַט דאָרט איז מיין מאַמע מיט מיין שוועסטערל עטעלע.

ביי אונגערן האָט עפּעס אַ ברי געטאָן אין הארצן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דער האלדז האָט אים נישט געדינט און פּלוצלינג זיינען זיינע אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן.

דאָס אינגעלע האָט צוגערופן עטעלען און עטעלע האָט געשלעפּט די מוטער נאָך זיך און דאָס אינגעלע האָט איר אַנטקעגנגעשריען מיט אַ געלעכטער: — הערסט, עטעלע, דער־אָ האָט מיך געפרעגט וועמענס טאַטע איך בין...

די מוטער האָט ווייזט אוים דערקענט דעם אַלטן אַקטיאָר און זי האָט מורא געהאַט אַז איר קינדס ווערטער וועלן אים פאַרדריסן, האָט זי אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אויסגערופן: — נישט שיין אַזוי, יאָסעלע, אַ אינגעלע דאַרף דרך־ארץ האָבן פאַר אַן עלטערן מענטש.

יאָזעף אונגער האָט נאָך אַלץ געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט שוין נישט געדענקט וואָס. ער האָט געקוקט אויף די צוויי קינדערלעך און אויף דער מוטער און עפּעס איז אים געוואָרן אַזוי מאָדנע, נאָר צום ווארפן זיך פאַר זיי אויף דער ערד און קושן דעם שטויב אונטער זייערע פים.

אין זיין מוח זיינען בליץ־שנעל געפלויגן די בילדער פון זיין לאַנגן אַמאָל ביז צום היינטיקן טאָג און איבער די אַלע בילדער און געדאַנקען, האָט געשוועבט איין גרויסער געדאַנק, איין געדאַנק וואָס האָט געלויכטן ווי אַ גרוים ליכט, דער געדאַנק איז געווען, אַז אויב קינדערלעך ריידן אַזוי שיין און אַזוי זאַפטיק אידיש, האָט דאָך דאָס אידישע טעאַטער יאָ אַ צוקונפט, גייט דאָך דאָס אידישע טעאַטער נישט אונטער!...

עם זיינען פאַר אים פאַרביינעגאַנגען נאָך אַנדערע פרויען און קינדער און ער האָט געהערט אויך פון זיי ריידן אידיש און וויפל ער האָט זיך באַמיט כאָטש איין וואָרט אויסצוריידן, זאָגן זיי, אויסשרייען פאַר אָט־אָ די פרעמדע מענטשן, פאַר זיין לעצטן פובליקום, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, אַ גרויסן טעות, אַז נישט דאָס אידישע טעאַטער, נאָר ער, דער רומפולער אַרטיסט יאָזעף אונגער גייט גאָר אונטער, אָבער ער האָט נישט געקענט ריידן, דער האלדז האָט זיך אים פאַרצויגן ווי מיט אַ שטריק. אַ יונגער מענטש איז צוגעקומען און אים געהאָלפן אויפשטיין. ער האָט זיך געלאָזן פירן און פּלוצלינג האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס אינגעלע, יאָסעלען, אַרומגענומען אים מיט ביידע הענט און צוגעדריקט אים צו זיין הארץ, אַראָפּגעבויגן זיך און געגעבן דעם קינד אַ קוש אין שטערן, די מוטער האָט איר קינד אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, פון אונגערס אויגן האָבן זיך אַרויסגעגליטשט צוויי גרויסע טרערן, עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין מוח, ער האָט געזען ווי די מאַמע שלעפּט אוועק אירע קינדערלעך, ער האָט נאָך אַלץ געהערט זייער אידיש־ריידן און ער האָט געזען ווי מען רייסט אוועק די אידישע צוקונפט פון אים און פּלוצלינג איז ער אַ פאַל געגעבן צו דרערד, ער איז געווען טויט.

יאָזעף אונגער איז אונטערגעגאַנגען.

דאָן כעראָנימאָ

כעראָנימאָ האָט נחתדיק אָפּגעזיפצט און אָט אַזוי, אַ זאָג טועגדיק צו זיך אַליין: — „געגוג זיך געפּליעסקעט אין וואַסער” — האָט ער זיך פּאַמעלעך און שווער אַרויסגעהויבן פון דער טיפער איינגעמויערטער וואַנע און אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון דער וואַנע אַביסל אָפּרוען פון דער שווערער אַרבעט וואָס דאָס אַרויסהויבן זיך האָט אים פאַראורזאַכט און אַזוי, זיצנדיק שוין אויפן ראַנד, מיט די פיס אין וואַסער, האָט ער ווייטער גענומען טראַכטן.

ער האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען אָן דעם, פון וואָס ער האָט פריער, בעת ער איז נאָך געלעגן אין וואַנע געטראַכט, ער האָט געדענקט, אַז ער האָט געטראַכט פון עפּעס זייער וויכטיקס, ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען פון וואָס ער האָט געטראַכט און נישט קאָנענדיק זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס נייעס פון וואָס צו טראַכטן, האָט ער געטראַכט פון גאָרנישט.

יאָ, ביי דאָן כעראָנימאָ פּאַסירט עס לעצטנס גאַנץ אָפט, וואָס ער טראַכט פון גאָרנישט.

אַ לאַנגע צייט, האָט ער זיך פון די פּלוצימדיקע צעמישענישן נישט געמאַכט קיין עסק; ער האָט עס אַרויפגעלייגט אויף זיינע פילע גרויסע געשעפטן און געשעפטלעכע פאַרבינדונגען וואָס פאַרקלאַפּן אים דעם מוח. אָבער זייט עטלעכע וואָכן, האָט ער זיך פּלוצלינג גענומען גריבלען אין זיין אייגענעם שכל. ער ווייס נישט ווי אַזוי, נאָר די גריבלעניש זיינע האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט און אַזוי גריבלענדיק זיך אין זיין אייגענעם שכל, איז אים פּלוצלינג געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער האָט בכלל גאָר קיין שכל נישט.

דאָס איז לעצטנס כסדר געשען, ווען ער איז טראַכטנדיק פּלוצלינג צעמישט געוואָרן און ער איז אַזוי געבליבן זיצן אין זיין צעמישעניש און עס איז נישט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אויפוועקן זיין אויפמערקזאַמקייט, קיינער האָט אים נישט גערופן, דער טעלעפאָן האָט נישט געקלונגען, דעמאָלט האָט עס לאַנג געדויערט, ביז ער איז פּאַמעלעך געקומען צו זיך און קומענדיק צו זיך, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן זיין צעמישעניש און אַזוי איז עס געוואָרן, אַז ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן און גריבלען זיך וועגן זיין שכל.

אָבער וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן זיין שכל, אַלץ אָפּטער זיינען גע־קומען די צעמישעניש. ער האָט עפּעס נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. איינ־מאָל, ווען ער איז שוין כמעט אינגאַנצן זיכער געווען, אַז ער איז אַ גאָרנישט, אַז ער קאָן קיין צוויי נישט ציילן, האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען און ביז ער האָט דאָס טרייבל געגומען צום אויער, האָט עס אויפגעבליצט אין זיין מוח. אַז ע פּ ע ס איז ער פאַרט! מען קלינגט דאָך צו אים! קלוגע מענטשן, זיינע אָנגע־שטעלטע, סוחרים, באַנקירן, אַלע קלינגען דאָך צו אים און וואַרטן אויף זיין וואָרט! יאָ, ע פּ ע ס איז ער פאַרט! ער וועט עס נאָך דערגיין... ער האָט זיך שוין אין זיין לעבן פאַרלייגט אויף אַ סך זאַכן און ער האָט זיי דורכגעפירט און דערגרייכט און ער וועט דאָס אויך דערגרייכן...

און נאָכדעם ווי ער האָט דורכן טעלעפאָן געגעבן עטלעכע אָרדערס וועגן פאַרשידענע געשעפטלעכע ענינים, איז ביי אים שוין געבליבן אויף זיכער, אַז ער איז פאַרט עפּעס און נישט נאָר עפּעס, נאָר פיל מער. ער איז אַ סך! יעדנ־פאַלס איז ער מער ווי אַנדערע, וואָס זיינען גלייך מיט אים געקומען קיין אַר־גענטינע און זיי זיינען געבליבן קבצנים, אַרבעטער, ממש גאָרנישטן און ע ר, דאַנקען גאָט, ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און נאָך ווי אַרויפגעאַרבעט! עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס די קבצנים, זיינע לאַנדסלייט און שיף־ברידער האָבן נישט געהערט ווי ער האָט נאָר־וואָס גערעדט דורכן טעלעפאָן וועגן אַ געשעפט פון שווערע טויזנטער! אָט אַזוי אָ, זיצנדיקביים טעלעפאָן, נישט געאַרבעט, גאָר־נישט, בלויז עטלעכע ווערטער און עס ווערט געלט, אַ סך געלט און מען בויט אויף זיין וואָרט און מען ציילט זיך מיט זיין וואָרט... יאָ, ער איז פיל מער ווי עפּעס און איבעריקנס, עס וועט נאָך זיין גענוג צייט צו טראַכטן דערפון...

איצט, זיצנדיק אַזוי אויפן ראַנד פון דער וואַנע מיט די פיס אין וואַסער, איז נישט געשען אַזוינס, וואָס זאָל וועקן זיין אויפמערקזאַמקייט און זיין צעמי־שעניש האָט געדויערט לענגער ווי געוויינלעך. ער איז געזעסן און געקוקט מיט־טעמפּע בליקן אויף דעם גרויסן גאָרנישט וואָס האָט אָנגעפילט זיין מוח. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַראָפּגעבויגן און זיין פעטע הויט האָט זיך געפאַלדע־וועט אויף זיין איינגעקאָרטשעטן אַראָפּגעשווערטן אויבערשטן טייל פון קערפּער.

נאָנץ לאַנג האָט עס אָבער ביי אים איצט אויך נישט אָנגעהאַלטן, ווייל זיין קערפּער האָט אַראָפּגעשווערט און ער האָט אָנגעהויבן פילן ווייטיק פון זיצן אויפן ראַנד. האַלב אינסטינקטיוו און האַלב באַוואוסטזיניק, האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגעצויגן פון וואַסער צוערשט איין פוס, אַריבערגעהויבן אים אויס דער וואַנע, דערנאָך דעם צווייטן, אַראָפּגעטרייסלט פון זיי די וואַסער־טראָפּן און ענדלעך, זיך אינגאַנצן אָוועקגעשטעלט אין דער נאַקעטער גרויס אויף דעם ספּע־ציעלן דיקן גומי־לויפער מיט די קוואַדראַטנע לעכער, וואָס נעבן דער וואַנע.

אַ ווײַלע איז דאָן כערקנימאַ אַזוי געבליבן שטיין, נאָר ווען די קוואַדראַט־נע איינשניטן פון גומי־לויפער האָבן אים אָנגעהויבן קוועטשן אויף די פיס־זוילן, איז ער אַריין מיט די פיס אין די לאַמשן וואָס זיינען געשטאַנען דערנעבן

און ער האָט גענומען טראַכטן, פאַרוואָס דער גומי־דיוואַן וואָס מען לייגט אוועק נעבן דער וואַנע, איז מיט אַזעלכע קוואַדראַטנע לעכער. צו וואָס דאַרף מען זיי? אַ גלייכע ווייכע זאַך וואָלט דאָך בעסער געווען, זי וואָלט נישט געקוועטשט די זוילן! ...

אָט אָ דער געדאַנק, אַז אַ גלייכע ווייכע זאַך וואָלט בעסער געווען אוועקצו־לייגן נעבן דער וואַנע, האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין צעמישעניש, דער גע־דאַנק האָט אים צוגעגעבן וויכטיקייט און ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, לויט זיין געוואוינהייט, אויף דער סאָפאַ, איז ער שוין ווידער געווען איבערצייגט, אַז ער האָט שכל, אַז ער ווייס און פאַרשטייט זאַכן און נישקשה, ער וועט נאָך ווייזן דער וועלט וזאָס ער איז און וואָס ער קאָן נאָך אויפטאָן.

אַ צופרידענער וואָס ער א י ז און וועט ז יי ן און וועט נאָך ווייזן וואָס ער קען, האָט ער נאָכאַמאָל נחתדיק אָפּגעזיפצט, אָנגעשפּאַרט זיין שווערן אויבערטייל פון קערפּער אויף די הענט, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף זיינע קני און אַזוי, האַלב אַריבערגעבויגן, האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן זיין פעטן קערפּער.

דאָן כעראַנימאָ איז צופרידן. פיין. אַ לייטישער גוף. ער וויל זיך דערמאַנען, צי איז ער אַמאָל קראַנק געווען, אָבער דאַכט זיך אים, אַז ניין. ער געדענקט עס וויניקסטנס נישט. אפשר אַמאָל, אַלס קינד. מילא, וועלכעס קינד איז דאָס אַמאָל נישט קראַנק? זיינע קינדער האָבן שוין איינמאָל געקרענקט! נאָר גאָרנישט. דאָס וואָס עס פעלט אים דער דיקער פינגער פון רעכטן פוס, דאָס איז גאָרנישט. אַן אַלטע מעשה. ער הינקט טאַקע צו צוביסלעך, אָבער מען דערקענט קוים... און עס ווילט זיך אים פּלוצים לאַכן פון דער גאַנצער מעשה מיטן פינגער און פון די אַלע זאַכן וואָס קענען אַלץ נישט געשען.

און ער דערמאָנט זיך די מעשה מיטן פינגער, ווי אַזוי אַ שייגעצל, דאַכט זיך, ער האָט געהייסן איוואַן, נאָך אין דער אַלטער היים... כע־כע, דאָס שייגעצל האָט זיך געוואָלט נוקם זיין פאַרוואָס אידן האָבן געקרייציקט זייער גאָט, האָט ער אים, הערשקען געוואָלט קרייציקן און ער האָט אים צוגעשטעלט צו אַ בוים, צוזאַמענגעשטעלט די צוויי פיס און אַריינגעשלאָגן אַ טשוואָק אין גראָבן פינגער. געמוזט זיין אַ כאַמולע, אָט־אָ דער איוואַנטשיק; ער האָט אייגנס אָנגעהויבן מיט די פיס, כדאי איך זאָל נישט קענען אַנטלויפן, אָבער שרייען האָב איך דאָך גע־קאָנט! האָב איך טאַקע געשריגן און מען האָט מיך אָפּגעראַטעוועט, נאָר איך בין געבליבן אָן אַ פינגער...

אָט אַזוי, זיצנדיק אויף דער סאָפאַ אין זיין קאָמפאָרטאַבלען באָד־צימער, דערמאָנט זיך דאָן כעראַנימאָ זאַכן פון אַמאָל, פון אַמאָל אין דער אַלטער היים, ווען ער האָט נאָך געהייסן הערשקע און איז געווען אַ זון פון אָרימע טאַטע־מאַמע; ער דערמאָנט זיך, ווי זיין פאָטער האָט געפלעגט אַהיימקומען יעדן פרייטיק מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, אין זאַק זיינען געלעגן פעלעכלעך, וואָס האָבן גע־שפּריט פון זיך אַ מאָדנעם ריח. און זיין מאַמען געדענקט ער אַלעמאָל אַ ווײ־

נענדיקע און וויפל ער באמת זיך נישט צו דערמאָנען אָן אַ שמייכל אויף זיין מוטערס פנים, ניין. זי האָט אוודאי קיינמאָל נישט געשמייכלט. ער געדענקט עס נישט.

דאָן כעראָנימאָ וויל אָבער פון די זאכן לאַנג נישט טראַכטן; אמת, ער וואָלט געטראַכט וועגן זיין מאַמע און אפשר נאָך וועגן אַ סך זאכן פון אַמאָל אין דער אַלטער היים, אָבער ער פילט, אַז עס פּאַסט נישט ער זאָל טראַכטן וועגן דעם, ווייל ערשטנס, דערמאָנט עס אים אַז ער הייסט הערשקע, און דאָס וויל ער דווקא פאַרגעסן. הערשקע! אַזאַ נאָמען פּאַסט זיך פאַר די קבצנים, זיינע לאַנדסלייט און שיף־ברידער! שיין וואָלט ער אויסגעזען, ווען מען רופט אים דאָ — דאָן הערשקע!...

— און ווען אַזוי דאָן הערשקע? — גיט אים פּלוצים אַ בליץ אויף אַ פראַ־גע, אָבער ער פאַרווישט זי שנעל, ווייל וועגן אַלץ ווילט זיך אים איצט טראַכטן, נאָר נישט וועגן דעם, אַז ער האָט אַמאָל געהייסן הערשקע...

אָבער דווקא, ווי אויף צולהכעיס, ווייל ער האָט איצט נישט געוואָלט טראַכטן דערפון, האָט עס זיך דווקא געטראַכט און וואָס מער ער האָט געוואָלט אָפּטרייבן די געדאַנקען, אַלץ מער זיינען זיי געקומען אין קאָפּ און עס זיינען אַרויסגעשוואומען אין זיין זכרון באַקאַנטע פּנימער, פּנימער וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געזען און כמעט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן זיי; די פּנימער האָבן צו אים געשמייכלט ווי מיט חוזק און אַלע, אַלע האָבן אים גערופן ביים נאָמען: — הערשקע, הערשקע...

דאָן כעראָנימאָ האָט צוערשט געפּרואווט קעמפן, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ער זאָל די פּנימער נישט זען, אָבער דאָס פאַרמאַכן די אויגן האָט נאָך ערגער געמאַכט, ווייל ער האָט שוין געזען נישט בלויז די פּנימער, נאָר די אַלע אַמאָליקע באַקאַנטע אין זייער גאַנצער גרויס, ווי זיי גייען און שטייען און זעענדיק שוין, אַז ער וועט זיך איצט פון זיי נישט קענען אַרויסדרייען, האָט ער זיך אונטערגעגעבן און גענומען טראַכטן פון זיי.

און עס האָט אים פּלוצלינג גענומען הנאה טאָן.

ווי אויף אַ קינאָ־לייוונט האָט ער געזען פאַרביישוועבן בילדער פון זיין וויטן אַמאָל, אין דעם קליינעם שטעטעלע פון זיין אַלטער היים און באַלד האָט ער זיך דערזען אויף דער שיף, צוזאַמען מיט זיינע שיף־ברידער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אויך עטלעכע חברים פון זיין שטעטל און ער דערמאָנט זיך, ווי חברה האָט זיך דאָס אַ נעם געטאָן דראַפּען אויף דעם מיט חלב אָנגעשמירטן גלאַטן דראָנג, כדי צו דערגרייכן די פּרעמיע, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט הויך, אויפן שפּיץ... אַלע האָבן געפּרואווט, אָבער ער איינער האָט דערגרייכט ביז אַרויף, און אַראָפּגעגליטשט זיך צוריק מיט דער פּרעמיע — אַ פּעקל שאָקאָלאַד מיט אַ שאַכטל סאַרדינעס...

געווען אַ לעבן אַמאָל!...

וואָלטן נאָר די אַלטע באַקאַנטע זיינע, די שיף־ברידער און די חברים פון

זיין שטעטל געוועזן לייט, וואָלט ער זיך היינט אויך נישט געשעמט מיט זיי; אָבער זיי זיינען דאָך דאָ געוואָרן גאָרנישטן! ער פֿאַרשטייט אַפֿילו נישט געגוי, ווי אַזוי דאָס איז געשען; זיי זיינען דאָך אַפֿשר געווען אַזוי קלוג ווי ער און אַפֿשר נאָך קליגער — זאָל עס זיין מזל? ניין. עס איז נישט בלויז מזל. ער אַליין, דאָן בעראַנימאָ, האָט דורכגעלאָזן אַ סך געשעפֿטן, וואָס וואָלטן אים געוועזן אַריינגעבראַכט גרויסע געלטער און ער וואָלט געווען אַ סך רייכער ווי ער איז; ווען עס זאָל זיך האַנדלען בלויז אין מזל, וואָלט ער די אַלע געשעפֿטן נישט געוועזן דורכגעלאָזן. ניין. נישט אין מזל איז עס געווענדט, נאָר אַ מענטש דאַרף מען זיין. מען דאַרף וויסן וואו מען געפֿינט זיך אין דער וועלט. זיי, די באַקאַנטע זייַנע, זיינען געוועזן חכמים דאָרט, אין קליינעם שטעטל, יאָ, אויף דער שיף אויך, נאָר דאָ, אָנקומענדיק אַהער, האָבן זיי זיך פֿאַרלוירן, ווייל זיי האָבן געוואָלט זיין דאָ דיזעלבע וואוילע יונגען ווי אין דער אַלטער היים; זיי האָבן געשטופּט די נעזער וואו זיי האָבן נישט באַדאַרפֿט, געקראָכן אין פֿאַראיינען, געוואָלט איינעמען די וועלט און דערווייל פֿאַרגעסן, אַז דאָ איז אַמעריקע, אַז דאָ דאַרף מען טראַכטן ווי אַזוי צו מאַכן אַ טאָלער און אַזוי איז עס געווען...

און דאָן בעראַנימאָ דערמאָנט זיך זיין אייגענעם דרך.

— יאָ. ער איז מער ווי עפּעס. זיכער! ער האָט פֿאַרשטאַנען אַמעריקע. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַמעריקע איז נישט די אַלטע היים. אין אַמעריקע דאַרף מען קוקן פֿאַר זיך, מען דאַרף זיך נישט מישן אין יענעמס עסקים, מען דאַרף האָרעווען און קומען צו אַ טאָלער און דערנאָך גייט עס שוין אַליין. אמת, אַפֿילו מיט אַן איינגעפֿעדעמטער נאָדל מוז מען אויך וויסן ווי אַזוי צו נייען, אָבער ער, דאָן בעראַנימאָ, האָט געוואוסט...

נאָר פֿון דעם לעצטן פֿאַרגלייך מיט דער איינגעפֿעדעמטער נאָדל, איז דאָן בעראַנימאָ נישט צופֿרידן. דאָס האָט אים דערמאָנט אָן זיין אַמאָליקער שניידערײַ. אוי, ווען נישט דאָס שניידערײַ... וויפֿל געשעפֿטן האָט ער דעמאָלט דורכגעלאָזן צוליב זיין שניידערשן קאָפּ?! די ערשטע צייט, ווען ער האָט שוין געאַרבעט אויף דעם גרויסן שטייגער, ווען ער האָט זיך שוין געקאָנט פֿאַרגינען קויפֿן גרויסע לאָטעס סחורה, האָט ער נישט איינמאָל, בעת ער האָט צוליב אַ פֿאַרזען געלאָזן, אַז אַ צווייטער זאָל אים אויסקויפֿן די לאָטע, זיך אַליין געגעבן אַ קלאַפּ מיטביידע הענט איבערן קאָפּ און אָנגעשריגן אויף זיך אַליין: — אָ, דו שניידערשער קאָפּ!...

אָ, פֿון אַלץ וויל ער זיך איצט גיכער דערמאָנען, נאָר נישט פֿון זיין שניידערײַ.

ער זעצט זיך גלייך אויפֿן סאָפֿאַ און גיט זיך אַ נערוועזן קראַץ אויפֿן רעכטן אָרעם, אָבער באַלד באַרואיקט ער זיך מיטן געדאַנק, אַז לאַנג האָט ער סיי־ווי נישט געאַרבעט ביי שניידערײַ, ער האָט זיך גיך אַרויפֿגעאַרבעט. ער האָט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי מען אַרבעט זיך אַרויף און ער האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט.

פֿאַרשטאַנען?

יאָ, פאַרשטאַנען! — פאַרזיכערט דאָן כעראָנימאָ זיך אַליין. צוערשט איז עס געגאַנגען פּאַמעלעך און דערנאָך איז עס געגאַנגען, ווי מען זאָגט, דורך טיר און דורך טויער. ווען די קבצנים, זיינע שיף־ברידער וואָלטן געווען פאַרשטאַנען אַזוי ווי ער, וואָלטן זיי היינט אויך געהאַט דאָס וואָס ער האָט. יאָ, יעדער מענטש האָט זיך זיין דרך. זיי זיינען זיך געגאַנגען אין זייערע וועגן און איך בין מיר געגאַנגען מ יי ן וועג און מיר זענען דאָך וואָר עס האָט בעסער אויסגעשפּילט!...

אַ שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דאָן כעראָנימאָס פעטן פּנים און ער האָט ווייטער, אין זיך, גערעדט צו זיך אַליין:

— יאָ. יעדער גייט זיך מיט זיין וועג. כע־כע, איר מעגט זיך חוזקן וויפל איר ווילט, איר מעגט מיך טויזנט מאָל רופן הערשקע און איך זאָג אייך, אַז נישט מ י ך מיינט איר. א י ך הייס כעראָנימאָ. אָט זע איך אייך אַלע; איר מעגט הייסן בערל, שמערל, איציק, אַורעמל, פּייוול, גרונם און פּיניע, אָבער איר קאָנט אייך נישט גלייכן צו מיר. איך בין דאָן כעראָנימאָ. איר זעט? אָט זיץ איך מיר אויף דער סאָפאַ, אין מיין קאָנפאָרטאַבלען באַד־צימער, כע־כע, דאָס איז נישט דאָס מוניציפּאַלע באָד וואו איר טושט אייך אַמאָל אין אַ יובל... ניין, פאַר אייך איז נישט געווען אַמעריקע. אין אַמעריקע דאַרף מען קוקן פאַר זיך; מען דאַרף ווייסן ווי אַזוי צו מאַכן אַ טאַלער; מען דאַרף האָבן שכל!...

דאָ האָט זיך ווידער ביי דאָן כעראָנימאָ איבערגעריסן דער גדאַנק. עס זיינען פאַרשוואונדן די אַלע פּנימער פון זיינע לאַנדסלייט און שיף־ברידער און ער האָט געפילט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט פלוצים פון אים אַנטלאָפן און אים איבערגעלאָזן איינעם אַליין...

שכל... שכל...

ער האָט איצט זייער שטאַרק געוואָלט טראַכטן און ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט פון וו אָ ס צו טראַכטן, עס איז אַ זייער וויכטיקע זאַך, וואָס ער מ ו ז טראַכטן וועגן איר, נאָר ווי עס וואָלט זיך עפּעס אויסגעלאָשן אין זיין מוח און איבערגעלאָזן דאָרט אַ טיפע פינצטערניש, אין וועלכער ער האָט מער נישט געזען קיין שום גדאַנק.

דאָס גראַשנדיקע ליכטל...

דאָן כעראָנימאָ האָט שוין עטלעכע מאָל געטראַכט וועגן דעם גראַשנדיקן ליכטל וואָס לייכט אין זיין מוח און איצט איז דאָס ווידער געקומען אויף זיין גדאַנק.

יאָ. אַ גראַשנדיק ליכטל האָט ער אין זיין מוח. איצט פאַרשטייט ער עס שוין אויף זיכער. ווען עס לייכט גוט און עס טריפט נישט איר חלב, זעט ער זאַכן און ער פאַרשטייט זיי אַזוי קלאָר, אַז ער דאַרף זיך גאָרנישט אָנשטרענגען. דאָס ליכטל איז אָבער אַ געמיינס, אַ גראַשנדיקס און עס טריפט צו אָפט און לעצטנס האַלט עס זיך אַפילו אין איין פאַרלעשן...

אַ קליין גראַשנדיק ליכטל...

ביי די געבילדעטע און ווער ווייס, אפשר אויך ביי מאַנכע פון זיינע אָרימע

לאַנדסלייט, לייכטן זיכער אין די מוחות גאַנץ אַנדערע ליכט. ביי די פּראָפּע־סאָרן, די גאָר גרויסע קעפּ, ברענען זיכער אין די מוחות גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, אַזעלכע ווי עס ברענען ביי אים, ביי דאָן כעראַנימאָ אין סאַלע, וואָס באַלייכטן יעדעס ווינקל פון דער גרויסער סאַלע. אַזוי איז עס. דאָס גראָשנדיקע ליכטל אין זיין מוח, איז אַ צרהדיקס, עס באַלייכט קוים דעם פּלאַץ אין מוח, וואו עס ברענט און די ווינקלען בלייבן כסדר אין דער פינצטער און וויפל ער זאָל זיך נישט באַמיען, קאָן ער אַלץ נישט זען וואָס דאָרט אין ווינקל קומט פאָר... ער ווייס, אַז דאָרט אין די ווינקלען פון זיין מוח, זיינען פאַראַן געדאַנקען און אפשר גאָר זייער וויכטיקע געדאַנקען, נאָר ער קאָן זיי נישט דערגרייכן. זיי שפּילן זיך מיט אים, זיי רייצן זיך מיט אים; אָט וויל ער כאַפּן אַ געדאַנק, עס דאכט זיך אים אָט־אָט און ער האָט אים, נאָר פּלוצים גיט זיך דער געדאַנק אַ צי צוריק אין זיין טונקעלער באַהעלטעניש און שוין, נישטאָ מער...

זיצט ער איצט אַזוי אויף דער סאָפאַ, דער דאָן כעראַנימאָ, ער זיצט אַ מיד־פאַרטראַכטער, ער שטרענגט זיך אָן, אפשר וועט זיך אים איינגעבן כאָטש אַביסל אויסצושפּרייטן די ליכטיקייט פון זיין גראָשנדיקן ליכטל, נאָר עס גייט נישט.

אַ שווייס שלאָגט אַרויס אויף זיין פּנים און שפּרייט זיך באַלד אויס אויף זיין גאַנצן, שוין טרוקענעם קערפּער און פּלוצים גיט ער זיך אַ כאַפּ.

— צון אַלדי שוואַרצע יאָר! אַלץ זיינע קבצנישע לאַנדסלייט! ווען ער זאָל זיך נישט דאָ אַזוי אַוועקזעצן אויף דער סאָפאַ און טראַכטן פון זיינע קבצנישע לאַנדסלייט און שיף־ברידער, וואָלט ער צו דעם אַלעם נישט געקומען! זיי טויגן דאָך צו גאָרנישט! אפילו טראַכטן טאָר מען נישט פון זיי! וואָס האָט עס אים טאַקע געטויגט? ער וועט מיט זיי מאַכן געשעפטן? ווייס איך וואָס! אַוועקגע־זעצט זיך איינטענהן מיט אַזעלכע גאָרנישטן!...

און דאָן כעראַנימאָ איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען ווי איילנדיק צו דעם פּאָרצעלייענעם הענגער, אַראָפּגענומען פון דאָרט דאָס גרויסע טערקישע ליילעך און איילנדיק זיך אַרומגעוויקלט דעם אַרויסגעשלאָגענעם שווייס.

זיך ווישנדיק אַזוי, האָט ער נאָר געוואָלט וויסן, וועד עס איז שולדיק דערין. צי האָבן די קבצנים געהאַט אַזויפיל חוצפּה צו קומען אים שטערן און נודיען מיט זייערע נאַרישקייטן, צי האָט ער עס אַליין אַזוי געוואָלט... קאַראַמבאַ! ווען נישט זיינע קינדער, צי וואָלט ער דען אַמאָל כאָטש אַ טראַכט געטאָן וועגן זיי?...

און ער כאַפּט זיך, אַז נאָר די קינדער מאַכן אים דערמאָנען אָן זיין אַלטער היים, אָן זיינע לאַנדסלייט און שיף־ברידער און אָן די אַלע נאַרישקייטן, אָן וועלכע ער וואָלט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן.

יאָ. די קינדער זיינע זיינען שולדיק. ער וואָלט דאָ זיכער נישט געזעסן אַזוי און זיך פאַרנומען מיט די אַלע נאַרישקייטן, ווען נישט די קינדער זיינע. זיי, נאָר זיי, דערמאָנען אים אָן די אַלע צרות. ווייל ווי איז דאָס אַמאָל, אין דער אַלטער היים, דערהערט געוואָרן אַז קינדער זאָלן צו אַ טאַטן זיין אַזוי קאַפּויער־

דיק? און אַז דאָס קינד פאַרשטייט בעסער, איז וואָס? דערויף האָב איך דאָך זיי געלאָזן לערנען, שטודירן! דאַרפן זיי דערפאַר שרייען דעם טאַטן אין פּנים אַריין, אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט? יאָ, זיי, די קינדער זיינען שולדיק; זיי וועלן אים נאָך ברענגען צו ווייס איך וואָס... אויב ער וועט נישט באַצייטנס אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. אומבאַדינגט! מען מוז אַ טראַכט טאָן וועגן די קינדער. איך האָב עס שוין געלאָזן צו ווייט אַוועקגיין. אַלעמאָל די געשעפטן און צוליב וועמען זיינען די געשעפטן, אויב נישט צוליב זיי?...

און דאָן בעראָנימאָ לאָזט זיך צוריקגיין צו דער סאָפאַ, אָבער פּלוצלינג פאַרקערעוועט ער זיך צו דער וואַנט, גיט אַ צי אַרויס דאָס קייטעלע מיט דעם גומענעם שטאָפּער און דאָס וואַסער הויבט אָן האַסטיק אָפּצולויפן, נאָר ווידער, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, כאַפּט דאָן בעראָנימאָ אויף דעם גומענעם שטאָפּער, לאָזט אַראָפּ די האַנט אין וואַסער און פאַרשטאָפּט צוריק די עפענונג.

דאָס איינבייגן זיך כדי צו פאַרשטאָפּן די עפענונג, האָט דעם דאָן בעראָ־נימאָ אַביסל אָנגעשטרענגט נאָר ער איז געווען צופרידן. אַז ער וויל אַזוי, דאַרף זיין אַזוי. ער מוז דורכפירן זיינס. ער וועט נאָך אויספירן, אַז זיין מיגעל זאָל זיך אויפהערן אַרומשלעפּן מיט דער קאָמעדיאַנטקע. אַן איינפאַל אַביסל פון אַ יונגן! אַרומשלעפּן זיך מיט אַ קאָמעדיאַנטקע! צו וואָס דאָס אַרומשלעפּן זיך? עס האָט דיר פאַרשמעקט אַ קאָמעדיאַנטקע, זאָל זיין אַ קאָמעדיאַנטקע; קאָסט עס אַביסל טייערער. עס מאַכט נישט אויס, דיין טאַטע אַרבעט שוין פאַר דיר, אַז עס זאָל דיר גאָרנישט פעלן. אָבער אויפהערן צו לערנען צוליב איר, אָפּזאָגן זיך פון ווערן אַ דאָקטאָר צוליב איר, ניין! אַזוי קלוג בין איך שוין נישט. איך האָב אויך ליב געהאַט אַ לעב צו טאָן, איך האָב עס היינט אויך נישט פיינט, אָבער אַרומשלעפּן זיך? ניין. דאָן בעראָנימאָ וועט עס נישט דערלאָזן! דאָן בעראָנימאָ פאַרדינט, אַז זיין מיגעל זאָל זיין אַ דאָקטאָר. ער וועט זיין פעליסיאַן אויך נע־מען אין דער אַרבעט אַריין. הערט אַ מעשה! אַ פּראָפעסאָרא דע פּיאַנאָ נעמט זיך פּלוצים חברן מיט אַ גאָרנישט, מיט אַ שלעפּער, וואָס דער רוח ווייסט פונ־וואַנען ער האָט זיך גענומען!... ניין! דאָן בעראָנימאָ וועט עס נישט דערלאָזן! ער וועט זיינע קינדער נעמען אין דער אַרבעט...

ער האָט געוואָלט צוריקגיין צו דער סאָפאַ, נאָר גייענדיק, האָט ער געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגל וואָס איבער דער פאַרצעלייענער וואַסער־לייטונג וואו עס שטייען די פאַרשידנקאָלירנדיקע שמעקעדיקע פלעשלעך. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל.

— אַזוי. — איז דאָן בעראָנימאָ צופרידן. — אין שפּיגל זעט מען דעם אמת. יאָ, ער האָט אויך ליב געהאַט אַ לעב צו טאָן און היינט האָט ער עס אויך נישט פיינט. וואָס איז? ער איז נאָך גענוג יונג, אַפילו יונגער פון זיין ווייב. קלאַרא איז שוין אינגאַנצן גראָ און ער, נישקשה, ער האָט טאַקע ווייניק האָר אויפן קאָפּ, מען קאָן זאָגן — געציילטע, אָבער גראָ זיינען זיי נאָך נישט. איצט, זעען זיי אויס ווי אַ צוזאַמענגעקלעפּטע זשמעניע, דאָס איז נאָכן באָד, אָבער אָט

קעמ איך זיי גלייך און שמיר זיי אָן און זיי שפּיגלען זיך... אזוי... אזוי... אַן אַנדער פּנים. מען דאַרף אכטונג געבן. אַ קאָפּ דאַרף אַלעמאָל זיין גלייך אויפגעקעמט. נישקשה, ער זעט נאָך גאַנץ פיין אוים. אמת, נישט קיין אינגעלע, אָבער אַ סך פרויען האָבן ליבער אַ געזעצטן מאַן אין די יאָרן... ער האָט עס שוין נישט איינמאָל געהערט פון זיי... יאָ, ער איז נאָך אַ גאַנץ שיינער מאַן. דער שטערן — אַ ווייסער, אָן פאַלדן, אָן קנייטשן. די אויגן דינען נאָך גאַנץ פיין, ער דאַרף נישט קיין ברילן. ער וועט אפשר דאַרפן ברילן, אָבער נישט ווייל ער זעט נישט אָן זיי, נאָר ווייל עס וועט זיך אפשר פּאַסן, אַז ער זאָל טראָגן ברילן. יאָ, מען בעט אים ער זאָל אָנעמען צו ווערן פּרעזידענט און אויב ער וועט אָנעמען, וועט זיך פּאַסן, אַז ער זאָל טראָגן ברילן... ער האָט נישט געוואָלט אָנעמען, אָבער די אויפירונג פון זיינע קינדער, טרייבן אים און ער וועט זיי ווייזן וואָס ער קאָן... זאָלן זיי אים נישט פאָלגן, וועט ער אָנעמען און ווערן פּרעזידענט און ער וועט זיי אָפּטאָן עפּעס אַזוינס, אַז די וועלט וועט מיט אים קלינגען און ער וועט זיי, די קינדער זיינע, לערנען דרך־ארץ...

דאָן כעראָנימאָ גייט צוריק צו דער סאָפאַ, זעצט זיך אַוועק און שפּינט ווייטער דעם פאָדעם פון זיינע טראַכטענישן:

— שיין וועט ער אויסזען, ווען מען וועט אים אויסוויילן אַלס פּרעזידענט! דאָן כעראָנימאָ, דער פּרעזידענט פון אַזאַ וויכטיקער אינסטיטוציע, דער אָנגעזעענער גביר, וועמען אַלע געערטע כלל־טוער קוקן אין מויל אַריין, וועט האָבן אַ זון וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט אַ קאָמעדיאַנטקע און ער וואַרפט אַוועק צוליב איר אַ דאָקטאָר־טיטל און אַ טאָכטער — וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט עפּעס אַ גרינעם גאָרנישט! און זיי האָבן ערשט טענות צו אים, זייער טאַטן, וואָס האָרעוועט פאַר זיי אַ גאַנץ לעבן, אַז ע ר פאַרשטייט זיי נישט! ע ר פאַרשטייט זיי נישט! נישקשה, ער וועט זיי שוין ווייזן, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ. ער וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויס מיט לשון און וועט זיי ווייזן, אַז דאָן כעראָנימאָ ווייס ווי אַזוי צו פירן גרויסע געשעפטן און ער ווייס אויך ווי אַזוי צו זיין אַ טאַטע ! . . .

און דאָן כעראָנימאָ טראַכט וואָס ער זאָל זיינע קינדער אָנהויבן זאָגן און ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט זיך ערשט נעכטן אויסגעטענהט מיט מיגעלן, גערעדט צו אים ווייכע רייד און האַרטע רייד און מיגעל איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און עקשנותדיק געשוויגן און ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל איר פּרוּוון געבן אַ טויזנטער, מיטן באַדינג, אַז זי זאָל אים צורו לאָזן, האָט מיגעל אַ ציטער געטאָן, אויסגעדרייט זיך, אפילו נישט אַ קוק געטאָן אין פאָטערס זייט און אַרויס פון שטוב.

— גיי טענה זיך אוים, אַז זיי ווילן דיר אפילו נישט ענטפערן...

און פעליסיאַ... מיט איר וויל ערריידן ווייך; ער האָט זי ליב, זי פאַרשאַפט אים אַלעמאָל אַזויפיל פרייד, ווען נעסט זיינען דאָ און זי גיט זיך אַ זעץ אַוועק צו דער פּיאַנע און זי הויבט אָן שפּילן... מיט איר וועט ער ריידן

ווייך, ער וועט איר געבן צו פאַרשטיין, ער וועט איר זאָגן: — פּעליסיאַ... עס פּאַסט נייִשט... דו ביסט די טאָכטער פון דאָן כעראָנימאָ, איך האָב דיך דער־צויגן אין וואוילטאָג... וויפל דו האָסט שוין געשוועבט צווישן לעבן און טויט און איך האָב דיך צו די גרעסטע פּראָפעסאָרן גענומען און דיך געראַטעוועט... איך האָב דיך דערצויגן און דיך געמאַכט פאַר אַן אַריסטאָקראַטישע סעניאָריטאַ, פאַרוואָס זאָל איך לייקענען? איך בין טאַקע נישט קיין גרויסער מבין אויף מוזיק, אָבער ווען דו שפּילסט אויף דער פּיאַנע, צעגייט זיך עפּעס אַ נחת אין אַלע אברים... מען שלאָגט זיך דאָך איבער דיר! אַט האָב איך שוין ווידער באַ־קומען עטלעכע איינלאַדונגען, מען בעט מיך, אַז איך זאָל דיר דערלויבן אָנטייל־צונעמען אין קאָנצערטן פאַר וויכטיקע צוועקן... מען בעט מיך דאָ, מען בעט מיך דאָרט, פאַרשטייסטו דען נישט, אַז עס טויג נישט אַזוי? דו קאָנסט דאָך דיר אויסקלויבן דעם בעסטן דאָקטאָר! זיי דרייען זיך דאָך אַרום דיר, אַזוי ווי בינען אַרום אַ בינשטאָק!... געפעלט דיר נישט איינער, איז אַ צווייטער, אַ דריטער, נישקשה, דאָן כעראָנימאָ קאָן באַשטיין; דו דאַרפסט נאָר זאָגן, אַז דער און דער געפעלט דיר, און אַלץ וועט שוין זיין רעכט... אָבער לאָז דיך אָפּ פון די נאַרישקייטן, וועלכע פּאַסן נישט פאַר דיר...

— פּאַסן נישט... פּאַסן נישט... — זאָגט זי דאָך אָבער, אַז עס פּאַסט איר יאָ! — טראַכט זיך דאָן כעראָנימאָ און ער פילט שוין איר ענטפער: — זאָגט זי דאָך אָבער, אַז זי ווייס נישט פ אַ ר װ אָ ס עס פּאַסט נישט און גיי נעם און דערקלער איר פ אַ ר װ אָ ס עס פּאַסט נישט און ווען ער וועט איר שוין דערקלערן, צי וועט זי דען נישט ענטפערן, אַז זי פאַרשטייט די זאַכן אַנדערש?

און דאָן כעראָנימאָ ציט ווייטער דעם פאָדעם פון זיינע טראַכטענישן:

— מילאַ, ביי פּעליסיאַן, פאַרשטיי איך כאָטש עפּעס, איך פאַרשטיי עס בלויז אַנדערש; ביי מיגעלן פאַרשטיי איך דאָך גאָרנישט! יאָ, מיט פּעליסיאַן, וועט ער ריידן ווייך, ער וועט זי בעטן, אַז אַפילו זי פאַרשטייט אַנדערש, זאָל זי אים צוליב טאָן און טאָן אַזוי ווי ער, דאָן כעראָנימאָ פאַרשטייט; ער וועט זי פּשוט בעטן, אַז זי זאָל אים פאָלגן; אָבער מיט מיגעלן, וועט ער עס מאַכן קורץ און שאַרף: — נישט דערויף האָט ער געהאָרעוועט. מאַכן אַ לעבן? מיטן בעסטן פאַרגעניגן! ער אַליין האָט אויך ליב אַ לעב צו טאָן... זיין פאָטער, דאָרט אין דער אַלטער היים, וואָלט עס אוודאי נישט געוואוסט, אָבער ער ווייס, אַז אַ זון דאַרף מאַכן אַ לעבן. דאָ איז אַמעריקע און דאָ איז אַנדערש; דאָ, אַז מען טויג זיך אויס, מעג מען זיך אויך פאַרגינען אַ לעב צו טאָן; אָבער מען דאַרף דאָך וויסן װ י אַ ז ו י צו לעבן! דו ווילסט אַ לעב טאָן, פיין. אָבער מיט שכל! טו אָפּ דאָס דייגיקע און זיי אַ מענטש!...

יאָ, מיט מיגעלן וועט ער עס מאַכן קורץ און שאַרף:

— דו ווייסט ווער עס רעדט צו דיר? יאָ. דיין טאַטע. גוט. ווי הייסט דיין טאַטע? גוט. דאָן כעראָנימאָ. ווער איז דאָן כעראָנימאָ? דאָס מעגסטו אויך וויסן, דאָן כעראָנימאָ איז אַ רייבער, אָנגעזעענער קאָמערציאַנט און אינדוסטריאַל וואָס

קאָן שוין לעבן פון רענטע פון זיינע הייזער און וועמען מען וועט אפשר באַלד אויסוויילן אַלס פּרעזידענט פון אַ וויכטיקער אינסטיטוציע און איך וויל אויך, מיגעל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז דער דאָן כעראַנימאָ וויל האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר. דאָן כעראַנימאָ וויל, אַז זיין זון מיגעל זאָל זיין אַ דאָקטאָר. ער האָט זיין זון פון גאָרנישט געזשאַלעוועט און ער וויל נישט אַנדערש, נאָר דער זון זאָל זיין אַ דאָקטאָר און אַזאַ זון וואָס וויל נישט זיין קיין דאָקטאָר, אַזאַ זון וויל דער דאָן כעראַנימאָ נישט האָבן און אַזאַ זון, קאָן זיך גיין געזונטערהייט צו דער קאָמעדיאַנטקע.

יאָ, מיט מיגעלן וועט ער עס מאַכן קורץ און שאַרף. ער וועט אים אפשר נישט אויסזאָגן דעם סוד, וואָס ער טראַכט שוין פון לאַנג, אַז אויב מיגעל וועט אים שלעכט ענטפערן, וועט ער דעם גרעסטן חלק פון זיין פאַרמעגן אַפּשרייבן פאַר דער אינסטיטוציע וואָס וועט אים אויפנעמען אַלס פּרעזידענט; דאָס וועט ער אים אפשר נישט אויסזאָגן, אָבער זאָגן וועט ער אים קורץ און שאַרף, אַז ער קאָן זיך גיין צו זיין קאָמעדיאַנטקע און ער וויל פון אים מער נישט וויסן!...

דאָס פּליסיקע און גלייכע טראַכטעניש וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט זיך דורכשמועסן מיט די קינדער, האָט דעם דאָן כעראַנימאָ אריינגעבראַכט אין זיין געוויינלעכן געשעפטלעכן גלייכגעוויכט.

עס האָט זיך אפילו אַ מיש געטאָן אין געדאַנק עפּעס אַ זייטיקע זאַך און מיט דער זאַך האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אַ סך זייטיקע קליינע זאַכעלעך, ער האָט זיי אָבער שנעל אָפּגעטריבן, ער איז אויפגעשטאַנען פון סאָפאַ און איילנדיק זיך גענומען אָנטון דעם באָד־מאַנטל און ווי מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל דערווייל נישט פאַרגעסן וואָס ער האָט צו ריידן מיט די קינדער, האָט ער שנעל אויפגעשלאָסן די טיר און פאַרלאָזן דאָס באָד־צימער.

צווישן נעכטן און מאָרגן

— א —

עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ברוינפעלד, דער לערער, האָט זיך גענומען אריינטראַכטן וועגן צוריקגיין צום אַלטן אידישן לעבנס־שטייגער.

צום ערשטן מאָל, איז עס געווען נאָך אין דער אַלטער היים, קוים צוויי יאָר נאָכדעם, ווי ער האָט געהאַט פאַרלאָזן זיין פרום־פאַטעריש הויז און זיך גע־זוכט צו מאַכן זעלבסטשטענדיק, אַלס מאָדערנער פרייער מענטש.

נישט אַזויפיל האָט ברוינפעלד מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט אין משך פון די קורצע צוויי יאָר, נאָר אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער ווייסט שוין אַלע סודות פון לעבן און ער ווייסט שוין דעם גאַנג פון דער וועלט און אַז אַלץ איז שוין געווען און וועט אוודאי זיין און נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון...

דאָס איז געווען אין יאָר 1920, ברוינפעלד איז דעמאָלט אַלט געווען צוואַנ־ציק יאָר.

ביז אַכצן יאָר איז ער געווען צוזאַמען מיט זיינע פרומע חסידישע טאַטע־מאַמע, אָבער בלויז ביז צו זיין זעכצנטן לעבנסיאָר איז ער געגאַנגען אויף די אויסגעטראָטענע פרום־חסידישע וועגן אויף וועלכע דער טאַטע האָט אים גע־פירט און שפּעטער, נאָך אין דער חסידישער קליידונג, האָבן עטלעכע ביכלעך וואָס דער שמש פון קלויז האָט אים אין געהיים אויסגעבאָרגט צום לייענען, אַראָפּגעפירט אים, ווי דער טאַטע האָט עס אָנגערופן, פון דרך הישר און ער האָט אָנגעהויבן לערנען דייטש און פּויליש און לייענען ביכער און זיך אָנגע־הויבן רייסן פון דער פרום־פאַנאַטישער היים צו דער ליכטיקער, גרויסער און פרייער וועלט.

נישט אַזוי גרינג איז אים אָנגעקומען דאָס לייענען די פרעמדע ביכער און לערנען די צוויי לאַנדעס־שפּראַכן דייטש און פּויליש. דער טאַטע האָט געזען, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין זיין בן־יחידס דרכים און ער האָט אָנגעהויבן וואַכן איבער אים און דאָס אַלץ וואָס ער האָט באַוויזן צו לערנען, איז גאָר געווען דווקא אין בית־המדרש, האַלטנדיק די פּוילישע אָדער דייטשע גראַ־מאַטיק אונטער דער גמרא, אָדער אין די דאָנערשטיקע נעכט, ווען ער פלעגט „אויף זיין" אין בית־המדרש כלומרשט אויף צו לערנען אין די הייליקע ספרים,

און ער האָט דאָרט אין זיין ווינקל געלערנט און געלייענט אין די ביכער וואָס דער שמש מענדל קאָלבעשאָוער האָט אים נאָך אַלץ אונטערגעטראָגן.

דעם פאָטערס וואַכזאַמע אויג, האָט אָבער גוט באַמערקט, אַז מיט זיין זון איז עפּעס נישט אין אָרדענונג און איינמאָל האָט ער זיך אפילו נישט געפוילט אַ קוק צו טאָן אינמיטן דער נאַכט אין בית־המדרש אריין צו זיין זון, ער האָט זיך ווי אריינגעגנבעט אהינצו און ער האָט טאַקע געטראָפן ווי דער זון איז זיך מפלפל מיט מענדל דעם שמש ביי אַן אָפן ביכל וואָס איז געלעגן אויף דער גמרא און אויף דער באַנק נעבן זון, האָט ער געזען ליגן נאָך אַ גאַנץ פּעקל ביכער אין אַנדערע שפּראַכן, וואָס דער פאָטער האָט אפילו נישט געקענט לייענען אין זיי.

דער צוזאַמענטרעף און דאָס כאַפּן דעם זון „ביי דער האַנט", האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט עטלעכע קלינגענדיקע פעטש וועלכע דער פאָטער האָט אין זיין היי־ליקן גרימצאָרן איינגעטיילט צווישן דעם זון זיינעם און מענדלען דעם שמש און דער סוף איז געווען, אַז דעם שמש האָט מען אויפצומאָרגנס ארויסגעוואָרפן פון בית־המדרש „מיט כבוד", נאָר דער „תכשיט", דעם טאַטנס זונדל, איז נאָך די באַקומענע פעטש נישט פרומער געוואָרן. פאַרקערט, ער האָט זיך גאַנץ אָפן און אנטשידן אָנגעהויבן אַנטקעגנשטעלן זיין פאָטערס ווילן. ער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז היינט איז אַן אַנדערע וועלט, היינט איז דער צוואַנציקסטער יאָר־הונדערט און אַ מענטש דאַרף זיין נישט בלויז פאַר גאָט, נאָר אויך פאַר לייט און אַ מענטש וואָס איז געבוירן אין אַ לאַנד, דאַרף אויך קענען די שפּראַך פון לאַנד; און דאָס אַנטקעגנריידן דעם טאַטן האָט אים געקאָסט נייע פעטש און ווען די גוטהאַרציקע פרומע מאַמע האָט זיך איינגעשמועלט פאַר איר זון, איז עס געקומען צו מחלוקת אין שטוב און דער פאָטער האָט זי באַשולדיקט, אַז נאָר זי העלפט אים אַראָפּפירן פון וועג און אַזוי האָט עס זיך געצויגן וואָכן און חדשים, דער יונגער ברוינפעלד האָט זיך אויף כוח אָנגעהויבן פירן לויט זיין נייעם לעבנס־שטייגער, אָבער נאָך אַלץ אונטער דעם אויסערלעכן לבוש פון זיינע חסידישע קליידער.

זעענדיק, אַז מיט בייזן וועט ער שוין ביי זיין זונדל גאָרנישט פועלן, האָט דער פאָטער געפּרוּווט ריידן מיט אים „פאַרנינפטיקע רייד"; ער האָט אים גע־פּרוּווט אויפווייזן, אַז די נייע דרכים זיינע טויגן נישט, אַז זיי פירן נאָר אַראָפּ פון פרומקייט, אָבער זיי פירן נישט ארויף אויף קיין שום שענערן און ריכטיקערן וועג, ווייל וואָס פאַר אַ שענערער און ריכטיקערער וועג קאָן דען דאָס זיין, אויב מען פאַרלירט אויף אים דעם בטחון און דעם גלויבן אין גאָט ברוך־הוא?...

— קוק, האָט דער פאָטער געפּרוּווט אויף אַ צערטלעכן אופן איינטענהן מיט זיין בן־יחיד; קוק און זע: — וואָס האָט מיר געפעלט ביז היינט, כאָטש איך האָב נישט געלערנט אין די ביכער און כאָטש איך באַמי זיך אָפּצוהיטן וואָס גאָט האָט געבאָטן, כדי צו זיין אַ איד ווי אַ איד דאַרף זיין? ביז צו מיין חתונה האָב איך געלערנט גאָטס תורה און דערנאָך, ווען איך בין אַלס איידעם אויף קעסט אָנגעקומען אין הויז פון דיין מאַמעס פרומע עלטערן, האָב איך ווייטער־

געלערנט און בלויז אויף אַ צוויי־דריי שעה אין טאָג אַ קוק געטאָן אין דעם שווערס הורט־געשעפט; און ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן, האָב איך אַלס טאַטע אָנגעהויבן פילן אויף זיך דעם עול פּרנסה און איך האָב שוין מער שעהן געמוזט מבטל זיין פון לערנען און קוקן אין די געשעפטן, ביז איך בין געוואָרן אַ מיט־שותף צו דיין זיידנס געשעפט און דערנאָך, ווען דיין זיידע איז נפטר געוואָרן, האָב איך דאָס געשעפט געמוזט אַליין פירן און איך האָב עס געפירט און פאַר־גרעסערט, כאָטש איך האָב פונדעסטוועגן חלילה נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ חוט־השׂער פון דעם גלייכן וועג פון פרומקייט און גאָטספאַרכטיקייט... איי די גע־שעפטן גייען היינט ערגער, איז דאָך עפּעס אַ מלחמה אויף דער וועלט! אויף די מלחמה־פראָנטן גיסט זיך בלוט און עס פאַלן טויזנטער קרבנות, טאָרן מיר דאָך דאָ, וואו מיר זיצן רואיקע אין אונזערע היימען, נישט מהרהר זיין קעגן זיין ליבן נאָמען, ווען עס גייט אונז נישט אַזוי גוט ווי אין די געוויינלעכע רואיקע צייטן און זאָל נאָר אַ סוף נעמען צו דער מלחמה, און גאָט וועט אוודאי העלפן אַז עס ז אָ ל אַ סוף נעמען צו דעם בלוט־באָד, וועלן זיך אויך אונזערע געשעפטן צו־ריק בעסערן און דו וועסט דערווייל זיין אַביסל עלטער און איך וועל מיט דיר קענען טאָן אַ מזלדיקן שידוך און וואָס קאָן דיר אויספעלן, אַז דו וועסט זיך פירן אַזוי ווי דיין טאַטע און דיין זיידע ע"ה? „צאי לך בעיקבי הצאן"... דאָס איז דאָך אַן אויסגעטראָטענער זיכערער וועג אויף וועלכן אונזערע אבות־אבר־תינו זיינען געגאַנגען און זיי האָבן געלעבט און גאָט געלויבט און נחת דערלעבט פון קינדער און קינדס־קינדער, טאָ זאָג מיר, איז כדאי פּורץ־גדר צו זיין? דאַרף מען צערייסן די צווימען וואָס האַלטן אונז אין פרומער אידישקייט? צו וואָס און פ אַ ר וו אָ ס ? קאָנסטו מיר באמת אָנווייזן אַז דאָרט, אויף יענער זייט פון דער פרומער אידישקייט איז פאַראַן אַ בעסערע, אָדער כאָטש אַזאַ זעלבער אַנ־האַלט, ווי מיר האָבן אין אונזער פרומען גלויבן אין אַלמעכטיקן גאָט וואָס שפּייזט די וועלט פון דעם ווילדער ביז צום קלענסטן ווערימל אונטער דער ערד?...

מען קאָן נישט זאָגן, אַז דעם פאָטערס „פאַרנינפטיקע רייד" האָבן אַלעמאָל אָנגעטראָפן אויף דעם יונגן זונס פאַרשטאָפּטע אויערן, ווייל מאַנכעס מאָל האָבן דעם זונס אויערן יאָ עפּעס פאַרנומען און ער האָט דאָס וויניקע, גאַנץ אָפט אין שווערע מינוטן פון זיין שפּעטערדיקן לעבן דערמאָנט און אפילו זיך פאַרטראַכט דעריבער; נאָר דעמאָלט, ווען דער פאָטער האָט גערעדט צו אים, איז ער געזעסן טראַציק, פאַרביסן איינגעשלאָסן אין זיך און נאָר געוואַרט, אַז דער פאָטער זאָל שוין ענדיקן זיין מוסר־דרשה און אים לאָזן צורו מיט די אַלט־פרענקישע מוסר־זאָגענישן.

צום קולמינאַציע־פונקט אין זיין היים איז עס געקומען דעמאָלט, ווען דער פאָטער האָט אים געוואָלט באַשטעלן ביים שניידער אַ נייע בעקעשע (יופּעצע) און ער האָט דווקא געוואָלט אַ מאָדערנעם אנצוג און די שטוב איז דעמאָלט ביי זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גהינום.

בעת זיין ערשטן חשבון־הנפש וואָס קלמן ברוינפעלד האָט געהאַט צוויי יאָר

שפּעטער נאָכן פאַרלאָזן זיין היים, האָט ער זיך אויך דערמאָנט ווי אומגעדולדיק ער איז געזעסן בעת דער טאַטע האָט צו אים גערעדט די „פאַרנינפטיקע רייד" און ווי ער האָט זיך אַפילו נישט געוואָלט צוהערן צו זיי, נאָר איצט, האָבן מאַנכע פון די ווערטער אויפגעלויכטן אין זיין מוח און כאָטש ער האָט די אַלע ווערטער באַטראַכט פאַר אַלט־פרענקישע נאַרישע מוסר־זאָגעריי, האָבן זיי אים איצט, אין זיין צושטאַנד פון גייסטיקער דעפּרעסיע, געריצט און ווי געחוזקט פון אים: — נו? האָסט דאָך עפּעס געוואָלט אַ נייעם דרך, צי פילסטו זיך כאָטש גוט אויף דיינע נייע וועגן?...

— ב —

ווען קלמן ברוינפעלד האָט זיך אָפּגעגעבן זיין ערשטן חשבון־הנפש, איז ער אַלט געווען צוואַנציק יאָר. דאָס איז געווען אין 1920.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַרשידענע אַנטוישונגען האָבן ברוינפעלדן דערפירט צו דעם חשבון־הנפש און צו זיין גייסטיקער דעפּרעסיע. ער האָט שוין געהאַט אַנטוישונגען אין ליבע און אין אַ היפּשער מאָס אויך אַנטוישונגען אין דער וועלט, אין דער מאָדערנער וועלט, אין דער ציוויליזירטער וועלט, וועלכע האָט געפירט ווי ער האָט געגלויבט, אַ מלחמה קעגן צאַרישן רוסלאַנד, נאָר דערפאַר, ווייל זי, די ציוויליזירטע וועלט, איז קעגן דער דעספּאָטישער אַליין־הערשאַפט פון די צאַרן און די ציוויליזירטע וועלט וויל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צו דער טיראַניי און צו די פּאָגראָם און אידן־פאַרפאָלגערישע פּאָליטיק פון צאַרישן הויף.

ווען פּוילן איז באַפרייט געוואָרן און באַלד אָנגעהויבן פּייערן די באַקומענע פרייהייט מיט שניידן אידישע בערד און וואַרפן אידישע פּאַסאַזשירן פון די באַנען, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַן אַריבערגייענדיקן טרויעריקן עפּיזאָד פון די פריידיק צעיושעטע באַפרייטע פּוילישע מאַסן און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט זיך שנעל ענדיקן און אויב נישט, וועט די וועלט, די ציוויליזירטע וועלט, זיכער רעאַגירן אויף אַזאַ אופן, אַז די פּאָליאַקן וועלן דערפילן און פאַרשטיין, אַז באַפרייאונג מיינט נאָך נישט הפקרות, רויב און מאָרד.

באַלד האָט ער אָבער דערזען, אַז די ציוויליזירטע וועלט איז אויסן גאָר עפּעס אַנדערש; עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער פּאָגראָם אין לעמבערג און אין דער אוקראַינע האָבן געבושעוועט די פּעטליורצעס, דעניקינצעס און אַנדערע פּאָגראָם־אַטאַמאַנען, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון די אַליאירטע וואָפן חרוב געמאַכט אַזויפיל אידישע ישובים און אומגעבראַכט טויזנטער און טויזנטער אידן, מענער, פרויען און קינדער אויף אַכזריותדיקע אופנים, דעמאָלט האָט ברוינפעלד אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז נישט די אָרומיקע ציוויליזירטע וועלט האָט באַקעמפט און באַזיגט דאָס צאַרישע רוסלאַנד, נאָר דאָס אייגענע פאָלק, דאָס רו־

סישע פאָלק, קענן וועלכן די ציוויליזירטע לענדער שיקן איצט אַרויס די אָרגאַניזירטע ווייס־גוואַרדייאישע פּאָגראָם־באַנדעס.

און זיכער, אַז נישט בלויז די טרויעריקע פּאָליטישע געשעענישן האָבן קלמנען געשטויסן צו זיין גייסטיקער דעפּרעסיע, נאָר די ליבעס־אַנטוישונגען וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָבן צוגעהאָלפן ברעכן זיין מוט און זיין גלויבן אין אַ ליכטיקערן מאָרגן וואָס דאַרף קומען נאָך דעם טריבן היינט.

ווען קלמן האָט פאַרלאָזן זיין היים, האָט ער שוין געהאַט געלייענט אַ היפּש ביסל ביכער און אין דעם גוט היינטער דעם גאַליציש שטעטל יאַסלאָ, וואו ער איז אָנגעקומען אַלס לערער צו דעם גוטבאַזיצערס צוויי אינגלעך, האָט ער נאָך מער געלייענט, ווייל דאָרט האָט ער געפונען אַ היפּשע ביבליאָטעק וואָס דעם איידישן גוטבאַזיצערס טעכטערל, פייגעלע, האָט זיך איינגעשאַפט און דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט די דייטשע קלאַסיקער, געטע, היינע, שילער און לעסינג און דאָרט, האָט ער אויך געלייענט מיצקיעוויטש, סלאָוואַצקי און וויספּיאַנסקי און ווען פייגעלע אָדער פ ע ל אַ איז אַהיימגעקומען אויף וואַקאַציעס פון קראָקע, וואו זי האָט שטודירט אין יאַגעלאָנער אוניווערזיטעט, האָט זי מיטגעבראַכט די ביכער פון הערדערן, וויטאָלד אויערבאַך און אויך די פּוילישע ביכער פון טעטמאַיער, שענקיעוויטש און פּשיבישעווסקי און נישט האָבנדיק אין דעם גוט מיט וועמען צו ריידן וועגן די אַלע ביכער, האָט זיך פעלאַ דערפרייט מיט דעם נייעם יונגן לערער און זיי האָבן צוזאַמען געלייענט און געלערנט די ביכער און דיסקוטירט איבער זיי און וואָס איז דאָ דער וואונדער, ווען דער יונגער ברוינפעלד האָט זיך פאַרליבט אין דעם שיינעם געבילדעטן מיידל און וואָס ער האָט געגלויבט, אַז אויך זי איז פאַרליבט אין אים?

קלמן איז געווען אַזוי גליקלעך ווען ער איז געזעסן מיט פעלאַן צוזאַמען איבער אַ בוך, אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט, און נישט געפילט, אַז זי באַהאַנדלט אים פונקט אַזוי, ווי ער באַהאַנדלט זיינע צוויי יונגע תלמידימלעך, פעלאַס ברידערלעך, ווען ער לערנט זיי דאַווענען, און לייענען און שרייבן אידיש. איר קלינגענדיקן געלעכטער וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער דער גרויסער נחלה פון זייער גוט בעת זייערע שפּאַצירן, האָט ער אָנגענומען אַלס באַווייז, אַז זי פילט זיך גליקלעך אין זיין געזעלשאַפט, נישט ווייניקער ווי ער מיט איר און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס לאַכט זי פּשוט פון זיין אומבאַהאָלפנקייט, פון זיין נאַאיוו־אינגלשן באַנעמען זיך קעגן איר, ווי אַ גימנאַזיסטל אין די אָנהויב מיטלשולן.

צוויי חדשים האָבן אַזוי זיינע ליכטיקע טעג אָנגעהאַלטן, כדי זיך פלוצלינג צו פאַרלעשן און לאָזן אים אין טיפער פינצטערניש.

דאָס איז געווען, אַ טאָג איידער פעלאַ האָט באַדאַרפט צוריקפאָרן קיין קראָקע כדי פאָרצוזעצן מיט איר סטודיום. זיי האָבן געמאַכט דעם לעצטן שפּאַציר צום באַרג וואו די „צעגעלניע" איז געשטאַנען און איבערן גאַנצן וועג האָט קלמן זיך געקליבן אויסצוגיסן פאַר פעלאַן זיין האַרץ, זאָגן איר, דערקלערן איר ווי

שטארק ער האָט זי ליב, אָבער וואָס מער ער האָט איר געוואָלט אַרויסזאָגן וואָס ער פילט צו איר, אַלץ טיפער האָט ער געשוויגן, נישט האָבנדיק די דרייסטקייט אַרויסצורײדן דאָס ערשטע וואָרט.

ערשט ביי דער ציגל-בּרענערײ, ווען זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי די האַלב-נאַקעטע פּויערים-זין אַרבעטן ביי דעם קנעטן ליים און אַרײַנפּילן עס אין די קאַנ-מיקע ציגל-פּאָרמען און ווי זיי לייגן אויס די פרישע ליים-ציגל צום טרוקענען אונטער דער זון, האָט קלמן באַקומען מוט און ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו פעֿ-לאַן, ער האָט זי געפרעגט צי זי געדענקט די ביבּלישע געשיכטע פון יעקבס ליבע צו רחלען און ווי יעקב האָט געדינט צוויי מאָל צו זיבן יאָר כדי צו דערגרייכן די אויסדערוויילטע פון זיין האַרץ...

יאָ, פעלאַ האָט גוט געלערנט די היסטאָריע און יעקבס „שלאַכטנאַשטש” איז איר אַלעמאָל געפעלן און זי גלויבט, אַז אין היינטיקער צייט זיינען אויך נאָך פאַראַן אַזעלכע אמת ראָמאַנטישע קאַוואַלירן וואָס זיינען אומשטאַנד אַזוי צו ליבן . . .

— זיכער זיינען פאַראַן! — האָט קלמן באַקומען מוט און שנעל אויסגערופן און ווען זיי זיינען שוין צוריקגעגאַנגען, האָט ער שוין נישט געקאָנט אָפּלייגן אויף שפּעטער, נאָר ער האָט פאַרגעזעצט: — איר ווייסט, פעלאַ, אויך איך בין גרייט דאָ צו דינען פאַר אייך אין אייער פאָטערס גוט נישט בלויז אַלס לערער, נאָר אַפילו אַלס ציגל-בּרענער צען יאָר, ביז איר וועט צוריקקומען פון אייער שטודיום און איך וועל אייך ווידער קענען זען!...

צום ערשטן מאָל זייט פעלאַ האָט זיך מיט אים באַקענט, האָט זי איצט אויף אים אַזאַ ערנסטן קוק געגעבן, אָבער באַלד האָט זי ווידער אויסגעשאָסן מיט איר קלינגענדיקן געלעכטער און זי האָט מיט אַ שפּאַסיקן טאָן אים אַ זאָג געטאָן: — אויסגעצייכנט! איך וועל עס דערציילן מיין געליבטן אין קראָקע און איך וועל אים זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ צווייטער וואָס ליבט מיך שטאַרקער ווי ער און ער איז גרייט פאַר מיר צו דינען אַלס ציגל-בּרענער...

און פונאַנדערלאַכנדיק זיך אויפן הויכן קול, האָט זי זיך געלאָזן לויפן באַרג אַראָפּ צו זייער שטוב; לויפנדיק האָבן זיך איר צעלאָזן די גלאַנציקע קאַשטאַן-פאַרביקע האָר און צוויי מאָל האָט זי זיך אומגעקוקט, זען צי ער לויפט איר נישט נאָך, נאָר ער איז איר נישט נאָכגעלאָפן. אירע ווערטער האָבן געשטאָכן אין זיין האַרץ ווי מיט שפּילקעס און איר פריילעכער, זאָרגלאָזער געלעכטער האָט איצט געקלונגען פאַרשאַרט אין זיינע אויערן, און אָנשטאָט נאָכלויפן און יאָגן זיך נאָך איר, האָט ער נאָך מער פאַרפּאַמעלעכט זיינע טריט און ווען ער איז אָנגעקומען אין זיין שטיבל, האָט ער גענומען צונויפלייגן זיינע זאַכן, געמאַכט זיך אַ פּעקל און עס האָט נישט געהאָלפן דאָס בעטן פון דער באַלעבאָסטע פון הויז, ער האָט זיך געזעגנט מיט איר, מיט די צוויי אינגלעך, זיינע שילער און ער האָט געבעטן לאָזן גרוסן דעם באַלעבאָס, וועלכער איז גראָד נישט אינדערהיים און ער קאָן זיך נישט געזעגענען מיט אים און ער האָט זיך אַפילו געזעגנט מיט פעלאַן,

שטייענדיק פונדערווייטן: — זייט געזונט, פעלא, און גיט טאַקע דאָרט אָפּ דעם גרוס, אַז עס זיינען נאָך היינט דאָ אַזעלכע יעקבס, וואָס זיינען גרייט צו דינען פאַר זייערע רחלס...

און קלמן האָט זיך מיט דער ערשטער ליבעס־אַנטוישונג אין האַרצן דערווייטערט פון גוט, פאַרנדיק אויף דער פריצישער בריטשקע צו דער ווייטער באַן־סטאַציע, נישט וויסנדיק אפילו וואוהין ער וועט איצט דאַרפן אָנשפּאַרן...

— ג —

דעם צווייטן דורכפאַל וואָס קלמן האָט געהאַט, איז געווען אין ר' אשר וואַקסמאַנס גרויסן ט א ר ט א ק הינטער טאַרנאָוו, וואו ער איז אָנגעקומען אַלס אָנגעשטעלטער.

א סך אַרבעטער האָבן דאָרט געאַרבעט אין נאָענטן וואַלד וואו זיי האָבן אויסגעהאַקט בוימער און אַנדערע אַרבעטער האָבן די אויסגעהאַקטע בוימער אויף געניטע אופנים צוגעפירט ביז צום טאַרטאַק, וואו זיי זיינען אַרומגעשניצט געוואָרן פון דער קאָרע און דערנאָך געשניטן און געזעגט געוואָרן און ווייל צווישן די פילע אַרבעטער זיינען געווען אַ היפּש ביסל אידישע אָנגעשטעלטע, אויפזעער, בוכהאַלטער און מעסטער, האָט זיך דאָרט אויך געפינען אַ שטיבל וואו עס האָט געוואוינט דער היטער פון טאַרטאַק, ר' נתן, מיט זיין ווייב און זייערע פינף קליינע קינדער און ר' נתנס ווייב האָט געקאָכט מיטיקן פאַר די אידישע אָנ־געשטעלטע.

א סך פון די אידישע אָנגעשטעלטע האָבן דאָרט געוואוינט אין הילצערנעביידלעך און זיי זיינען בלויז איינמאָל אין וואָך, אויף שבת, אַהיימגעגאַנגען קיין טאַרנאָוו צו זייערע פאַמיליעס, און קלמן, נישט האָבנדיק קיין פאַמיליע אין טאַרנאָוו, האָט ער זיך באַלד פאַרדונגען אויף דעם פּאָסטן מיט קוואַרטיר און קעסט און ער האָט טאַקע געוואוינט און געגעסן אין ר' נתנס שטוב.

די אַרבעט איז דאָרט אָנגעגאַנגען פון גאַנץ פרי ביז זון־פאַרגאַנג און די צייט פון עסן און אָפּרו איז אַזוי שנעל פאַרגאַנגען, אַז קלמן האָט אפילו נישט געהאַט קיין צייט רעכט צו זען וואו ער געפינט זיך; ער האָט בלויז געפילט אַן אויסערגעוויינלעכע הנאה ווען ר' נתנס ווייב, רייזעלע, האָט אים דערלאַנגט דעם טעלער עסן און ווען זי האָט בעת־מעשה געוואָרפן אויף אים אַ בליק מיט אירע טיפע שוואַרצע קוואַל־אויגן, האָט ער אין דעם בליק דערפילט מוטערלעכע גע־טריישאַפט.

נאָר איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז קלמן האָט צוליב אַ פאַרקילעניש גע־מוזט בלייבן אין בעט און דעמאָלט האָט זיך רייזעלע געמוזט אָפּגעבן מיט אים, צוטראָגן אים אַ טעפּל מילך און דעמאָלט איז עס געשען, אַז ער האָט זיך פּשוט פאַרליבט אין איר.

רייזעלע, כאָטש אַ מאַמע פון פינף קינדער, איז נאָך געווען זייער יונג, אפשר פינף אָדער זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט און זי האָט געהאַט אַזאַ שיין קיילעכ־דיק, פון דער זון אָפּגעברענט ציגיינעריש פּנים מיט אַזעלכע צוויי אויסערגע־וויינלעכע, מיט גוטסקייט שטראַלנדיקע אויגן, אַז מען האָט זיך גוט געקענט פאַרליבן אין איר און קלמן האָט זיך געפילט גליקלעך ווען זי האָט זיך דערנענ־טערט צו זיין בעט און ער האָט גאָט געבעטן, אַז די פּאַרקילעניש זאָל ביי אים אָנהאַלטן וואָס לענגער, אַבי צו קענען געניסן דעם גרויסן תענוג וואָס איר אָפּ־היטן אים פאַרשאַפט אים.

קלמן האָט גוט געוואוסט, אַז רייזעלע איז אַ מאַמע פון פינף קינדער און אַז זי איז אַ געטריי ווייב צו איר פרומען מאַן, אָבער מיט טויזנט צוואַנגען האָט עס אים געצויגן צו איר און נאָר פון מורא אַז ער קאָן דאָ שלעכט אָפּשניידן, האָט ער זיך באַהערשט און איר נישט געפּרואווט געבן צו פילן, ווי שטאַרק ער באַגערט זי.

נאָך עטלעכע טעג איז קלמן געזונט געוואָרן און ער איז ווידער געווען אינ־דרויסן, ביי דער אַרבעט, נאָר לויטן אָנזאָג פון רייזעלען, האָט ער זיך עטלעכע מאָל אין טאָג געמוזט אַריינכאַפּן אין שטוב, כדי אויסצוטרינקען אַ טעפּל מילך און איר גוטסקייט און געטריישאַפט, האָט נאָך שטאַרקער אָנגעצונדן קלמנס יונגע האַרץ און ער האָט אָנגעהויבן שטיל צו האָפן אויף דאָס אומעגלעכע.

שטייענדיק אין וואַלד וואו געזונטע יונגע גויים האָבן אונטערגעהאַקט די ביימער, האָט קלמן געטראַכט פון רייזעלען און ער האָט זיך דערמאָנט אָן געטעם וואונדערלעכע געשיכטע פון „ווערטערס ליידן” וואָס ער האָט אין פעלאַס בי־בליאָטעק געליינט און ער האָט אין זיך געזען ווערטערן און דורכגעפילט אין זיך ווערטערס ליידן.

די געטריישאַפט און מוטערלעכע צערטלעכקייט וואָס רייזעלע האָט אים אַרויסגעוויזן, האָט געצונדן קלמנס יוגנטלעכע פאַנטאַזיע און נאָך מער זיין יונג פּול האַרץ, וואָס האָט זייט זיין פאַרלאָזן זיין היים, געבענקט נאָך פאַמיליערער צערטלעכקייט און איינמאָל, ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטיבל און דאָרט גע־טראָפן רייזעלען מיט אַן אָפּגעדעקטער ברוסט, בעת זי האָט אָנגעזייגט איר זעקס חדשימדיק קינד, האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און ווען זי האָט אויף שנעל צוגעדעקט איר אָפּגעדעקטע ברוסט, איז ער צוגעלאָפן און אינגאַנצן ציטערנדיק האָט ער אויסגערופן: — וואָס דאַרפט איר צודעקן? עס שלאָגט דאָך פון אייער ברוסט אַזאַ הייליקע ליכטיקייט און מיינע פאַרבענקטע בליקן גאָרן דאָך אַזוי שטאַרק זיך צו באָדן אין אָט דער ליכטיקייט...

דאָס איז געווען אַלץ. קלמן האָט אפילו נישט געוואוסט צי רייזעלע האָט גע־הערט זיינע ווערטער ביזן סוף, ווייל זי האָט אויף שנעל אוועקגעלייגט דאָס קינד צוריק אין וויגל און זי האָט נערוועז פאַרשפּיליעט איר בלוזע און וואו איז אַהינ־געקומען איר צערטלעכער מוטערלעכער בליק? אויסגעלאָשן פון טיפער באַליידי־קונג איז געווען איר בליק, זי האָט אים דערלאַנגט דאָס טעפּל מילך און אים גע־

לאָזן אַליין און בלויז עטלעכע שעה שפּעטער, האָט ר' נתן אים געזאָגט, אַז דאָ איז פאַר אים קיין פּלאַץ נישט פאַראַן און ער קאָן דאָ לענגער נישט בלייבן אַפילו קיין איין טאָג...

פאַרנאַכטצו, איז קלמן אַוועק פון דאָרט אײַנגאַנצן אַ דערשלאָגענער. ער איז געגאַנגען קיין טאַרנאָוו און איבערן גאַנצן וועג האָט ער געהאַפט, אַז אַ חיה וועט אויף אים אָנפאַלן איבערן וועג און אים פאַרציקן און אַ סוף מאַכן צו זײַנע ליידן...

— ד —

יונג ווי קלמן איז געווען, נאָך קיין גאַנצע נײַנצן יאָר נישט געציילט, האָבן זיך זײַנע ליידן אין אים שנעל איבערגעברענט און וואויל־געלערנט ווי ער איז געווען, האָט ער באַלד ווידער באַקומען אַ פּאָסטן ביי אַ רײַכן אידן אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון טאַרנאָוו, דאָרט האָט ער באַדאַרפט לערנען דעם אידנס קינדער כל התורה אויף איין פוס, ווײַל דער איד האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער וויל, אַז זײַנע קינדער זאָלן קענען אידיש און לשון־קודש און פּויליש און דײַטש...

דאָרט, אין דער רײַכער היים פון זײַן באַלעבאָס, האָט ער זיך פאַרליבט אין דער באַלעבאָסטעס אַן אָרימע פּלימעניצע, ביילע, וועלכע האָט דאָרט געדינט און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט ער אַזוי געברענט פון ליבע צו איר, אַז ער האָט נאָר אין איר געזען זײַן גליק.

און ביילע האָט אים דווקא געענטפערט מיט ליבע און שוין איינמאָל געענט־פערט! זי איז געווען אַזוי ברענענדיק היים ווי אַ גליענדיקער וואולקאַן און בעת אירע ליידנשאַפטלעכע ליבעס־אויסברוכן, האָט זי אים געבריט מיט איר הייסן אָטעם און צומאָל, כאָטש ער האָט שוין געפילט, אַז ער וואָלט נישט געקאָנט לעבן אָן איר, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז שוין אַביסל צו היציק און צו ברע־נענדיק פאַר זײַן סענסיטיווער איידעלער בענקעניש נאָך לײַכטער צאַרטער באַ־רירונג און צערטלעכקייטן.

זי איז געווען אַזוי איבערגעגעבן און אַזוי ברענענדיק אין איר ליבע צו אים, אַז בלויז צוויי שעה נאָכדעם ווי זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אויפן טרוי־קענעם ווייכן גראָז ביים ראַנד פון נאָענטן וועלדל, און ער האָט זיך נאָר־וואָס גע־לייגט אויף זײַן בעטל אָפּאָטעמען און איבערטראַכטן וועגן דעם גרויסן תענוג וואָס דער ליבעס־גענוס האָט אים פאַרשאַפט, האָט ער געהערט אַ שטיל פּויקן אויף דער שויב פון זײַן קליין פענצטערל וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום גאָרטן פון פּאַסאַליעס און ווען ער האָט געעפנט דאָס פענצטערל און אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ זען ווער דאָס איז, האָט זי אים אַ כאַפּ אַרומגענומען אַרום האַלדז און אָנ־געהויבן באַדעקן מיט אַזויפיל קושן, אַז ביי זײַן גאַנצער ליבע צו איר, האָט עס אים אָנגעהויבן ווערן דערווידער און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט זי דאַרפן אָפּגעוויינען פון די איבערנאַטירלעכע ליבעס־אויסברוכן.

ער האָט זי אָבער נישט אָפּגעווײנט; פאַרקערט, זײַנע פאַרזיכטיקע ווערטער פון אויפקלערונג, האָט זי אָנגענומען אַלס באַווײַז, אַז ער האָט זי צו ווייניק ליב און כדי אים נאָך מערער צו געווינען, האָט זי אים אָנגעהויבן אַרויסווייזן נאָך מער היץ וואָס האָט ממש דערגרייכט ביז פוריעזן עקסטאַז און ער האָט זיך געפילט אומעכטיק צו קענען זי צוימען.

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און זי האָט זיך פּלוצלינג אַליין געצוימט.

נישט נאָר געצוימט, נאָר זי האָט זיך פּשוט אָנגעהויבן האַלטן פון אים פונדערווייטן און ווען ער האָט עס איר איינמאָל געפרואווט פאָרוואַרפן, האָט זי גאַנץ רואיק געענטפערט, אַז ער האָט דאָך אַזוי געוואָלט, ער האָט דאָך ליב אַזוי...

אין איר ענטפער האָט ער געפילט אַ סך חוזק און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַמיען זי צוריק צו געווינען, נאָר עס האָט זיך אים מער נישט אײַנגעגעבן.

ביילע האָט זיך פון אים דערווייטערט און וואָס מער ער האָט גענומען בענקען נאָך אירע שטורמישע ליבעס־אויסברוכן, אַלץ קעלטער איז זי צו אים געוואָרן און ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן עלנט אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל און ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבן פאַרוואַרפן, אַז ער האָט געהאַט אַ בריליאַנט און נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך מיט אים אומצוגיין...

פונדעסטוועגן, האָט ער גאָך אַלץ געהאָפט זי צוריקצוגעווינען; ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן אַזאַ מעגלעכקייט, אַז ביילע, וואָס האָט אים אַזוי שטורמיש געליבט, זאָל פּלוצלינג ווערן אינגאַנצן גלייכגילטיק צו אים און ער האָט געמראַכט, אַז זיכער איז זי בלויז געקרענקט צוליב זיין ווילן זי צוימען און ער האָט אָנגעהויבן זוכן די געלעגנהייט זיך מיט איר דורכצושמועסן.

זי האָט אָבער אַזאַ געלעגנהייט דווקא אויסגעמיטן און דאָס האָט קלמנען זייער ווי געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון שלאָפלאָזיקייט, ער איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט אויפן געלעגער און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן און איינמאָל, אין אַזאַ שלאָפלאָזע נאַכט ווען ער האָט זיך שטאַרק געמוטשעט אויף זיין געלעגער, איז ער אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן זיך און שטיל זיך אַרויסגעשאַרט פון שטיבל און זיך געלאָזן לענג־אויס איבערן פעלד, צום וועלדל־צו, אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

די נאַכט איז געווען אַ שיינע, כאָטש אַ פינצטערע סוף־חודשדיקע, און די שטערנדלעך האָבן פון הימל אַזוי פריילעך אַראָפּגעוואונקען און זיי האָבן זיך ווי גענומען רייצן מיט קלמנען, פאַרוואָס ער האָט אַזאַ שיינע ליבע, אַזוי נאַריש פאַרנאַכלעסיקט...

אינסטינקטיוו האָט זיך קלמן געלאָזן אויף דעם וועג צום ראַנד פון וועלדל, וואו ער האָט אין אַזעלכע וואונדערלעכע נעכט אַזויפיל זיסע שעהן פאַרבראַכט און געצערטלט זיך אַן ארומגענומענער פון ביילקעס פעסטע אָרעמס, און וואָס נענטער ער איז געקומען צו דעם באַליבטן פּלאַץ, אַלץ מער האָט זיך אים אויס־

געוויזן, אַז עמיץ באַוועגט זיך דאָרט און פּלוצלינג האָט קלמנען אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין פּנים און ער האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם און זיינע בליקן, ווייט אויפגעריסן, האָבן געקוקט אַהין, ווי וועלנדיק איבערצייגן זיין האַרץ, אַז זיינע אויגן זעען ריכטיק...

כדי צו זיין נאָך מער זיכער אַז זיינע אויגן נאַרן אים נישט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און זיך גענומען שלייכן צו דעם פּלאַץ און קריכנדיק אַזוי ווי אַ שלאַנג איז ער געקומען נענטער און נענטער ביז ער האָט געזען, אַז זיינע אויגן האָבן אים נישט גענאַרט.

אויף דעמזעלבן פּלאַץ, אויף דעם ווייכן גראָז ביים ראַנד פון וועלדל, וואו ער האָט מיטביילקען פאַרבראַכט אַזויפיל גליקלעכע שעהן, זעט ער איצט ביילקען ווי זי זיצט אַרומגענומען מיט אַלבערטן, דעם יונגען בוימייסטער, וואָס איז דאָ ערשט געקומען מיט דריי וואָכן צוריק, כדי אויפצובויען דאָ אַ מיל.

דער קלאַפּ האָט איצט קלמנען געטראָפן אַזוי שטאַרק, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען און נישט צייל̈נדיק זיך דערמיט צי דאָס פּאָרל דאָרט וועט אים זען, האָט ער אָנגעהויבן גיין אויף צוריק צו זיין שטיבל און ער האָט אפילו טראַציק אָנגעהויבן צופייפן אַ לידל, זאָלן זיי הערן און זאָל ביילקע וויסן, אַז ער ווייסט שוין פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, ווייל זי איז אַ פאַרשאַרטע און זי איז נישט ווערט זיין אויפריכטיקע הייליקע ליבע...

— ה —

קלמן האָט פאַרלאָזן דאָס דערפל און ער איז שוין ווידער געוועזן אין טאַרנאָוו.

עס האָט אים אָנגעהויבן ציען אַהיים, צוריק צו זיינע עלטערן, און ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט נישט ביישטיין דעם נסיון און וועט ווידער צוריק אַריינפאַלן אין הויז פון זיינע פאַנאַטישע עלטערן, האָט ער זיך געשטאַרקט און באַשלאָסן אַוועקצופאָרן ווייט פון זיין היים, און נישט לאַנג געטראַכט, איז ער פון טאַרנאָוו אַוועקגעפאָרן גלייך קיין ווין.

עטלעכע טעג האָט ער זיך אין ווין אַרומגעדרייט אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער, ביז ער האָט זיך געמוזט מעלדן צו דער ווינער קולטוס־געמיינדע נאָך הילף און אַ ראַט און דאָרט, הערנדיק, אַז ער איז אינדערהיים געווען אַ „תלמודיסט", האָט מען אים געגעבן אַן עמפּפעלונג צום ראַבינער און ער האָט געוואונען דעם ראַבינערס סימפּאַטיע און דער ראַבינער האָט אים געשאַפן צוויי לעקציעס אין צוויי רייכע ווינער אָרטאָדאָקסישע היימען.

זייענדיק געזיכערט מיט זיין שטיקל ברויט און מיט אַ געלעגער אין אַ זייטיק שטיבל ביי איינעם פון זיינע צוויי רייכע אָרטאָדאָקסישע באַלעבאַטים, האָט זיך קלמן אין די פרייע שעהן, אַרויסגעלאָזן זיך באַקענען מיט ווין.

ער האָט שוין פון פריער געוואוסט, אַז אויף דער טאַבאָר־שטראַסע שוויבלט עס און גריבלט מיט אידיש לעבן, אַז דאָרט קאָנצענטרירן זיך די אָסט־יודן און

ער איז באַלד געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער אין קאַפע „נאַציאָנאַל" וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען די אידישע ארטיסטן פון סטעפּאַני־טעאַטער און אידישע שרייבער און דאָרט האָט ער זיך דערוואוסט וועגן די אידישע פּאַראיינען און אַ קורצע צייט שפּעטער, איז ער שוין געווען אַ טעטיקער מיטגליד אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג און ערשט דאָרט, האָט ער אָנגעהויבן לייענען אַ חוץ דעם פּאַרטיי־אָרגאַן „דאָס ארבעטער וואָרט", פאַרשידענע פּאַרטיי־בראָשורן וועלכע זיינען דע־מאָלט אַזוי אָפּט דערשינען און ער האָט אויך אָנגעהויבן לייענען אידישע ביכער.

קלמן ברוינפעלד האָט זיך אָנגעהויבן רייפן אַלס ציל־באַוואוסטער פּאַרטיי־מענטש און ווען ער האָט צוליב זיין אייפעריקער אַקטוואַציע פּאַרלוירן זיינע פּאָסטנס ביי די ווינער אָרטאָדאָקסישע באַלעבאַטים, האָט אים דער פּועלי־ציו־ניסטישער טוער אין ווין, מענדל זינגער, פאַרשאַפט עטלעכע שילער פאַר אידי־שע לעקציעס, זאָגנדיק אים, אַז דאָס דאַרף זיין דער אָנהויב פון דעם וועלטלעכן אידישן שול־וועזן וואָס דאַרף געשאַפן ווערן.

דערווייל זיינען פאָרגעקומען די גרויסע פּאָליטישע געשעענישן אין בודאַ־פּעסט און אין מינכען, און אין די ענגע פּאַרטיי־קרייזלעך אין ווין האָט זיך דאָס אַלעס אָפּגעשפּיגלט אין די דיסקוסיעס אין וועלכע אויך ברוינפעלד האָט זיך אָנ־געהויבן באַטייליקן און צו דעם צו, איז ברוינפעלד אַלץ געבליבן דער סענטימ־ווער יונגטלעכער בחור וואָס האָט געבענקט נאָך ליבע און ער האָט זיך טאַקע פאַרליבט אין דער פּאַרטיי־חברטע גיטל, וועלכע האָט צוליב איר אייפעריקער פּאַרטיי־ארבעט, קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן ברוינפעלדס פאַר־בענקטע בליקן צו איר און ווען ער האָט ענדלעך פּאָרט איינמאָל, בעת אַ זונטיק־דיקן אויספלוג פון אַ גרעסערער חברים־גרופּע באַוויזן צו בלייבן מיט איר אויג אויף אויג, האָט ער פאַר איר געעפנט זיין האַרץ און געוואָלט איר דערקלערן זיין גרויסע ליבע צו איר.

גיטל האָט אים אָבער באַלד צוריקגעוויזן אויף אַן אַנטשידענעם אופן.

— די עפּאָכע פון ליבעס־ראָמאַנטיק — האָט זי געזאָגט, איז שוין אַרי־בער און ביי אייך איז נאָך אַלץ פאַרבליבן די נאַרישע קליינבירגערלעכע צייט־פאַרלירנדיקע מידה... היינט איז אַ צייט, ווען מען דאַרף טראַכטן וועגן גורל פון דער מענטשהייט און נישט פון דעם מענטש, דעם יחיד און אויב עס האַנדלט זיך וועגן דער פיזישער פונקציע אין וועלכער דער מענטש, דער יחיד נויטיק זיך, איז נישט כדאי דעריבער צו פאַרלירן צייט מיט איבערגעטריבענע ליבעס־ווער־טער, וועלכע לעשן זיך אַלצאיינס אוים צוזאַמען מיט דער פונקציע...

זי האָט שוין איינמאָל געקאָנט ריידן, אָט־אַ די חברטע גיטל און ער וואָלט שוין אפשר מיט זיין שכל, גרייט געווען מסכים צו זיין מיט אירע אויספירן, נאָר מיט איר לעקציע וועגן „פיזישער פונקציע" האָט ער בשום אופן נישט גע־קאָנט מסכים זיין, ווייל אויב דער שענסטער און הייליקסטער געפיל פון צאַרטער בענקשאַפט קאָן זיך רעדוצירן ביז צו דער בלויזער פיזישער פונקציע, טאָ מיט וואָס איז דער מענטש העכער פון דער פּראָסטער בהמה אָדער חיה?...

און מיט וויטיק אין האַרצן האָט ער זיך צוגעקוקט ווי זיין אַזוי הייס־געליבטע חברטע גיטל, די אָנהענגערן פון דער „פיזישער פונקציע" שטורמט מיט איר פּאַרטיי־טעטיקייט און שפּעט ביינאַכט, נאָך אַלע ליידנשאַפטלעכע פּאַרטיי־דיסקוסיעס, כאַפּט זי אַ חבר אונטער דעם אָרעם און נעמט אים מיט מיט זיך...

ברוינפעלד האָט געפילט, אַז עס וואָלט פאַר אים געווען אַ גרויס גליק, ווען די חברטע גיטל זאָל אַזוי כאַטש איינמאָל אויך אים אַ נעם טאָן אונטערן אָרעם און מיטרופן מיט זיך, פונדעסטוועגן, ווען איינמאָל האָט עס טאַקע פּאַסירט און זי האָט אים אַזוי אויף שנעל אַ פרעג געטאָן צי ער וויל זי באַגלייטן אַהיים, האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן און ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען און ביז ער האָט זיך אויסגעשטאַמלט, האָט זי דערווייל אַ כאַפּ געטאָן אַן אַנדער חבר און איז אוועק מיט אים.

די געשעענישן איז שוין פאַר ברוינפעלדן געווען נישט בלויז אַן אַנטוישונג, נאָר אויך אַ באַליידיקונג און ער האָט אָנגעהויבן אויסמיידן דאָס צוזאַמענטרעפן זיך מיט דער חברטע גיטל און ער האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי זי וועט אָנקומען אין פּאַרטיי, וועט ער אוועקגיין און ווייל זי איז כמעט כסדר געווען אין פּאַרטיי, האָט ער זיך כסדר באַדאַרפט דערווייטערן פון איר.

האָט זיך ברוינפעלד אָנגעהויבן אַרומדרייען און גיין פון איין קאַפע אין צווייטן, מיטנעמענדיק מיט זיך איבעראַל זיין שווערן אומעט אין האַרצן און אַזוי ווי דער טיפער בראָך אין זיין האַרצן איז נאָך דעמאָלט צונויפגעפאַלן זיך מיט דעם בראָך אין די פּאָליטישע געשעענישן אין צענטראַל־אייראָפּע און ביי די ראַנדן פון די סאָוועטישע גרעניצן, האָט דאָס אַלץ צוזאַמען אָנגעהויבן דריקן אויף זיין געמיט און דעמאָלט איז ברוינפעלדן צום ערשטן מאָל געקומען אויפן געדאַנק, אַז נישט בלויז וואָס ער דאַרף צוריקפאָרן אַהיים, אין הויז פון זיינע עלטערן, נאָר ער דאַרף זיך בכלל אומקערן צוריק צום אַלטן אידישן לעבנס־שטייגער און אָנהויבן פירן זיך, ווי זיין טאַטע, זיין זיידע און זיינע אבות־אבותינו האָבן זיך געפירט.

ער האָט שוין אַ סך פריער געהאַט געלייענט שלום אַשם „מיטן שטראָם" און דעמאָלט האָט ער אַפילו געהאַט אַ סך אויסצוזעצן קעגן העלד, דודס פּסי־כאָלאָגישע נויטווענדיקייט אומצוקערן זיך צום פריערדיקן, אָבער איצט, האָט ער געטראַכט אַנדערש און דערצו איז אים נאָך געקומען אין האַנט א. ווייטערס דראַמע „דער שטומער", וועמענס הויפּט־העלד אַלעקסאַנדער גייט נאָך אַלע זיינע איבערלעבונגען און אַנטוישונגען, צוריק אין קלויז און איזאָלירט זיך דאָרט פון דער גאַנצער אַרומיקער אַנטוישנדיקער וועלט און דאָס בוך האָט אויף זיין שווערן געמיט־צושטאַנד זייער שטאַרק געווירקט און ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבן זען אַלס אַזאַ מין אַלעקסאַנדער.

דעמאָלט האָט ברוינפעלד געמאַכט זיין ערשטן חשבון הנפש וואָס ער האָט דורך די לעצטע צוויי יאָר איבערגעלעבט און ער האָט עס אָנגעהויבן פאַרגלייכן צו דעם גראַד־ליניקן לעבן וואָס דער טאַטע זיינער האָט אים געמאָלן און ער

האָט מיט ווייטיק פעסטגעשטעלט, אַז די צוויי יאָר האָבן אים אַ חוץ איין אַנ־טוישונג נאָך דער אַנדערער, קיין ברעקל גליק נישט געגעבן און אויב דאָס גאַנצע מענטשלעכע גליק דאַרף זיך באַזירן אויף חיהשער פיזישער פונקציע, און מיט קאַמפן וואָס ווערן פאַרגאָסן מיט בלוט, פונקט ווי אין די אַלטע באַרבאַרישע צייטן, איז שוין בעסער צוריקצוציען צו מוטערלעכער צערטלעכקייט אין שוים פון פרומען גלויבן, פון זיינע אבות־אבותינו...

דעמאָלט האָט ברוינפעלד באַשלאָסן, אַז ער ווייסט שוין אַלץ, ער האָט שוין אַלעס אין לעבן מיטגעמאַכט און אַז עס איז נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון און ער האָט זיך געלאָזן פון ווין צוריק אַהיים, צוריק אין הויז פון זיינע פרומע פאַנאַטישע טאַטע־מאַמע.

— ו —

איצט האָבן די געשעענישן פאַר ברוינפעלדן אָנגעהויבן לויפן פאַראויס און ער האָט זיי נישט געקאָנט אָניאָגן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער לויפט און יאָגט זיך ווי די צוויי הינטערשטע רעדער פון אַ לויפנדיקן וואָגן נאָך די פע־דערשטע און זיי קענען זיי קיינמאָל נישט דעריאָגן און אָפּשטעלן קענען זיי זיך אויך נישט, ווייל זיי ווערן געשלעפּט פון די פעדערשטע רעדער, פונקט אַזוי, ווי די געשעענישן האָבן איצט ברוינפעלדן געשלעפּט ווייטער און ווייטער אין די שטורמען פון לעבן.

קומענדיק אַהיים, האָט ער שוין זיין גוט־האַרציקע פרומע מאַמע נישט גע־טראָפן. מיט עטלעכע וואָכן פריער פאַר זיין אָנקומען, האָט זי איר לעצטן אָטעם־צוג אויסגעהויכט, און דער שטרענג־פרומער טאַטע האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז שולדיק אין איר פריצייטיקן טויט, ווייל זי האָט נישט געקאָנט אויס־האַלטן דעם צער צוליב זיין אָפּקערן זיך פון דרך־הישר...

קוים עטלעכע טעג אינדערהיים, האָט ברוינפעלד אָנגעהויבן איינזען, אַז דאָ איז פאַר אים מער קיין פּלאַץ נישטאָ, סיידן, ער זאָל זיך טאַקע אַזוי ווי אַלעק־סאַנדער פון א. ווייטערס דראַמע, אַריינזעצן אין קלויז און זיך דאָרט אַלס בעל־תשובה איזאָלירן פון דער איבעריקער וועלט און צו דעם, האָט ברוינפעלדן אויס־געפעלט מוט, ווייל ערגיץ אין אַ ווינקעלע פון זיין באַוואוסטזיין האָט געטליעט אַ פונק פון מורא, אַז ער וועט עס נישט אויסהאַלטן.

ברוינפעלד איז ערשט געוועזן צוואַנציק יאָר אַלט און כאָטש ער האָט גע־מיינט, אַז ער האָט שוין אַלץ מיטגעמאַכט אין לעבן און אַז ער ווייסט שוין אַלץ האָט ער דאָך פּאַקטיש נאָך גאַנץ ווייניק געלעבט און זיינע יונגע יאָרן האָבן אים גערופן צום לעבן און צום קאַמף פאַרן לעבן און איינזעענדיק, אַז אין פאָטערס הויז וועט ער לאַנג נישט אויסהאַלטן, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן אין דער ווייַ־טער גרויסער וועלט און טאַקע וואָס ווייטער פון זיין געבוירן־שטאָט און פון

זיין פּאַטערס הויז, כדי עס זאָל זיך אים פּלוצלינג נישט פאַרגלוסטן נאָך אמאָל אומצוקערן זיך אַהיים.

עס האָט נאָך גענוג לאַנג געדויערט ביז ער האָט באַוויזן זיך אַרויסצורייסן אויף דער גרויסער וועלט, נאָרד־אַמעריקע האָט שוין געמאַכט אַ סך שוועריקייטן צו קענען אַריינקומען אין די טויערן פון פרייען לאַנד און ברוינפעלד האָט באַשלאָסן — זאָל זיין אַרגענטינע.

אויך דאָס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען, ווייל כאָטש די נײַ־באַפרייטע פּוילן האָט געשריגן „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני", האָט אָבער די רעגירונג נישט אַרויסגעלאָזן קיין יונגע, מיליטער־פליכטיקע בחורים און ברוינפעלד האָט באַדאַרפט קודם זיך אַריבערבאַקומען קיין דייטשלאַנד, כדי פון דאָרט צו קענען פאָרן ווייטער.

און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט ברוינפעלד באַזוכט דאָס נאָך־נישט געצוימטע קבר פון זיין מוטער, פאַרגאָסן דאָרט אַ טרער, וואָס דאָס צוגעטרוקנטע בערגל ערד האָט זשעדנע איינגעזאַפּט אין זיך און אויפצומאָרגנס, איז שוין ברוינפעלד געזעסן אויף אַ באַן און געפאָרן אויף דעם אָנהויב פון זיין וועג אין דער ווייטער וועלט אַריין.

די טעטיקייט, דאָס באַמיען זיך אַרום דעם אַרויספאָר זיינעם, האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אָן אַלץ וואָס ער האָט ביז היינט איבערגעלעבט און זיינע בליקן האָבן נאָר געקוקט פאָרווערטס און זיינע געדאַנקען זיינען געווען אָנגעפּולט מיט דערוואַרטונג אויף דעם וואָס דאַרף ערשט קומען, אויף דעם נייעם מאָרגן וועלכן ער דאַרף באַגעגענען אין דעם ווייטן לאַנד, וואו ער דאַרף בויען זיין צוקונפט.

פונדעסטוועגן, פאַרנדיק אויף דער שיף פון ברעמען, ווי נאָר די ברעגן צו וועלכע ער האָט כסדר צוריקגעקוקט, האָבן אָנגעהויבן פאַרבלאַסן ביז זיי זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן, דעמאָלט האָט ברוינפעלד ערשט אָנגעהויבן פילן אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו זיין אַלטער היים און די אַלע איבערגעלעבטע טעג, וועלכע האָבן אים ד אָ ר ט אַזוי שווער געדריקט אויף זיין געמיט, האָבן אויף זיך גענומען אַזאַ גאָלדיקן גלאַנץ, וואָס האָט אים גענומען לאָקן און געוועקט בענקעניש און אַ פראַגע־צייכן האָט גענומען קיצלען זיין געמיט מיט דער פראַגע, צי דער מאָרגן וואָס דערוואַרט אים, וועט טאַקע זיין שענער און בעסער, ווי דער נעכטן פון וועלכן ער איז איצטער מיט אַזאַ אימפּעט אַנטלאָפן...

און מיט דעם גרויסן פראַגע־צייכן וואָס האָט געציטערט אין האַרצן צווישן זיין נעכטן און מאָרגן, איז ברוינפעלד אָנגעקומען קיין אַרגענטינע.

— ז —

קיין אַרגענטינע איז ברוינפעלד אָנגעקומען אין דעצעמבער 1921.

הילפלאָז ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, האָט ער זיך אַראָפּגייענדיק פון שיף געלאָזן מיטשלעפּן פון דער מאַסע אָנגעקומענע אימיגראַנטן דורך טויערן און טירן

צו די פֿאַרשידענע רעוויזיעס, ביז זיי זיינען אַרויסגעקומען אויף דעם גרויסן הויף פֿון „אימיגראַנטן־האָטעל“, וואו ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, צווישן די פֿילע צעטומלטע וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים.

יאָרן שפּעטער, ווען ברוינפֿעלד האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אָנקומען קיין אַרגענטינע, האָט ער זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס די דריי אידן האָבן גערעדט צו אים, ווען זיי זיינען צו אים צוגעקומען אויף דעם גרויסן הויף פֿון אימיגראַנטן־האָטעל; ער האָט זיך אויך נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס ער האָט זיי געענטפֿערט, ער געדענקט בלויז, אַז איינער פֿון די דריי האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל, קאָן ער מיט אים מיטגיין אַהיים, זאָגנדיק אים, אַז כאָטש נישט אין קיין פּאַלאַץ, וועט אים אָבער ביי אברהם פֿרידמאַן אין שטוב נישט זיין ערגער ווי דאָ, אין אימיגראַנטן האָטעל.

און ברוינפֿעלד האָט טאַקע קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די ערשטע עטלעכע טעג וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט ביי אברהם פֿרידמאַן אין שטוב נאָך זיין אָנקומען קיין בוענאָס איירעס.

אברהם פֿרידמאַן, אַ מיטל־הויכער איד מיט אַ שמייכלענדיק קיילעכדיק פּנים, באַצירט מיט געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס און מיט פֿריינטלעכע בליקן וואָס האָבן דורכגעוואַרימט דורך די דיקע ברילן־גלעזער, איז אַליין געווען אַ האָרע־פּאַשניק, אַ היטל־מאַכער, וואָס האָט שווער געהאָרעוועט צוזאַמען מיט זיין פּונקט אַזוי גוטהאַרציק ווייב, כדי צו קענען דערציען זייער איינציק זונדל יאַנקעלע און לאָזן אים שטודירן און מאַכן אים פֿאַר אַ דאָקטאָר.

אַליין אַ פֿאָלקס־מענטש מיט פּאָעטישע נייגונגען, וואָס דאָס שווערע לעבן האָט אים געשטערט צו ווערן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערע וואַרימע באַציאונג צו יעדן ניי־אָנגעקומענעם „גרינעם“ וואָס האָט עפּעס געקענט און פֿאַרמאָגט אין זיך אַביסל אינטעליגענץ און כדי צו קענען זאָרגן פֿאַר אַזעלכע, האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט פֿון אידישן אימיגראַנטן־שוץ־פֿאַראיין, געלאָפֿן מער פֿון אַנדערע טויער צום פּאָרט, זען די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, ריידן מיט זיי, אויספֿרעגן זיי, געבן זיי די ערשטע אָנווייזונגען און זאָגן זיי דאָס ערשטע וואַרימע וואָרט און אַ וואונדערלעכע זאַך, ווי אַזוי אברהם פֿרידמאַן האָט צווישן גרופּעס פֿון צענדליקער און אַפֿילו פֿון הונדערטער אידישע אימיגראַנטן אַרויסגעפֿונען די יחידים, די וואויל־קענעוודיקע, די אינטעליגענטערע און זיי האָט ער אָפּגעגעבן אַ טאָפּלטע אויפֿמערקזאַמקייט און אָנגעווייעט אויף זיי מיט ברייטהאַרציקער פֿאַמיליערער פֿריינטלעכקייט, וואָס האָט ווי אַ באַלזאַם געהיילט ביי די צעטומלטע „גרינע“ זייערע בענקשאַפֿטס־ווייען.

ווען ברוינפֿעלד איז אָנגעקומען אין פֿרידמאַנס שטוב, האָט ער דאָרט געטראָפֿן עטלעכע אינטעליגענטע יונגעלייט וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט אַ פֿריערדיקער שיף. צווישן זיי איז געווען אַ דענטיסט און אַ שרייבער און כאָטש עס איז געווען ענג, קוים איין שטוב מיט אַ קלייטל צום פֿראָנט, האָט זיך פֿרידמאַן גע־

וויצלט, אַז זיין פערל וועט שוין אויסריכטן די ווענט און עס וועט זיין פּלאַץ פאַר אַלעמען און פרידמאַנס ווייב, פערל, איז טאַקע געווען אַ גרויטע בריהטע. זי האָט נישט נאָר אויף אַ קונציקן אופן אויסגעבעט געלעגערס אין דעם קלייטל, נאָר זי האָט די אָרימע סעודות צו מיטיק און נאַכט־עסן אַזוי פאַרטיילט צו אַלע־מען, אַז קיינער איז פון טיש נישט אַוועק הונגעריק און נאָך יעדן נאַכט־עסן האָט פרידמאַן פאַרצויגן אַ ניגון און געמוטיקט די יונגע אימיגראַנטן מיטצוהאַלטן און אין דער אָרימער און דאָך אַזוי רייכער שטוב פון אברהם פרידמאַן, האָט יעדע נאַכט געקלונגען דאָס געזאַנג פון די האַרציקסטע און סענטימענטאַלסטע און אויך פון שטורמיש־פּאַטעטישע אידישע לידער פון ליידן און קאַמף.

מיט שפּאַסיקער פריילעכקייט האָט פרידמאַן פונדעסטוועגן דערמאָנט זיינע גרינע אורחים, אַז ער האָט זיי נישט אריינגענומען אַלס איידעמלעך אויף אייביקע קעסט, ער דאַרף דאָ האָבן פּלאַץ פאַר נייע וואָס וועלן אָנקומען און אגב זיינען זיי דאָך נישט אָנגעקומען אַהער כדי צו בלייבן זיצן ביי אים, נאָר צו זוכן אַ תכלית און אַזוי האָט ער טאַקע יעדן טאָג אַוועקגעשיקט אַן אַנדערן אויף געוויסע אַדרעסן צו אַרבעט, אָדער אַרויסגעשיקט מיט רעקאָמענדאַציעס אין פאַרשידענע פּראָווינץ־שטעט אויף לערער־פּאָסטנס און נאָך פינף טעג, איז אויך געקומען די ריי צו ברוינפעלדן, ער איז מיט אים אַוועק צו דער אימיגראַציע־די־רעקציע וואו ער האָט באַקומען פאַר ברוינפעלדן דעם רעגלאַמענטירטן אומזיסטן באַן־בילעט*) צו פאָרן אין אַ שטעטל פון פּראָווינץ ענטרע ריאָס און נאָך אין זעלבן טאָג, האָט פרידמאַן אים באַגלייט צו דער באַן און ברוינפעלד האָט זיך געלאָזן אויף דעם וויטן פלאַכן וועג אין דער טיף פון דער ווייטער פרייער מדינה אַרגענטינע.

— ח —

די פינף יאָר וואָס ברוינפעלד האָט פאַרבראַכט אין דעם וויטן פּראָווינץ־שטעטל, האָבן זיך פאַר אים געצויגן ווי פינף לאַנגע אייביקייטן.

די ערשטע צייט, ווען אַלץ איז פאַר אים נאָך געווען ניי, האָט ער פאַר אַלץ אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס. ער איז אַרומגעפאָרן און זיך באַקענט מיט די אַרומיקע אידישע קאָלאָניעס, ער האָט בעת זיין אָנקומען גראָד אָנגעטראָפן אויף שניט־צייט, אָדער ווי מען האָט עס דאָרט גערופן — „קאָסעטשע" און דאָס גע־זאַנג וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון דער הייליקער אַרבעט, האָט ברוינפעלדן ממש פאַרשיכורט.

אָבער שפּעטער־צו, ווען זיין אויג האָט זיך שוין צו אַלץ געהאַט צוגע־וואוינט און די טעג האָבן אָנגעהויבן קומען אָן שום אָפּוועקסלונג און נאָך שפּע־

*) לויט אַ רעגלאַמענט פון דער אַרגענטינער אימיגראַציע־דירעקציע, האָט יעדער אימיגראַנט באַקומען אַ פרייען באַן־בילעט צו קענען פאָרן אין אינערן פון לאַנד, אַפילו ביז צו די ווייטסטע געגנטן.

טער, ווען די ווינטער־טעג זיינען געקומען און ער האָט געמוזט אויסקנעטן די טיפע בלאָטעס כדי צו קענען קומען אין שול אריין און הויפטזאַך, די בענקעניש נאָך געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, נאָך נייע מענטשן מיט וועלכע ער זאָל קענען קומען אין קאָנטאַקט, אָט־אָ די בענקעגישן האָבן פאַרלענגערט זיינע טעג אויף אייביקייטן, פון וועלכע ער האָט זיך אָבער נישט געוואָגט צו וועלן אַרויס־רייסן, מורא האָבנדיק, אַז עס זאָל אים אין הויפטשטאָט נישט ערגער זיין ווי דאָ, וואו ער האָט כאָטש אַ געזיכערט שטיקל ברויט און ער שפּאָרט נאָך אָפּ געלט.

איז ברוינפעלד געזעסן אין דעם פּראָווינץ־שטעטל, געלערנט מיט די קאַ־לאָניסטישע קינדער שרייבן און לייענען אידיש און געגעבן זיי אויך רעליגיעזן אונטערריכט, לויט די רעגלאַמענטן פון די „איקאָ״־שולן, וואָס האָבן געהאַט אין פּראָגראַם די „קורסאָס רעליכיאָסאָס״ און זיין איינציקע גרעסטע פריידע וואָס ער האָט געהאַט אין זיין פאַרבענקטקייט, איז געווען דאָס שרייבן קאָרעספּאָנדענ־ציעס צו „די פּרעסע״ אין בוענאָס איירעס און זיין גרעסטע באַפרידיקונג איז געווען, ווען ער האָט געלייענט די קאָרעספּאָנדענצן זיינע אָפּגעדרוקטע, כאָטש היפשלעך קאָרעגירטע.

דעם איינציקן קאָנטאַקט מיט דעם וויברירנדיקן אידישן לעבן אין בוענאָס איירעס, האָט ער נאָר געהאַט אַדאַנק די צוויי צייטונגען „די אידישע צייטונג״ און „די פּרעסע״ וואָס ער האָט באַקומען און איינגעשלונגען אַלץ, וואָס איז אין זיי געשריבן געוואָרן. עס האָט זיך אויך געמאַכט, אַז עס איז געקומען אַ גאַסט, אַ רעדנער, אָדער אַ קאַמפּיין־שליח פון הויפטשטאָט, דעמאָלט האָט ברוינפעלד אויפגעלעבט, ער האָט זיך געקהלט אַרום אים און ער האָט געזוכט צו באַרואיקן די געמיטער פון דעם גאַסטס אָנהענגער און קעגנער און אין אַזעלכע טעג, האָט ברוינפעלד פאַרגעסן אָן זיין בענקשאַפט, כדי אַ טאָג נאָך דעם אָפּפאָרן פון גאַסט, נאָך שטאַרקער צו בענקען.

אין שטעטל האָבן זיך לויטן מוסטער פון דער הויפטשטאָט, גרופּירט פאַר־שידענע יוגנטלעכע גרופּעס וואָס האָבן זיך באַקעמפט איינע די אַנדערע און ווי גערן ברוינפעלד וואָלט זיך געוואָלט באַטייליקן אין איינער פון די גרופּן, האָט עס זיך אים נישט איינגעגעבן, ווייל לויט זיין פּאָליטישער אָריענטאַציע, האָט ער נישט געקאָנט גיין מיט די רעכטע און די לינקע זיינען געווען אַזוי עקסטרעם לינק, אַז זיי האָבן אים נישט געוואָלט מוחל זיין דעם פאַקט, וואָס ער וואַרפט זיך אונטער דעם רעגלאַמענט פון די „קורסאָס רעליכיאָסאָס״. און ווען ער האָט זיי געוואָלט זאָגן, אַז דאָס דאַרפן זיי נישט קעמפן קעגן אים, נאָר קעגן די אויטאָריטעטן וואָס האָבן איינגעפירט דעם רעגלאַמענט, האָבן זיי אים אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן, זיי האָבן אים געסטעמפּלט אַלס רעכטן און אַזוי איז ער געבליבן צווישן רעכטס און לינקס אין זיין אייגענער בענקעניש.

די צייט האָט אים פאַמעלעך צוגעוואוינט צו דער איינטאָניקייט פון זיין לעבן און עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט שוין אַזוי פאַרבליבן אין דעם שטעטל נאָך

אויף לאַנגע צייטן, ווען מען זאָל זיך נישט געווען צו אים אַ נעם געטאָן מיט פּאַרלייגן אים שידוכים.

אַ חוץ וואָס ברוינפעלד האָט יעדן טאָג באַקומען צוגעשיקט די צוויי צייטונגען פון בוענאָס איירעס, האָט ער אין זיין אָפּגעשלאָסנקייט און איזאָלירטקייט פון די קעמפנדיקע גרופּעס, אָנגעהויבן אויסשרייבן פאַרשידענע ביכער פון הויפּשטאָט און די אָנגעקומענע פּעקלעך ביכער פאַר דעם לערער, האָבן געמאַכט אַ רושם אויף די שטעטלשע און אָרעמיקע קאָלאָניסטישע באַלעבאַטים און מען האָט זיך גענומען יאָגן נאָך דעם געלערנטן לערער און מען האָט אָנגעהויבן זוכן זיין געזעלשאַפט, מען האָט אים אָנגעהויבן פאַרבעטן אויף כיבוד און דורך פאַרשידענע אויסריידן האָט מען אים געזוכט צו באַקומען אַלס גאַסט אין די היימען וואו עס האָבן שוין געוואַרט אויסגעפּוצטע און לויט פאַרהעלטעניש — פיין־געקליידעטע סעניאָריטאַס און כאָטש מאַנכע פון זיי האָבן גאָר שטאַרק געווירקט אויף זיין יונגן געמיט, האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז דאָס פאַרבינדן זיך מיט אַזאַ מיידל, וועט אים אויך צובינדן אויף אייביקע צייטן צו דעם שטעטל אָדער קאָלאָניע און ער האָט געפילט, אַז לאַנג וועט ער דאָ שוין נישט אויסהאַלטן.

אויפּסלעצט האָט זיך נאָך געמאַכט, אַז איין באַלעבאָס וואָס האָט זיך „געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט" אַריינצובאַקומען דעם געלערנטן לערער פאַר זיין בת־יחידה, האָט זיך באַליידיקט פון ברוינפעלדס איידעלן אָפּזאָג און ער האָט אים גענומען רודפן, אויסטראַכטנדיק אויף אים אַלדאָס בייז און הויפּט־זאַך, אַז ער איז נישט קיין גוטער לערער, אַז די קינדער ווייסן ביי אים נישט קיין צורה פון אַן אלף און ער האָט אים אָנגעהויבן אַזוי אונטערגראָבן זיין פּאָזיציע, אַז ברוינפעלד, וועלכער האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ היפּשע סומע אין משך פון זיינע פינף יאָר לערערשאַפט, האָט אַ שפּיי געטאָן און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין פּלאַץ און לאָזן זיך אַהין, אין הויפּטשטאָט, וואו ער וועט נישט דאַרפן וואַרטן צוויי און אַמאָל מער טעג ביז עס קומען אָן די צייטונגען וואָס דערציילן אים וועגן אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און וועלכע שילדערן דורך די פאַרשידענע נאָטיצן דאָס אידישע לעבן אין בוענאָס איירעס, נאָר ער וועט זיין נאָענט פון דעם אַלעם, ער וועט מיטלעבן און מיטווירקן צו די אַלע שטרעבונגען און קאַמפן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און קולטור אין דעם נייעם, גרויסן און וואַקסנדיקן אידישן ישוב.

— ט —

ברוינפעלד האָט שוין געהאַט אַלץ, נאָך וואָס ער האָט געבענקט. ער איז שוין געווען אין הויפּטשטאָט, ער האָט שוין אָפּגעשטאַט אַ פּריינטשאַפטלעכן און דאַנקבאַרן וויזיט ביי אברהם פרידמאַן, וועלכער האָט אים זייער וואַרים אויפגענומען און פאַרגעשטעלט פאַר אים עטלעכע אידישע שרייבער, וואָס זיינען גראַד געווען ביי אים און ער האָט שוין באַזוכט זיין רעדאַקציע „די פּרעסע",

וועלכע האָט אַזוי אָפט געדרוקט זיינע קאָרעספּאָנדענצן, ער האָט זיך נאָכגע־פרעגט און געפאָרשט ווי אַזוי עס קאָן בעסער זיין זיך דאָ איינצואָרדנען און גאַנץ שנעל האָט ער זיך אָנגעהויבן אָנשטויסן אָן די אַלע פּראָבלעמען פאַר וועל־כע ער האָט זיך אין דעם פּראָווינץ־שטעטל אַזוי געשראָקן.

אין בוענאָס איירעס האָבן זיך שוין דעמאָלט פאַרמערט די גרופּירונגען וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער שאַפונג פון אַ וועלטלעך־אידישן שול־וועזן. עס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ וועלטלעך־אידישע שול אויפן נאָמען פון בער באָראָכאָוו, וועלכע איז ממש מיט מסירת־נפש אויפגעהאַלטן געוואָרן פון אַ גרופּע פּועלי־ציוניסטישע ענטוזיאַסטן פאַר דער אידישער שפּראַך און קולטור און ברוינפעלד, נאָכדעם ווי ער האָט דערציילט וועגן זיין אַקטואַציע ביי דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין ווין, איז פון די ענטוזיאַסטן זייער חברלעך אויפגענו־מען געוואָרן, אָבער אין און אַרום דער איינציקער קליינער באָראָכאָוו־שול, האָבן שוין אַקטואירט עטלעכע איבערגעגעבענע לערער, וועלכע האָבן זעלטן־ווען באַ־קומען אויסגעצאָלט זייערע קליינע געהאַלטן און נאָר אַדאַנק באַזונדערע פּריי־וואַט־לעקציעס וואָס זיי האָבן געגעבן, האָבן זיי געקענט אויפהאַלטן אין זיך דאָס ביסל חיות.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט נישט געקאָנט דערוווייטערן עמיצן פון די פריערדיקע לערער צוליב ברוינפעלדן, מען האָט אים נאָר געטרייסט, אַז מיט אויפקלערונגס־אַרבעט און קאַמף, און מיט דער פאַרגרעסערונג פון די קעמפע־רישע רייען, וועט מען קענען שאַפן נייע שולן, ביי וועלכע נייע לערער וועלן האָבן זייער פּלאַץ פאַר זייער לעבן און ווירקן.

און צוזאַמען מיט די אַנדערע ענטוזיאַסטן, האָט זיך ברוינפעלד אַריינגע־וואָרפן אין דעם אויפקלערונגס־קאַמף פאַר דער שאַפונג פון אַ געזיכערטן אי־דישן שול־וועזן און אין דער שיינער אַרבעט האָט ער געפילט אַ גרויסע גייסטיקע באַפרידיקונג.

זיין גאַנצע יוגנטלעכע ענערגיע וואָס איז געווען געפּענטעט אין משך פון די פינף יאָר פון זיין לערערשאַפט אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס, האָט זיך איצט גענומען אויסלאָדן אין ברוינפעלדס געזעלשאַפטלעכע קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט זיך דעמאָלט מערסטנס אָפּגעשפּיגלט אין קאַפע „קיאָטאָ", ווייל עס זיינען נאָך נישט געווען קיין לייטישע פּאַרטיי־דירות און די באָראָכאָוו־שול איז אויך געווען זייער נעבעכדיק און דער באַקוועמסטער פּלאַץ וואו מען האָט זיך געקאָנט „דורכשמועסן מיט אַ מענטש", איז געווען אין קאַפע־הויז.

דער גרויסער אימיגראַציע־שטראָם וואָס האָט אין משך פון די לעצטע עט־לעכע יאָר אַריינגעבראַכט קיין בוענאָס איירעס אַזויפיל נייע יונגע, באַוואוסט־זיניקע אידישע מענטשן, האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעזען אין אַלע געזעלשאַפט־לעכע קרייזן און אינסטיטוציעס און צעטיילונגען פון רעכטס און לינקס זיינען געוואָרן פילבאַרער און אומפּאַרטייאישע קולטור־פאַראיינען האָבן זיך געשפּאָלטן אויף רעכטע און לינקע, וואָס יעדע אָפּגעשפּאָלטענע גרופּע האָט שוין געפילט

גענוג כוח צו קענען מאַכן שבת פאַר זיך אַליין און שפּעטער האָבן זיך די אָפּגעשפּאָלטענע גרופּעס אויפסניי געשפּאָלטן און אין אַט דער תקופה פון שפּאַלטונגען, האָט עס אין קאַפע „קיאָטאָ" געזשומעט ווי אויף אַ יריד, דאָרט זיינען פאָרגעקומען די היציקע דיסקוסיעס און דאָרט איז עס אָפט געקומען צו פּעטש און סקאַנדאַלן און דאָרט האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּאָליציייאישע איבערפאַלן, וואָס האָט די אַלע דיסקוטאַנטן געמאַכט פילן ווי אמתע לעגיטימע רעוואָלוציאָנערן און מאַרטירער פאַר זייערע אידעאַלן.

ברוינפעלד איז מיטגעריסן געוואָרן מיט די אַלע שטורמען פון יוגנטלעכער באַגייסטערונג און קאַמף, נאָר קומענדיק אַהיים אין די שפּעטע פאַרטאָג־שעהן, אין זיין הילצערנעם דאַך־שטיבל וואו ער האָט געוואוינט און לייגנדיק זיך אין דעם שמאָלן אייזערנעם „סאָלטערסקע" בעטל, איז ער נאָך לאַנג געלעגן און געטראַכט און איבערגעטראַכט זיינע טואונגען פון פאַרגאַנגענעם טאָג און ער האָט אָנגעהויבן פילן, ווי עס פאַרלייגט זיך עפּעס אַ שווערקייט אויף זיין געמיט.

ער האָט אָנגעהויבן צוריקקוקן אויף זיין פאַרגאַנגענעם לעבן, ביז אַהין, דאָרט ווייט אין דער אַלטער היים, ביז אין בית־המדרש, וואו ער האָט אונטער דער גמרא געהאַלטן אַ ביכל און געלערנט דערפון און ווי אַנדערש ער האָט זיך דערמאָלט פאָרגעשטעלט דאָס פרייע לעבן אויף דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט!...

אין זיינע שמועסן מיט דעם באַהאַלטענעם משכיל, דעם שמש מענדל קאַלבישאָווער, האָט ער אַזויפיל געהערט וועגן דער שיינקייט פון בילדונג און וויסן און קולטור און די ליכטיקייט פון דער ציוויליזירטער וועלט און דעמאָלט האָבן זיי אויך גערעדט, אַז נאָר צווישן די פאַנאַטישע חסידים שלאָגט מען זיך און מען קריגט זיך און יעדער חסיד איז גרייט צו פאַרטיידיקן זיין רבין ביז בלוט, ווייל דער פאַנאַטיזם דערלויבט נישט קיין הנחות, ווייל דער פאַנאַטיזם איז פינצטערע עקשנות וואָס וויל זיך אַפילו נישט צוהערן צום קעגנערישן אַרגומענט; אָבער דאָרט, אויף דער גרויסער פרייער וועלט פון פאָרשריט און קולטור, דאָרט קוקן די מענטשן אַנדערש אויף זאַכן און דערשיינונגען אין לעבן, דאָרט, אין דער ציוויליזירטער וועלט וואו עס הערשט ליכטיקייט אָנשטאָט דעם פינצטערן פאַנאַטיזם, קאָן מען זיך דאָך פאַרשטענדיקן איינער מיט דעם אַנדערן און עס קאָן געשאַפן ווערן דער גרויסער געפיל פון פאַרברידערונג, אויב נישט צווישן די קלאַסן, ביז זיי וועלן מיט דער צייט און דורך אַ פאַראייניקטן קאַמף אויסגעגליכט ווערן, איז כאָטש אַ פאַרברידערונג צווישן די מענטשן פון זעלבן קלאַס!...

און וואָס זעט ער, ברוינפעלד? דער קאַמף צווישן די מענטשן פון זעלבן קלאַס, גייט אָן נאָך אויף אַ פיל מער פאַנאַטישן אופן ווי דאָרט, צווישן די פאַנאַטישסטע חסידים; צוויי אַרבעטער וואָס אַרבעטן און ווערן עקספּלאָטירט אין זעלבן וואַרשטאַט, זיינען זיך דם שונאים, ווייל יעדער פון זיי האַלט אַז זיין שיטה איז די בעסטע און אַז זיין שיטה איז דער איינציקער גאָט וואָס קאָן ברענגען רעטונג פאַר דער מענטשהייט און ער גלויבט אַזוי פרום־פאַנאַטיש אין זיין „ליניע", אַז שוין דערפאַר וואָס דער אַרבעטס־חבר זיינער וואַגט צו צווייפלען,

איז ער אים אַ דם שונא און על באַטראַכט אים פאַר אַ שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט, פאַר אַ רענעגאַט, אַ פאַרעטער און פאַר אַלדאָס בייז...

אַזוי זיינען געווען ברוינפעלדס טראַכטענישן אין די פאַרטאָג־שעהן אויף זיין סאָלטערסקע געלעגערל אין דעם הילצערנעם שטיבל וואָס איז געשטאַנען אויפן דאַך פון דעם הויז אויף דער גאַס עקוואַדאָר וואו ער האָט געוואוינט, נאָר בייטאָג, ווען ער איז געקומען אין גאַס, געטראָפן זיך מיט חברים, איז ער באַלד מיטגעריסן געוואָרן צו ווייטערדיקער אַקטיוויטעט און ער האָט אַזוי מיטגע־שטורעמט אין די כסדרדיקע דיסקוסיעס און אַמפּערייען ביז עס איז ווידער גע־וואָרן שפּעט ביינאַכט און ער איז ווידער אַהיימגעקומען אין זיין עלנט שטיבל, וואו ער איז אויפסניי געלעגן מיט אָפענע אויגן אויף זיין בחוריש געלעגערל און געטראַכט זיינע פּייניקנדיקע טראַכטענישן.

נאָך ווייטיקלעכער און פּייניקנדיקער זיינען געוואָרן זיינע טראַכטענישן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּיינען.

עס איז ברוינפעלדן נישט געגאַנגען אין דעם, אַז מען דאַרף פאַרטיידיקן די רעליגיע, נאָר ער האָט געהאַלטן פאַר אַ חוזק צו מאַכן אַנטי־רעליגיעזע קאַמ־פּיינען אין אַ לאַנד, וואו די אידן זיינען מחלל שבת בפרסיה און וואו מען עסט טרפות און וואו דאָס פרומע אידישקייט איז רעדוצירט ממש ביז צום גאָרנישט־זאָגנדיקן מינימום.

ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אַ קאַמפּיין קעגן פאַנאַטיזם, קעגן דער פּינצטערער איינגעשפּאַרטקייט פון פאַנאַטישן גלויבן, אָבער אויב אַזאַ קאַמפּיין, וואָלט מען אים באַדאַרפט אָנפירן קעגן זיך אַליין, קעגן דער אייגענער פאַנאַ־טישער אומטאָלעראַנץ צום צווייטן, וועמענס אידעאַלן ציען אויף אַן אַנדערן וועג און ער האָט גאָר געטראַכט, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אָנהויבן אַ גרויסע אַרבעט, אַן אויפקלערונגס־אַרבעט אָנצוהויבן אַ קאַמפּיין פאַר קולטורעלער זעלבסט־דערציאונג, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן פריי פון די אַלע נייע פאַנאַטישע אַבער־גלויבנס, וואָס זיינען נאָר אַ שלעכטע פּאַראָדיע אויף דער אַלט־היימישער פאַנאַ־טישער פרומקייט...

און שלעכט איז געווען ברוינפעלדן, וואָס ער האָט אַפילו נישט געוואַגט עמיצן אַרויסצוזאָגן זיינע געדאַנקען, וויסנדיק, אַז מען וועט אים באַלד סטעמפּ־לען אַלס רעאַקציאָנערן פּינצטערלינג און אַז מען וועט אויף אים אויסגיסן די גאַנצע פּאַמוניצע מיט די אַלע ניי־געשאַפענע פּאָליטישע זידל־ווערטער; נאָר ווען עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ברוינפעלד האָט מיט געוויסע פראַזן דאָך געלאָזט פילן אַן אָנדייטונג פון זיינע טראַכטענישן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמילער געמורמל צווישן חברים און ער האָט אָנגעהויבן מערקן, אַז זיינע באַ־קאַנטע פון פאַרשידענע ריכטונגען, האָבן אים אָנגעהויבן איגנאָרירן און אויס־מיידן אים.

פאַר ברוינפעלדן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ שווער שטיקל צייט. צום אומגליק, האָט ער זיך נאָך געכאַפּט, אַז פון זיינע אָפּגעשפּאַרטע געלטער פון

פינף יאָר לערערשאַפט אויף דער פּראָווינץ, איז שוין באַלד גאָרנישט געבליבן און עס האָט אים אויך אָנגעהויבן פּייניקן די מאַטעריעלע זאָרג.

טראַכטענדיק, האָט ער געמוזט איינזען, אַז ער איז זיך אַליין שולדיק אין זיין שפּלדיקן מצב, ווייל ער טוט דאָך גאָרנישט אַז עס זאָל אים זיין בעסער! וואָס איז ער דען? וואָס איז זיין טון? און טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער זיך גע־כאַפּט, אַז ער איז אַ גאָרנישט, אַ נאָכשלעפּער, אַליין האָט ער נישט קיין ברעקל איניציאַטיווע, ער גייט נאָר מיט, בעסער געזאָגט, ער ווערט נאָר מ י ט ג ע־ ש ל ע פּ ט אין דעם טומלדיקן הו־הא פון פאַרשידענע אמתן, וואָס קיין איינער פון זיי קאָן נישט ברענגען די זעלישע, די נשמהדיקע רואיקייט און דעם גלעטנ־דיקן בטחון, אַז דער מאָרגן וועט זיין שענער פון דעם היינט און פון דעם נעכטן.

ברוינפעלדן איז געווען זייער שלעכט. עס איז אים געוואָרן איבערדריסיק דער קאָפּ מיט די טומלדיקע דיסקוסיעס און דאָך, האָט אים געצויגן צו זיי ווי די שענק ציט דעם שיכור. אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן באַ־דויערן פאַרוואָס ער איז נישט געבליבן אין דער איקאַ־שול אויף דער פּראָווינץ, האָט ער אויך געפילט, אַז ער וואָלט דאָרט נישט געווען אויסגעהאַלטן און אגב, אויב בענקען נאָך דעם שטיקל ברויט און די מנוחה וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אַלס לערער, איז דאָך אים אין דער אַלטער היים, ביי זיינע פרומע טאַטע־מאַמע געווען נאָך בעסער און דאָרט וואָלט ער דאָך שוין זיכער היינט געווען אַ לייטי־שער באַלעבעסל מיט אַ זיכערן טראָט אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון זיינע אבות־אבותינו...

טראַכטנדיק פון דעם וואָס ער וואָלט שוין היינט געווען, ווען ער בלייבט דאָרט אין זיין אַלטער היים, האָט ברוינפעלד געפילט אַ נאָגעניש און אַ קלעמע־ניש אין זיין האַרצן און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קלעמט אים אַזוי זיין עלנט־קייט, זיין איינזאַמקייט, זיין בחורשע איינזאַמקייט און דער געדאַנק, אַז דאָרט, אין דער אַלטער היים, וואָלט ער שוין זיכער געווען חתונה געהאַט און געהאַט אַ ליב ווייב, האָט אים געוואָרימט און געגלעט זיין פאַנטאַזיע...

און דעמאָלט איז עס געשען, וואָס ברוינפעלדס בענקשאַפטס־ווייען, זיינען דורך אַ צופאַל געשטילט געוואָרן.

ברוינפעלד איז קראַנק געוואָרן. נאָך אַן איבערגעכאַפּטער מאָס פאַרביטע־רונגען וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין קאַפע־הויז, איז ער אַהיימגעקומען אין זיין אומעטיקן הילצערנעם דאַך־שטיבל, זיך אַוועקגעלייגט אויפן שמאָלן בעטל און וויפל ער האָט זיך נישט באַמיט צו דערמאָנען אַן עפּעס אַ זייער וויכ־טיקער זאַך כדי צו קענען טראַכטן וועגן איר, האָט ער זיך די זאַך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען, עס האָבן זיך אים בלויז געמישט אין קאָפּ פאַרשידענע גע־דאַנקען אַן אַ טאַלק, ביז ער איז איינגעשלאָפן און ווען ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון שלאָף, האָט ער געפילט, אַז ער ברענט פון פיבער...

— י —

אין זיין עלנטן הילצערנעם דאך־שטיבל, וואלט ברוינפעלד געקאנט אזוי אויסגיין ווי א ליכט אין זיין איינזאמקייט, ווען די באלעבאסטע פון הויז זאל זיך נישט געווען כאפן, אז מען זעט שוין נישט דעם „סאלטרא" אויפן הויף א צווי אדער דריי טעג.

זי האט אפילו א טראכט געטאן, אז אפשר איז ער גאר נישט אהיימגעקומען, פונדעסטוועגן, האט זי באשלאסן, אז מען דארף א קוק טאן און ווייל זי האט מיט אירע רעאומאטיזירטע פיס נישט געקאנט זיך אזוי לייכט ארויפשלעפן אויף די שמאלע הויכע טרעפלעך ביז צום דאך, האט זי געשריגן צו דער טאכטער: — קאטיא, קאטיא, גיב נאר א קוק צום סאלטרא, זע צי ער איז דא אינדערהיים, ווייל איך זע אים שוין נישט זייט עטלעכע טעג.

און אזוי האט זיך די ענקארגאדעכע דערוואוסט, אז ברוינפעלד ליגט א קראנקער אין הייסן פיבער, זי האט זיך שוין מיט שווערער מי אליין ארויפגעשלעפט צו אים און א קוק געטאן צום קראנקען און דערנאך האט זי מיט קאטיאן כסדר ארויפגעשיקט א גלאז מילך, אביסעלע זופ און גלאט אזוי א קוק טאן צו אים, ווייל ער איז געלעגן אין א זייער שווערן צושטאנד.

אין זיין פיבערדיקן צושטאנד, האט זיך ברוינפעלדן צוערשט אויסגעוויזן, אז ער ליגט אין זיין אלטער, אמאליקער היים און זיין גוטע מאמע שטייט נעבן אים און רעדט אים צו, אז ער זאל אויסטרינקען דאס גלאז מילך; איינמאל האט זיך אים אפילו אויסגעוויזן, אז ער געפינט זיך דארט, אין טארטאק, נעבן טארנאוו און ער ליגט א פארקילטער אין בעט און ר' נתנס ווייב דערלאנגט אים צו טרינקען; אבער נאך א צווי טעג, האט ער זיך ערשט געכאפט וואו ער געפינט זיך, ער האט זיך געכאפט צוליב דער פרעמדער שפראך וואס ער האט געהערט און ער האט געקוקט און געזען, אז דא שטייט גאר דאס מיידל, דער ענקארגאדעכעס טאכטער, וועלכע האט זיך אלעמאל קעגן אים אזוי שטאלץ געהאלטן, אז ער האט קיינמאל נישט געוואגט מיט איר אויסריידן א ווארט.

איצט איז זי גארנישט דיזעלבע. זי איז נישט שטאלץ. זי קוקט אויף אים מיט מיטפילנדיקע בליקן און ווען זי פרעגט אים אויף שפאניש ווי ער פילט זיך, פילט ער אזא שוועסטערלעכע ווארימקייט אין איר שטים און ער דאנקט איר פאר איר באמיאונג ארום אים.

ווען זי איז ארויס פון זיין שטיבל, האט ער זיך מיט פארשפיצטע אויערן צוגעהערט צו איר גאנג אויפן דאך און דערנאך די פארזיכטיקע טריט אירע. ווען זי איז אראפגעגאנגען פון די טרעפ און ווען ער האט מער גארנישט געהערט, האט ער אנגעהויבן ווארטן און בענקען, ביז ער האט ווידער דערהערט אירע טריט, ווי זי גייט ארויף צו אים און עס איז אים געווען זייער גוט אזוי צו ווארטן און צו האפן אויף עפעס, ווייל דאס האט אפגעצויגן זיינע געדאנקען פון אנדערע טרויעריקע טראכטעניש.

נאָך עטלעכע מאָל ווי קאַטיאַ איז געווען ביי אים, האָט שוין ברוינפעלד באַשלאָסן, אַז זי איז אַ זייער וואויל מיידל און כאָטש עס איז אים אביסל פּריקרע וואָס זי קען נישט ריידן קיין אידיש, זי פאַרשטייט בלויז וואָס ער רעדט צו איר אויף אידיש, נאָר ענטפערן, ענטפערט זי אים אויף שפּאַניש, האָט ער אָבער פעסטגעשטעלט, אַז אירע אויגן דריקן אויס אַזויפיל אידישן חן און בענקנדיקע צאַרטקייט, אַז ער איז איר מוחל געווען וואָס זי קען נישט קיין אידיש און עס איז איבעריקנס גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס ער האָט זיך אין זיין איינזאַמען און קראַנקען צושטאַנד פאַרליבט אין איר.

קאַטיאַ איז געווען די יונגסטע טאָכטער ביי אירע טאַטע־מאַמע. זי האָט געהאַט צוויי עלטערע ברידער און איין שוועסטער, אַלע פאַרהייראַטע און די ברידער שוין מיט קינדערלעך. אירע עלטערן זיינען שוין געווען אַלטע תושבים אין אַרגענטינע. זיי זיינען געקומען אַהער נאָך אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, זיי האָבן געזאָלט זיך באַזעצן אויפן קאַמפּ און ווערן קאָלאָניסטן, אָבער עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז זיי זיינען געבליבן אין שטאָט, דער פאָטער האָט זיך גענומען צו מסחר, ווי געוויינלעך, מיט אַ פּעקל איבער די גאַסן און עס איז אַוועק גאַנץ גוט, עס איז געווען נישט בלויז פּרנסה, נאָר מען האָט נאָך געשפּאָרט אַ סענט און קינדערלעך זיינען געבוירן געוואָרן און מען האָט זיי דערצויגן לויט דעם דעמאָלטיקן היגן שטייגער, די אינגלעך האָבן אַ קורצע צייט געלערנט אין אַ תלמוד־תורה, נאָר די טעכטער האָבן בלויז באַזוכט די שולן און אָנשטאָט די עלטערן זאָלן די קינדער אויסלערנען ריידן אידיש, האָבן זיי זיך ביי די קינדער אויסגעלערנט ריידן שפּאַניש און אויב די קינדער האָבן כאָטש פאַרשטאַנען אַ אידיש וואָרט, איז עס נאָר געווען אַדאַנק דעם, וואָס ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך צעקריגט, האָבן זיי זיך געקריגט אויף אידיש און אויך אביסל פון דעם, וואָס די עלטערן האָבן זיי גאַנץ אָפט מיטגענומען אין אידישן טעאַטער.

מיט צוויי יאָר צוריק, באַלד נאָכדעם ווי קאַטיאַס שוועסטער האָט חתונה געהאַט, איז דער פאָטער קראַנק געוואָרן, ער האָט לאַנג געקרענקט און אַ סך פאַרקרענקט און ווען ער איז געשטאָרבן און די קינדער זיינען געקומען זען וואָס פאַר אַ ירושה עס איז געבליבן, האָבן זיי נעבעך באַלד פעסטגעשטעלט, אַז זייער מכלומרשט רייכער טאַטע, האָט מער ווי חובות גאָרנישט איבערגעלאָזן און בלויז אַ צוויי חדשים נאָך דעם פאָטערס אָפּשטאַרבן, האָט קאַטיאַס מוטער געמוזט אָנהויבן אַרבעטן און אַ נס וואָס זי האָט געהאַט אַ מאַשין, האָט זי אָנגעהויבן נייען וועסטלעך וואָס מען האָט איר צוגעשטעלט צוגעשניטענערהייט און קאַטיאַ האָט איר געמוזט העלפן אין דער אַרבעט, כדי זיי זאָלן פאַרדינען גענוג אויף צו לעבן.

ווען ברוינפעלד האָט געדונגען ביי זיי דאָס דאַך־שטיבל, איז עס געווען נישט לאַנג נאָך איר פאָטערס טויט און קאַטיאַ איז דעמאָלט און אַ צייט שפּעטער נאָך אַלץ געגאַנגען שטאָלץ, מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ און זי האָט זיך

אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דעם „גרינגאַ”; אָבער די צייט, די אַרבעט און דאָס שווערערע לעבן, האָט פּאַמעלעך געבראָכן איר שטאָלץ און איר מוטערס אַריינ־זאָגענישן האָבן צוגעהאָלפן, אַז זי זאָל זיך אויפהערן איינריידן פויגעלעך אין בוזעם און דעמאָלט האָט שוין קאַטיאַ אָנגעהויבן וואַרטן אויפן הויף ביז ברוינ־פעלד וועט אַראָפּגיין פון דער הויך, זי האָט שוין געוואַרט אַז ער זאָל פּרוּוון ריידן צו איר, אָ, איצט וואָלט זי אים שוין געענטפערט ליבלעך, נאָר ער, ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט צו איר, ווייל ער האָט זי נאָך אַלץ געזען ווי די ערשטע צייט, ביז זיין אָוועקפאָלן האָט געענדערט די גאַנצע לאַגע.

דאָס יונגע פּאָרל איז שוין געווען פאַרליבט און די מוטער האָט שוין גאַנץ אָפט געמוזט אַרויפשרייען צו דער טאָכטער: — קאַטיאַ, וואָס זוימסטו דאָרט אויבן אַזוי לאַנג?...

און אַזוי האָט זיך געמאַכט, אַז עטלעכע וואָכן שפּעטער זיינען זיי געוואָרן חתן־כּלה און נאָך עטלעכע חדשים שפּעטער האָט ברוינפעלד מיט איר חתונה געהאַט.

— יא —

עס איז פאַראַן אַ ווערטל, אַז — „ווי איינער איז צו זיבן, אַזוי איז ער צו זיבעציק” און ברוינפעלד האָט מיט זיין אויפירונג באַשטעטיקט די אמתדיקייט פון דעם ווערטל.

זינט ער האָט דאָס חתונה האָבן און ווערן אַ פאַמיליען־מענטש אַריינגעפירט אַן ענדערונג אין זיין לעבן און ברוינפעלד האָט זיך אַפילו באַמיט צוצופּאַסן צו זיין נייעם לעבנס־אָרט, ער האָט מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די עצות פון זיינע שוואָגערס, אַז ער מוז אָוועקוואַרפן די אַלע נאַרישקייטן, מיט פּאַרטייען, מיט קולטור־טוּעריי, מיט קאַמף פאַר אידיש, מיט די אַלע געדאַנקען וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, ווייל דאָ איז אַמע־ריקע, דאָ דאַרף מען זוכן צו פאַרדינען אַ פּעניע, ווייל פאַר דער פּעניע באַקומט מען אַלץ און אָן דער פּעניע, קאָן מען פאַר אַ גאַנצן זאַק קולטור אין מערקאַדע גאָרנישט באַקומען.

קלמן האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע שוואָגערס רייד און ער האָט זיי געפּרוּווט פאָלגן; ער האָט גענומען אַ פּעקל אויף דער פּלייצע און איז אַרום איבער די ווייטע הינטער־געסלעך און געשריגן „קאָלטשאַס, קאַרפּעטאַס”, אָבער וואָס האָט ער געקאָנט העלפן דערצו, אַז די געדאַנקען וואָס ער האָט מיט־גענומען מיט זיך פון דער אַלטער היים, האָבן נישט געוואָלט אַרויס פון זיין קאָפּ און זיי האָבן אים ווידער אָנגעהויבן פייניקן און גייענדיק אַזוי איבער די פרעמ־דע ווייטע געסלעך, האָט ער געמוזט נעמען אַריינטראַכטן זיך אין זיין לאַגע און ער האָט אָנגעהויבן פרעגן ביי זיך אַליין: — איז דאָס דער תכלית צו וועלכן איך האָב זיך דערשלאָגן נאָך אַזויפיל ליידן און קאַמף? צי האָט זיך צוליב דעם גע־

לוינט צו לייענען ביכער באַהאַלטענערהייט און דערנאָך אַנטלויפֿן פֿונדערהיים כדי צו קומען צו אַזאַ מעמד? און צי קאָן ער כאָטש האָפֿן, אַז ער וועט אַמאָל קענען אָוועקוואַרפֿן דאָס לעסטיקע פּעקל און ווערן צוריק אַ מענטש? ווי אַזוי? ער האָט דאָך אַ ווייב און די פֿליכט וועט אים שוין צווינגען אויף אייביק אַזוי זיך אַרומצושלעפּן מיט דעם פּעקל איבער פֿרעמדע גאַסן און קלאַפּן אין פֿרעמדע טירן און שרייען „קאַלטשאַס, קאַרפּעטאַס!"...

נאָך ערגער איז אים געווען, ווען ער פֿלעגט אַהיימקומען. קאַטיאַ האָט גע־גומען דאָס לעבן פּונקט אַזוי ערנסט ווי איר מאַמע און זי האָט געוואוסט, אַז אַ מאַן דאַרף אַרבעטן און ברענגען פּרנסה און ווי געטריי און גוט זי איז געווען צו ברוינפֿעלדן, האָט זי בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין זיין אומצופֿרידנ־הייט מיטן לעבן און ווען ער האָט איר געפּרוּווט געבן פֿאַרשטיין, דערקלערן איר זיין גייסטיקע פּיין, האָט זי געקוקט אויף אים מיט פֿאַרטרערטע בליקן און געקוקט האָט זי אויף אים אַזוי, אַז ער האָט געפֿילט, אַז זי באַטראַכט אים ווי אַ געריבטן פֿון זינען...

נאָך ערגער איז אים געווען, ווען זיינע שוואָגערס זיינען געקומען אים מוסר זאָגן.

נאָך אַזאַ מוסר־לעקציע, האָט ער זיך געמוזט דערמאָנען אָן די מוסר־דרשות פֿון זיין פֿרומען פֿאָטער דאָרט אין דער אַלטער היים און ער האָט גע־מוזט ביטערלעך שמייכלען איבער זיין פֿינצטערן גורל וואָס האָט אים געשטויסן, אַז פֿון יענע האַרציקע מוסר־רייד פֿון זיין פֿאָטער איז ער אַנטלאָפֿן און דאָ דאַרף ער זיך צוהערן צום פּראָסטן גראָביאַנישן מוסר און צושאָקלען מיטן קאָפּ, פֿאַטאַקעווען, ווייל ער האָט פּשוט מורא, אַז זיי וועלן אים די ביינער צעברעכן...

לאַנג האָט עס נישט געדויערט און ברוינפֿעלד האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן פֿרעמד אין דער דאָזיקער שטוב און שנעל האָט ער אָנגעהויבן איינזען, אַז אויך קאַטיאַ איז אים ווילד־פֿרעמד, זי פֿאַרשטייט אים נישט און באַגרייפֿט אים נישט און זי רעדט נאָך אַלץ נישט קיין אידיש, כאָטש ער האָט זי שוין הונדערטער מאָל געבעטן, אַז באַדאַי זאָל זי ריידן שלעכט, אַבי אידיש און ער האָט פֿאַר־שטאַנען, אַז זי האַלט זיין אידיש פֿאַר איר גרעסטן אומגליק, ווייל ווייט איז איר וועלט־באַנעם פֿון זיינעם און פֿרעמד איז ער דאָ און ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן צוריק יאָווען אין די קאַפֿעען, ער איז אַרויס פֿונדערהיים מיטן פּעקל אויף דעם אַקסל, נאָר ער האָט שוין געפֿונען אַ פּלאַץ וואו מען קאָן דאָס פּעקל אָוועקלייגן אויף אַ צוויי שעה און אָנשטאָט צו גיין אין גאַס און אויסשרייען זיין אַרטיקל, איז ער אַוועק אין קאַפֿע, דאָרט איז ווי געווײנלעך אַלץ געבליבן ביים זעלבן, מען האָט דיסקוטירט און געשוויצט ביי די דיסקוסיעס און היינט איז נאָך צוגעקומען די נייעס וועגן דעם אויפֿשוואונג פֿון פֿאַשיזם אין פֿאַרשידענע לענדער און וועגן דעם צעוואַקסטן נאַציזם אין דייטשלאַנד און די דיסקוטאַנטן האָבן פֿאַרגעסן אַז קיין גוטס וועט דאָס נישט ברענגען אויף דער וועלט און פֿאַר אידן אַוודאי נישט און זייער אויספֿיר איז געווען, אַז פֿאַר אידן בלייבט

נישט קיין אנדער זאך, ווי שטרעקן די הענט און קלאמערן זיך צו דער זון וואס איז אויפגעגאנגען איבער די חורבות פון צארישן רוסלאנד, דארט אהין, צום ראטנפארבאנד, וואו אלע פעלקער געניסן פון פולער פרייהייט און וואו מען האט אפגעטיילט א גרויסע טעריטאריע וואס רופט זיך ב י ר א ב י ד ז ש א ן, וואס דער ראטנפארבאנד וויל פראקלאמירן אלס אידישע רעפובליק.

דאס הערנדיק, האט ברוינפעלד געפרואווט ווידערשפעניקן, פרעגנדיס — פארוואס עפעס ביראבידזשאן? פארוואס נישט פאלעסטינע? אויב עס ווערט שוין אידן ענג אויף דער גרויסער און ברייטער וועלט, טא פארוואס זאלן זיי נישט בעסער פאדערן די רעאליזירונג פון דער באלפור־דעקלאראציע, אז פאלעסטינע, אויף וועלכער מיר האבן אזויפיל היסטארישע רעכט, זאל ווערן דאס צוגעזאגטע אידישע לאנד?

אויף אזא אפיקורסות, האבן עטלעכע ביראבידזשאניסטן געענטפערט מיט איגנארירן אים, נאר איינער, א געוועזענער פועלי־ציוניסט, האט אים שארף א זאג געטאן: — איר זיינט אפשר גערעכט, נאר וועגן פאלעסטינע דארף מען ערשט פירן א לאנגן קאמף, וואס מען קאן נישט וויסן צי מען וועט אים געווינען, בעת דא, מיט ביראבידזשאן, איז עס שוין א פאקט און מיר דארפן, אויב נישט אליין פארן אהינצו, איז כאטש העלפן אין דער בויאונג פון דער גרויסער אידישער אויטאנאמער געגנט.

ליידנשאפטלעך און היציק ביז צו געשלעגן, זיינען אנגעגאנגען די דיסקוסיעס און ברוינפעלד, אנשטאט צו גיין מיטן פעקל זוכן פרנסה, איז ער אריינגעצויגן געווארן אין די דיסקוסיעס און נישט געפינענדיק קיין נחת אין זיין היים, ביי דער פארוויינטער פרוי, האט ער ווידער אנגעהויבן אויסבלייבן אין קאפע ביז שפעט אין די נעכט, קאטיא האט שוין לאנג איינגעזען, אז זי קאן זיך נישט פארלאזן אויף זיינע פארדינסטן און זי האט אנגעהויבן ארבעטן אזוי ווי פ א ר איר חתונה און ווען ברוינפעלד האט זיך מאמענטנווייז געפילט אז ער באגייט א זינד קעגן איר, האט ער זיך נאך שטארקער אריינגעווארפן אין דיסקוסיעס פון קאפע, כדי ער זאל נישט האבן קיין צייט זיך אפצוגעבן חשבון, אז ער לעבט ווי א פאראזיט אויפן חשבון פון דער פרוים פראצע.

ווי האט ער געקאנט האבן צייט זיך אפצוגעבן חשבון וועגן אזעלכע קלייניקייטן, ווען אין קאפע האט מען באהאנדלט גאנצע וועלט־פראבלעמען, פון וועלכע עס האט זיך אזוי שארף ארויסגעטיילט דער אידישער פראבלעם!

פון פוילן זיינען אנגעקומען די ידיעות וועגן פארשארפטן אנטיסעמיטיזם, וואס האט סיסטעמאטיש גענומען דריקן אויפן האלז פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג; אין דייטשלאנד איז היטלער געקומען צו דער מאכט און אידן ציטערן, אז היטלער זאל נישט פרואוון פארווירקלעכן זיינע פלענער וועגן צונעמען ביי זיי אלע רעכטן און זיי פארטרייבן אין באזונדערע געטאס און אין דערזעלבער צייט, זיינען אויך דא, אין ארגענטינע, פארגעקומען א רייע פאליטישע איבערקערענישן, די אימיגראציע־טויערן זיינען האלב־פארמאכט, וואוהין

זאלן לויפן די טויזנטער און צענער־טויזנטער אידן פון פוילן און פון דייטשלאנד? זאלן זיי לויפן קיין ביראבידזשאן, וואס איז זיי אינגאנצן פרעמד סיי פיזיש און סיי גייסטיק?

ברוינפעלד איז מסכים געווען, אז דער ראטנפארבאנד איז היינט טאקע דאס איינציקע לאנד וואו דער אנטיסעמיטיזם איז אונטערדריקט געווארן אויפן שארפסטן און פאזיטיווסטן אופן און ער האט גארנישט דאקעגן, אז יחידים און אפילו גרופעס זאלן פארן אהין, קיין ביראבידזשאן, און העלפן דארט צום דערפאלג פון עקספערימענט צו בויען א נייעם לעבנס־שטייגער אויף קאלעקטיווע יסודות; אבער, האט ער געטענהט, צי קאן מען דען פאדערן אז א גאנץ פאלק ווי דאס אידישע, וואס נאך צוויי טויזנט־יעריקן גלות האט עס נאך אלץ נישט פארגעסן און נישט אפגעזאגט זיך פון זיינע רעכטן אויף דעם אלטן היימלאנד, צי קאן מען דען פאדערן אז אזא פאלק זאל זיך צוליב ביראבידזשאן אפזאגן פון א טויזנט־יעריקער בענקשאפט?

ברוינפעלד איז שוין נישט געקומען אין זיין פארטיי און ער איז שוין לאנג נישט געווען אקטיוו און איז נישט געווען אין „קורס פון דער פועלי־ציוניסטישער פארטיי־טעטיקייט", אבער ער האט געפילט מיט אלע זיינע חושים, אז כאטש ער איז א קאמוניסט און אידעאלאגיש ווינטשט ער, אז דער ראטנפארבאנד זאל ווערן געשטארקט אין זיין נייער בויאונג, קאן ער זיך דאך אבער נישט אפזאגן, אז ווי לאנג עס עקזיסטירן גרעניצן פון לענדער, דארף אויך זיין א אידיש לאנד, וואו נגרודפטע אידן זאלן האבן א געזיכערטן פלאץ אונטער דער זון.

ער איז גרייט געווען צו שווערן, אז ער גיט אפ זיין קאפ פאר א קאמוניםטיש ארץ ישראל, אז ער וועט נישט מיד ווערן קעמפנדיק דערפאר, נאר פאר אן א ר ץ י ש ר א ל, פאר אן אייגענע היים, וואו דאס אידישע פאלק אלס גאנצעס, זאל האבן א זיכערן באדן אונטער זיך.

די קאמפן אין קאפעהויז האבן זיך געצויגן אומענדלעך און יעדער טאג האט פאר אלע שטרייטנדיקע צדדים צוגעבראכט נייע ארגומענטאציעס און עס האט אויסגעזען, אז אט־א די מענטשן אין קאפע, האבן איבערהויפט נישט קיין פריוואט לעבן, אז פאר ז י ך זיינען זיי שוין פארזארגטע, זיי דארפן בלויז די איבעריקע וועלט צו פארזארגן און יעדער האט עס דווקא געוואלט טאן נאר אזוי ווי ער פארשטייט עס...

אין דער אמתן, איז אבער ברוינפעלד גארנישט געווען פארזארגט; פארקערט, זיינע היימישע זארגן זיינען געוואקסן און זיי האבן אים פארטריבן פון דער היים אין קאפע אריין.

זיינע שוואגערס זיינען אפט געקומען צו אים מיט מוסר און לעצטנס האבן זיי אים גענומען דראען, אז זיי וועלן אים אפזוכן אין די קאפעען און אים מאכן א סקאנדאל, דאס האט אים גענומען שרעקן און ער האט זיך אנגעהויבן אומקוקן אויף א תכלית און אזוי ווי צום „פעקל" האט ער זיך בשום אופן נישט געוואלט אומקערן, האט זיך געמאכט אזוי, אז ער האט באקומען א לערער־פאסטן אין א

תלמוד־תורה און ווי שווער עס איז אים געווען דער איבערגאַנג פון דעם טומל־דיקן הר־הא אין קאַפע, צו דער רעגלמעסיקער טאָג־טעגלעכער לערערשאַפט אין תלמוד־תורה, האָט ברוינפעלד אָבער געוואוסט, אַז ער מוז דערשטיקן אין זיך אַלע אַנדערע נייגונגען, ווייל איצט, דאָ, אין תלמוד־תורה, קאָן ער האָבן אַ מער־ווייניק געזיכערט שטיקל ברויט און ער וועט מער נישט דאַרפן זיין דער פּאַראַזיט אויף זיין ווייבס חשבון.

— יב —

„די געוואוינהייט, איז די צווייטע נאַטור" — אָבער נישט אַזוי שנעל וויל די ערשטע נאַטור אָפּטרעטן איר פּלאַץ פאַר דער צווייטער.

נאָך אַלעם, איז דאָך ברוינפעלד געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, ער האָט אַ סך געלערנט און אַ סך געלייענט און איצט, אַלס לערער אין דער תלמוד־תורה, האָט ער געהאַט גענוג צייט נאָך צו לערנען און נאָך צו לייענען, נאָר נישט אַזוי שנעל האָט ער זיך געקאָנט נעמען צו לערנען און לייענען, ווייל דער איבערגאַנג צו דעם נייעם אַרט לעבן, איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען און ער האָט געמוזט אַ סך טראַכטן און איבערטראַכטן, ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו דערשטיקן אין זיך דעם חשק, דעם דראַנג אָדער די בענקעניש זיך ווידער אַריינצוכאַפּן אין קאַפע, צו די דיסקוסיעס, וועלכע זיינען אים שוין פריער געווען אַזוי איבערדריסיק.

און ווער ווייס, צי ברוינפעלד וואָלט געווען אויסגעהאַלטן דעם גרויסן נסיון, ווען דאָס גיין אין קאַפע זאָל נישט געווען אָנהויבן שמעקן מיט אַ פאַרשטאַרקטער געפאַר צו פאַרלירן די פרייהייט, ווייל כמעט יעדן טאָג, זיינען פאָרגעקומען פּאָליציייִשע אָבלאַוועס אויף דעם קאַפע „קיאָטאָ", די באַלעבאַטים פון קאַפע, די יאַפּאַנטשיקעס, האָבן מיט זייערע פאַרזשמורעטע שפּאַלט־אייגעלעך צוגעקוקט מיט אומבאַהאָלפנקייט, ווי מען פירט יעדן טאָג אַרויס אַנדערע גרופּעס פון זייערע אידישע שטאַמ־געסט, און וואָס אַ טאָג איז אין קאַפע דער עולם געוואָרן שיטערער און שיטערער, ביז ענדלעך האָט זיך דער קאַפע אינגאַנצן פאַרמאַכט און דער צענטראַלער זאַמל־פּונקט פון די היציקע דיסקוטאַנטן אויף קאָריענטעס און קאַסטעלי, איז אויפגעלייזט געוואָרן.

די מורא נישט צו פאַרלירן די פרייהייט, האָט ברוינפעלדן אַ סך צוגע־האָלפן אין זיין אינערלעכן קאַמף צו דערשטיקן אין זיך דעם דראַנג צו גיין אין קאַפע און כאָטש ער האָט עס זיך בשום אופן נישט געוואָלט צוגעבן, האָט ער אָבער געפילט, אַז אויב נישט אינגאַנצן, האַלט אים די מורא דאָך אין אַ היפּשער מאָס אָפּ פון צוריקגיין אין „דזשונגל", ווי ער האָט אָנגערופן דעם „קיאָטאָ", ווען ער איז אַוועק פון דאָרט נאָך די דיסקוסיעס אַ פאַרביטערטער.

מאָמענטנווייז האָט ער אַפילו אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זיין איבערגאַנג צו שטילער באַלעבעסלדיקייט, איז ביי אים נ י ש ט קיין איבערגאַנג פון אַן

ערשטער צו צווייטער נאַטור, נאָר פאַרקערט, אַז ביי אים איז עס גאָר אַ צ ו ר י ק ג א נ ג פון דער צווייטער נאַטור צו דער ערשטער. עס איז אים אַרויפ־געשוואומען אויפן געדאַנק, אַז אייגנטלעך, איז ער דאָך אַלעמאָל, טראָץ אַלע זיינע אינערלעכע דראַנגען, געווען אַ צוריקגעצויגענער מענטש און ביי אַלע זיי־נע בענקענישן, האָט ער דאָך אין תוך געגומען, ליב געהאַט די באַלעבעסלדיק־אינטעלעקטועלע רואיקייט, אין וועלכער מען קאָן זיך אָן שטערונג פאַרטיפן אין די פאַרשידענע פּראָבלעמען פון לעבן און זיי זען אין אַ ריכטיקערן שיין, ווי אינעם טימל פון פאַנאַטישע דיסקוטאַנטן, וועלכע נעמען אויף יעדע נייע דער־שיינונג, ווי אַן ערשטע און לעצטע געשעעניש וואָס מען דאַרף קעמפן פ א ר איר אָדער ק ע ג ן איר און זיי קוקן נישט און זעען נישט, אַז די געשעעניש האָט שוין נעכטן, הינטער זיך געלאָזן אַ סך אַזעלכע געשעענישן און אַז מאָרגן קענען די זעלבע געשעענישן ווידער קומען אין אַ נייער פאָרם, וואָס זאָלן צו־נישט מאַכן זייערע איצטיקע באַשלוסן.

אַט האָט ער אַליין אָנגעהויבן זיין לעבן מיט לערנען אין חדר, דערנאָך אין קלויז און דערנאָך לייענען ביכער און זוכן נייע וועלטן אין זיי און פאַרלאָזנדיק די אַלטע וועלט, האָט ער זיך באַזעצט אין דעם גוט אַלס לערער פון גוטבאַזיצערס קינדער און דאָרט האָט ער ווייטער געלערנט און געלייענט די קלאַסישע ליטע־ראַטורן און שפּעטער, זיינע איבערגאַנגען ביז ער איז געקומען קיין ווין, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן פילן דעם רייץ פון שטיין אין די קאַמפּס־רייען פאַר אַן אידעאַל, צי האָט ער נישט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן בענקען נאָך זיין רואיקן נעכטן, צום הויז פון זיינע פרומע טאַטע־מאַמע?

ערשט איצט, האָט ברוינפעלד געפילט דעם גרויסן ווייטיק פון זיין מאַמעס פריצייטיקן טויט, ווייל וואָלט זיין גוטהאַרציקע מאַמע נאָך געווען געלעבט, וואָלט ער דעמאָלט אפשר געווען געבליבן אינדערהיים און וואָס וואָלט ער געווען פאַר־לוירן ווען ער בלייבט אַזוי אינדערהיים? וואָס האָט ער דאָ דערגרייכט אין דער ווייטער אַרגענטינע? פינף יאָר, אפשר די שענסטע און וויכטיקסטע פינף יאָר פון דעם מענטשלעכן לעבן, האָט ער פאַרבראַכט אַלס לערער פון „קורסאָס רעַ־ליבּאַסאָס" אין דעם ווייטן פּראָווינץ־שטעטל, וואו ער האָט זיך אויסגעהיטן נישט אַריינגעצויגן צו ווערן אין די שטרייטיקייטן צווישן לינק און רעכט און אַט, נאָך אַ לאַנגער צווישנצייט פון בלאָנדזשענישן און בענקענישן אינדערמיט פון דעם גרויסן טומלדיקן הו־הא פון ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס, האָט ער זיך ווידער צוריקגעצויגן צו זיך אַליין, ער זיצט באַלעבעסלדיק אין זיין שטוב, ער האָט אַ ווייב וואָס פילט אים נישט און פאַרשטייט אים נישט און זי איז אים בלויז געטריי ווי אַ גוטע שטוב־חיה און יעדן טאָג גייט ער אין תלמוד־תורה, לערנט דיזעלבע אינגלעך אידיש און דאַווענען, צי הייסט עס נישט, אַז ער איז אין תוך געגומען אַ באַלעבעסלדיק פיליסטערל, נאָר מיט קליינע און אָרימע השגות? . . .

זייער אָפט האָט זיך ברוינפעלד אין דער צייט פון זיין לערערשאַפט אין

דער תלמוד־תורה פאַרטיפט און אָפּגעגעבן זיך אַ חשבון־הנפש און נישט איינמאָל האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, וואָלט פאַרט כדאי געווען איבערצולאָזן דאָס אַלץ און אומקערן זיך אַהין, צוריק, צו אַלטער פרומער אידישקייט, ווייל אויב שוין זיין באַלעבעסלדיק, זאָל עס כאָטש זיין מיט דער פרומער גלויביקער מנוחה פון זיינע אבות־אבותינו...

ווען צוריקפאָרן קיין פוילן, האָט ער שוין נישט געקאָנט טראַכטן, ווייל די ידיעות פון דאָרט זיינען געווען מער ווי טרויעריקע; נאָר אפילו דאָ, אויפן פּלאַץ, אפילו אין דער נישט־פרומער סביבה, וואָלט אמתע איבערצייגטע גלויביקייט אין פרומקייט אויך געקאָנט ברענגען אַ באַפרידיקונג פאַר זיין געמיט.

אָפט האָט ברוינפעלד געטראַכט וועגן דעם, אָבער קיינמאָל האָט ער אפילו נישט געפּרוּווט צו פאַרווירקלעכן זיינע טראַכטענישן און דאָס האָט אים נאָך מער איבערצייגט, אַז ער איז עפּעס אַ גאָרנישט, אַ מענטש אָן אַ פעסטער איבערצייגונג און דערפאַר איז ער אויך אָן אַ ווילן.

אין זיינע טראַכטענישן וועגן פעסטער איבערצייגונג, האָט ער ווידער גע־מוזט זען דעם נעכטיקן פאַנאַטיזם פון זיין פרומען טאַטן און דעם היינטיקן פאַ־נאַטיזם פון די פאַרטיי־מענטשן און אויב אַ פעסטע איבערצייגונג, אַן אידעאַל, מוז דווקא דערגרייכן ביז צום העכסטן שטאַפּל פון פאַנאַטיזם, טאָ וועלכן פון די צוויי פאַנאַטיזמען דאַרף מען אויסקלויבן? ברוינפעלד דערמאָנט זיך אַ גע־דיכט פון וויטאָלד אויערבאַך, אין וועלכן ער פרעגט:

> ווער קאָן מיר זאָגן אין וואָס גליק באַשטייט?
> וואָס לייכט און גלאַנצט און נישט פאַרגייט?...

און ער פרעגט ביי זיך אַליין: — וועלכער נעכטיקער אידעאַל איז נאָך היינט געבליבן ביים פולן גלאַנץ און ווי לאַנג וועט געדויערן דער גלאַנץ פון דעם היינ־טיקן אידעאַל און צי וועט דער היינטיקער פאַרטיי־פאַנאַטיזם נישט מוזן אָפּ־טרעטן דעם פּלאַץ פאַר נייע אידעאָלאָגיעס, וואָס וועלן פאָדערן אַ נייעם פאַנאַ־טיזם, פונקט אַזוי ווי דער נעכטיקער פאַנאַטיזם פון די חסידים האָט זיך איבער־געפּלאַנצט אין די היינטיקע פאַרטיי־פאַנאַטיקער?

ברוינפעלד האָט געהאַט געגוג צייט צו טראַכטן און די געשעענישן אויף יענער זייט ים, דאָס אַרויסשיקן די פוילישע אידן פון דייטשלאַנד וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן אַלס פּרוּוו צו דערגרייכן זיין פינצטערן פּלאַן פון פולקאָמער אידן־אויסראָטונג, דאָס קאַפּיטל זבאָנשין און „קיינעמס לאַנד" וואו אידן האָבן זיך געמאַטערט צווישן די גרעניצן פון דייטשלאַנד פונוואַנען מען האָט זיי אַרויסגעטריבן און פון פוילן, זייער היימלאַנד, וואו מען האָט זיי נישט געלאָזן צוריק אַריינקומען, דאָס אַלעס האָט אים געגעבן גענוג שטאָף פון וואָס צו טראַכ־טן, נאָר אָנשטאָט די געדאַנקען זאָלן אים, אַלס קאָנסעקווענץ פון די געשעענישן, אַרויספירן אויפן ברייטן שליאַך צו די רייען פון די קעמפער קעגן דער פינצ־טערניש וואָס הויבט זיך אָן שפּרייטן אויף דער וועלט, האָבן זיי אים כסדר מער־

אַריינגעפּלאָנטערט אין דער נעץ פון איינזאַמע בענקענישן און פייניקנדיקן סקעפּטיציזם לגבי די נייע וועגן און זוכענישן פון נייע געטער פאַר דער מענטש־הייט.

דער פאַקט, וואָס די וועלט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קוקט מיט פאַר־מאַכטע אויגן אויף די געשעענישן אין היטלער־לאַנד און וואָס זי פאַרשווייגט שוין אַזויפיל יאָר דעם ריצין־אייל־רעזשים פון מוסאָליניןן און וואָס זי העלפט נאָך איצט צו, אַז אויך אין שפּאַניע, זאָל דער שוואַרצער מאָנסטער באַהערשן דאָס לאַנד, דאָס אַלעס האָט אין ברוינפעלדן אויסגעאַרבעט אַ קאָנצעפּציע, אַז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמען מיט זיין קומען אויף דער וועלט, איז נישט אַ ליכטיקער, ווי מען האָט אים געוואָלט באַ־זינגען, נאָר אַ פינצטערער יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן חרוב צו מאַכן אַלע קולטורעלע דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט.

— וואו איז אַהינגעקומען די גרויסע ווירקונג פון באַרביוסעס און רעמאַרקס אַנטי־מלחמה־ביכער? וואו זיינען די אַלע מיליאָנען וועטעראַנען וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט די אַלע שוידערן פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, וואו איז זייער כאַראַלער, מעכטיקער אויסגעשריי קעגן די אייפעריקע צוגרייטונגען צו אַ נייער בלוטיקער וועלט־שחיטה? צי זיינען נישט די מיליאָנען דייטשע לייענער פון רעמאַרקס אַנטי־מלחמה־ביכער היינט אין די רייען פון דער ברוינער נאַצישער בעסטיע?

און ברוינפעלד האָט באַשלאָסן, אַז נישט קיין ליכטיקער, נאָר אַ פינצטערער יאָרהונדערט איז דער היינטיקער, אַז דער היינטיקער יאָרהונדערט, איז אַ פינצ־טערער טאָג אין דער וועלט־געשיכטע, אַ פינצטערער טאָג וואָס איז געקומען נאָך דעם האָפענונגס־פולן טאָג פון ניינצנטן יאָרהונדערט און ער צאַפּלט זיך אונטער דעם גרויסן פראַגע־צייכן פון דעם, וואָס עס קאָן ברענגען דער מאָרגנדיקער יאָר־הונדערט.

און ברוינפעלד האָט אָנגעהויבן באַדויערן פאַרוואָס ער איז נישט געבוירן געוואָרן אין דעם נעכטיקן יאָרהונדערט, ווען ער וואָלט געקאָנט אין פרומען גלויבן רואיק אויסלעבן זיינע יאָרן אַזוי ווי זיינע אבות־אבותינו, אָדער פאַרוואָס עס איז נישט אָפּגעלייגט געוואָרן זיין געבוירן ווערן אויף דעם מאָרגנדיקן יאָר־הונדערט, ווען עס וועט אַוודאי, נאָך דעם היינטיקן פינצטערן טאָג אויפגיין אַ נייע זון איבער אַ שענערער וועלט, נאָר ער מוז זיך צאַפּלען מיט זיינע ווייטיק־לעכע גריבלענישן אין דעם ליידנפולן לאַבירינט צווישן דעם נעכטן, וועלכן ער האָט נישט געוואָלט פאַרזעצן און דעם מאָרגן, וועלכן ער וועט שוין זיכער נישט דערלעבן...

— יג —

ווידער זיינען יאָרן פאַרגאַנגען און ווען ברוינפעלד קוקט צוריק אויף זיין לעבן אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר, זעט ער אַ פאַרגליווערט וואַסערל און אינדערמיט פון דעם פאַרגליווערטן וואַסערל, זעט ער זיך אַליין, אַ פאַרגליווערטן.

זיין ווייב, קאטיא, איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק געשטאָרבן און ער איז ווידער געבליבן איינער אַליין און נאָך לאַנגע יאָרן ווען ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי עס קומט, האָט ער ווידער אָנגע־הויבן טראַכטן און אָפּגעבן זיך חשבון פון זיין אָפּגעלעבטן לעבן.

די געשעענישן אויף דער וועלט און דער אומקום פון אייראָפּעאישן אידנ־טום וועקן אין אים אַ געוויסן שולד־באַוואוסטזיין פאַר זיין צוריקגעצויגנקייט און ער באַמיט זיך פעסטצושטעלן, אַז צוליב זיין ווייב, וועלכע איז אין תוך גע־נומען, אים געבליבן פרעמד ביז צום לעצטן טאָג פון איר לעבן, אַז צוליב איר, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ אַרום און רעדוצירט זיין לעבן ביז צום בלויזן לערערײַ אין זיין תלמוד־תורה.

ער האָט געזוכט די פעסטשטעלונג אַז זיין ווייב איז שולדיק געווען, אָבער געפילט האָט ער גלייכצייטיק, אַז ער איז מיטשולדיק און ער האָט געזוכט אַ צווייטע פאַרענטפערונג, אַז זיכער זיינען היינט פאַראַן אַ סך אַזעלכע קרבנות פון די אומשטענדן ווי ער, וואָס דאָס בלאָנדזשענדיקע לעבן צווישן נעכטן און מאָרגן האָט זיי פאַרפירט אויף זייטיקע וועגן פון גליוורנדיקער גלייכגילטיקייט.

ער האָט צוריקגעקוקט אויף זיין לעבן פון די לעצטע עטלעכע יאָר, וועלכע ער איז נישט בלויז אָפּגעקומען מיטן גיין יעדן טאָג אין תלמוד־תורה און פילעווען זיין לערער־פּאָסטן, נאָר אויך מיט לערנען און לייענען, נאָר עפּעס איז דאָס אַלץ געווען אָן אַ טיפערן נשמהדיקן אינהאַלט וואָס זאָל אים וואַרימען און אָנרעגן צו עפּעס.

פון דעם לייענען און לערנען האָט ער זיך דערוואוסט נאָך אַ סך זאַכן פון וועלכע ער האָט פריער נישט געוואוסט און ער האָט דערזען די וועלט און די מענטשן מיט אַנדערע בליקן און דאָס האָט אים צוריק אַרויפגעפירט אויף דעם אַלטן געדאַנק, אַז אַמאָל איז געווען שענער און בעסער און אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם אַמאָליקן גלויבן איז פאַר אים געוואָרן, ווי ער וואָלט אויסגעביטן אַ שיינעם עכטן בריליאַנט אויף פּראָסטע, כלומרשט געשליפענע גלעזלעך...

די קאָפּע־פּאָליטיקס זיינען שוין געווען ווייט אַוועק פון אים און פון זיין געדאַנק, נאָר ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליקע פאַנאַטישע אַנטי־רע־ליגיעזע אַקטן פון זיינע חברים און ווי היינט, זיינען שוין אפילו די פאַנאַטישסטע קאָמוניסטן איינשטימיק, אַז וועט עס וויל, מעג זיין גלויביק און פרום, און נאָך אַזויפיל זאַכן דערמאָנט ער זיך, וואָס פריער האָט מען פאַר זיי אַזוי שטאַרק און ליידנשאַפטלעך געקעמפט און נאָך אַ קורצער צייט איז עס געוואָרן פּונקט קאַ־פּויער; טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ברוינפעלד אַ ביטערן שמייכל געטאָן און ער האָט זיך נאָך שטאַרקער געגומען פאַרטיפן אין זיין חשבון־הנפש.

ווי אַ סך אַנדערע, האָט אים דער „פריינטשאַפטס־פּאַקט" צווישן ראַטנפאַר־באַנד און היטלער־לאַנד זייער ווייט געטאָן, נאָר ווען די מלחמה איז אויסגע־בראָכן און טויזנטער און צענער־טויזנטער אידן האָבן זיך אַריבערגעראַטעוועט פון די היטלער־רוצחים אויף דער רוסישער זייט, האָט ער געפילט אַ דאַנקבאַר־

קיין צום ראַטנפאַרבאַנד, אָבער ער האָט נישט מסכים געווען מיט די פילע אַר־טיקל־שרייבער אין די צייטונגען, נישט מיט די שרייבער וואָס האָבן פאַרטייַדיקט דעם פאַקט און נישט מיט די, וועלכע האָבן אים געסטעמפּלט אַלס פאַר־ברעך; ברוינפעלד איז מער מיטן געפיל ווי מיטן שכל, געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז פשוט אַ נס מן השמים, אַ נס פון אַ העבערער קראַפט, וואָס האָט גע־וואָלט אָפּראַטעווען כאָטש אַ טייל אידן פון אומקום.

און עס איז ברוינפעלדן געווען גוט אַזוי צו טראַכטן, ווייל די געשעענישן און זיינע אַנטוישונגען, האָבן אים גיכער געמאַכט גלויבן אין ניסים, ווי אין דער גוטסקייט פון מענטשן אָדער פעלקער און נאָך ווייניקער האָט ער געקאָנט גלויבן אין דער גוטסקייט אָדער אין דער הומאַניטאַרישקייט פון די רעגירונגס־מענער וואָס פירן אָן מיט דער וועלט.

ברוינפעלד האָט אַמאָל ערגעץ געלייענט אַן אַרטיקל וועגן מייז, אַז מייז מערן זיך זייער שנעל און אַז זיי וואָלטן זיכער געקאָנט פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט און ווערן אַ טויט־געפאַר פאַר אַלע אַנדערע באַשעפענישן, האָט אָבער די נאַטור אַזוי רעגולירט דעם לעבנס־סדר פון די מייז, אַז פון צייט צו צייט ווערן זיי באַהערשט פון אַ מין אומדערקלערלעכן מאַסן־פּסיכאָז, וואָס טרייבט זיי מאַסנהאַפט פון די מויזנלעכער און זיי לויפן ווי געטריבן פון אַ פּאַניק גלייך אין וואַסער אַריין, וואו זיי ווערן מיליאָנענווייז דערטרונקען...

ברוינפעלד האָט זיך דערמאָנט אָן דעם נאַטור־געזעץ ביי מייז און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אויב די אַלע מענטשלעכע שיין־גייסטער, די אַלטע און די נייע ליטעראַטורן און איבערהויפּט די פילע אַנטי־מלחמה־ביכער, אָנהויבנדיק פון בערטאַ סוטנערס „די וואָפן נידער" וואָס איז נאָך געשריבן געוואָרן אין נעכ־טיקן ליכטיקן יאָרהונדערט, ביז צו די לעצטע וואָרנונגען קעגן מלחמה־פּיין פון רעמאַרק, באַרביוס, ערנסט טאָלער און אַנדערע, אויב דאָס אַלץ האָט נישט גע־האָלפן און די מענטשן לויפן ווייטער אין פייער צום אייגענעם אונטערגאַנג, טאָ וואָס האָבן אָט די אַלע ביכער אויפגעטאָן, אויב דער מענטש איז געבליבן אונ־טערגעוואָרפן אַזאַ מין ענלעכן נאַטור־געזעץ ווי די מייז?...

נאָך מער האָבן אים אָנגעהויבן נמאס ווערן די אַלע ביכער וואָס ער האָט געלייענט, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן די נאַצישע מאַסנמאָרדן קעגן אידן. ערגעצוואו, האָט ער גלייכצייטיק געלייענט, אַז ענגלאַנד האָט גע־דראָט מיט רעפּרעסיעס, אויב די נאַצים וועלן אומברענגען עטלעכע סאָלדאַטן פון די ענגלישע לופט־כוחות וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן מיט פּאַראַשוטן. און די דראָאונגען האָבן געהאָלפן, מען האָט די סאָלדאַטן נישט אומגעבראַכט און ברוינפעלד איז געווען זיכער, אַז ווען די אַליאירטע כוחות זאָלן נאָר וועלן דראָען מיט רעפּרעסיעס, אַז פאַר יעדן איד וועט מען אומברענגען כאָטש איין נאַצישן געפאַנגענעם, וואָלטן די נאַצים געקריצט מיט די ציין און זיי וואָלטן געמוזט פאַר־לעשן די פייערן פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס...

נאָר צי האָבן די רעדלפירער פון די אַליאירטע געוואָלט כאָטש פּרואוון מיט

אַזאַ דראָאונג? צי האָבן אַלע ליטעראַטורן צוזאַמענגענומען, מיט די אַלע דער־גרייכונגען פון מאָדערנער קולטור און ציוויליזאַציע, כאָטש מיט וואָס נישט איז, געווירקט אויף זייערע געוויסנס, אַז זיי דאַרפן עס טאָן?

און ווידער האָט ברוינפעלד באַשלאָסן, אַז דער היינטיקער יאָרהונדערט איז אַ קאָשמאַרער פינצטערער טאָג, וואָס קנוילט זיך אין ווייען צווישן נעכטן און מאָרגן און ער, קלמן, ליגט אַן אַריינגעפּלאָנטערטער אין דעם קנויל און קאָן זיך נישט אַרויספּלאָנטערן.

צו דעם טרויעריקן סך־הכל, איז אים נאָך דער פיזישער מפּלה פון היטלעריזם, אָנגעקומען אַ בריוו פון אַן איטאַליענישן אונרא־לאַגער, פון זיין שוועסטערס אַן איינציק לעבנגעבליבן אינגל פון זיבעצן יאָר. אין דעם בריוו, האָט דאָס אינגל אים באַשריבן ווי אַזוי זיין שוועסטער און זיין גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען און ברוינפעלד ווייס דאָך, אַז אַ סך, אַז אַלע באַקומען היינט אַזעלכע בריוו און אַז אַלע אידישע פאַמיליעס זיינען אַזוי אכזריותדיק אומגעקומען און עס נעמט אים אַרום אַ ווייטיק ווען ער דערמאָנט זיך אָן די אַמאָליקע דיסקוסיעס אין קאַפע־הויז, ווי מען האָט דאָס דיסקוטירט און גערעדט וועגן דער וועלט־פּאָליטיק און וועגן וועלט־באַפרייאונג און ווי אידישע פּאָעטן האָבן דעמאָלט אויסגעזונגען די ווייטיקן פון די נעגער וועלכע ליידן נאָך אַלץ פון לינטש־געריכטן און ווי די אידישע פּאַרטיי־מענטשן האָבן זיך גענומען צום האַרצן יעדע עולה וואָס איז ערגעצוואו אויף דער גרויסער וועלט פאָרגעקומען, און מען האָט נישט פאַרגע־זען, אַז דאָס ווינכטיקסטע פון וואָס אַ איד דאַרף ריידן און טראַכטן, איז וועגן דער אייגענער אידישער לאַגע.

אַמשטאַרקסטן האָט ברוינפעלדן וויי געטאָן דער פאַקט, וואָס אויך היינט קעמפן אידן צווישן זיך און וואָס יעדער צד מיינט נאָך אַלץ נאָך אַזויפיל נסיר־נות, אַז נאָר ע ר איז דער גערעכטער און אין די קאַמפן פאַרגעסט מען דער־ווייל, אַז די געבליבענע טיילן פון אידישן פאָלק, וואו זיי זאָלן זיך היינט נישט געפינען, זיינען נאָך אַלץ אין דער זעלבער געפאַר אויסגעראָטעט צו ווערן און מ'טוט נאָך אַלץ אַזוי ווינציק פאַר דער אייגענער רעהאַביליטאַציע אַלס איינהייט־לעך פאָלק מיט אַן איינאיינציקע שטרעבונג צו דערגרייכן אַ געזיכערטע זעלבסט־שטענדיקייט אין אַן אייגן שטיקל לאַנד, וואו אידן אַלס פאָלק, זאָלן זיך מיט אַנדערע פעלקער צוגלייך קענען באַשיצן זייער קיום, אויף איבערצולעבן דעם פינצטערן קאָשמאַרנעם היינט, ביז עס וועט אויפגיין די זון פון אַ נייעם ליכטיקן מאָרגן.

ברוינפעלד איז זיכער, אַז דורך די יאָרן איז ער נישט געוואָרן עובר־בטל; ער פאַרשטייט, אַז פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, מוז אויך דאָס אידישע פאָלק זיין געטיילט אין פאַרשידענע פּאַרטייען און ריכטונגען, אָבער ער האַלט, אַז נ י ש ט א י צ ט, נישט אין ד ע ר צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק שטייט אויף דער שוועל פון אומקום; קודם דאַרף מען זיך ראַטעווען און דער־נאָך, זייענדיק שוין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, דאַן וועט מען זיך מעגן פאַר־

גינען פונקט ווי אַנדערע פעלקער, צו טיילן זיך אין פאַרשידענע פּאַרטייען און אידעאָלאָגיעס.

מאָמענטנווייז פילט ברוינפעלד, אַז ער וואָלט באַדאַרפט אַרויסלויפן אין גאַס און אויסשרייען אויפן הויכן קול די דאָזיקע געדאַנקען זיינע, אָבער ער פילט נישט אין זיך דעם גרויסן כוח צו קענען אַריבערשרייען דעם „קול ענות במחנה" און ער ציט זיך צוריק אין זיין פאַרגליווערטקייט, אין זיין היים, וואו ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט נאָך געלעבט זיין קאַטיאַ, וועלכע איז אים געווען געטריי, נאָר זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען און איז דעריבער געבליבן צו אים ווי אַ פרעמדע...

ברוינפעלד ווייס אפילו, אַז ער באַגייט אַ פאַרברעך מיט זיין איזאָלירן זיך פון דעם גאַנצן אַרום, אָבער דער געדאַנק אַז זיין רוף קאָן אים דערפירן צו בייזע בוצלאָזע דיסקוסיעס, דערשטיקט אין אים דעם דראַנג צו גיין אויסשרייען זיין וואָרנונג און ער ציט זיך צוריק אין די ד' אמות פון זיין איינזאַמער וואוינונג.

ער דערפילט פונקטלעך, ווי מעכאַניש, זיין פליכט אַלס לערער און אַליין נישט פילנדיק וויאַזוי און פאַרוואָס, גנבעט ער פון צייט צו צייט אַריין אין די לימודים אַ וואָרט, אַ מעשהלע מיט אַ מאָראַל וועגן אידן און אידישקייט און ער כאַפּט זיך, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט פון די זאַכן, איז אויף דער באַזע פון פרומער אידישקייט און נאָך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַ סך ווערטער וואָס ער זאָגט זיינע תלמידימלעך, זיינען דיזעלבע ווערטער וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אַלס קינד פון זיין טאַטן, אָדער פון זיינע מלמדים.

טעג זיינען אַזוי געגאַנגען און וואָכן. פון די אַלע ביכער וואָס ברוינפעלד האָט געפלעגט לייענען, האָט ער פאַר זיך געלאָזן בלויז דעם „תנ"ך" און עטלעכע אַלטע ספרימלעך און דאָס איז געוואָרן זיין טאָג־טעגלעכער לערן און לייען־מאַטעריאַל, ביז איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז זוכנדיק אַ ספרל, איז אים געקומען אַ סידור אין האַנט אַריין, האָט ער גענומען דעם סידור און אָנגעהויבן אַריינקוקן אין אים.

נאָך אַ ווײַלע, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס און צואוואָס, האָט ער אָנגעהויבן דאַווענען און ער האָט פלוצלינג אָנגעהויבן פילן אַ געוואַלטיקן פאַרגעניגן דערפון, וואָס ער געדענקט נאָך דעם נוסח, דעם ספּעציפישן ניגון און ער האָט געדאַוונט און זיך באַמיט צו דאַווענען אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געדאַוונט, אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ פרום חסידיש אינגל און דאַווענענדיק אַזוי, האָט ער פאַרגעסן אָן אַלץ וואָס איז מיט אים דורך די אַלע יאָרן פאַרגעקומען און אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען אויף דער וועלט. ער האָט פרום געדאַוונט און אָט שטייט ער שוין „שמונה־עשרה" און ער שטייט אַזוי, מיט די פיס־קנאַכלס צוזאַמענגענומען, ווי אַמאָל, מיט דרך־ארץ און פרומער גאָטספאַרכטיקייט און ער זאָגט די תפילות און אָט האַלט ער שוין ביי — „ולירושלים עירך ברחמים תשוב" — און ווען ער פאַרענדיקט די ברכה — „ברוך אתה יהוה, בונה ירושלים!" — פילט ער ווי דורך זיין קערפּער לויפט דורך אַזאַ הייליקער ציטער און זיינע אויגן פולן זיך אָן מיט טרערן... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

אין
בלוטיקן
נעראַנגל

מלחמה-רעפּאָרטאַזש

אין אַכט בילדער מיט א פּראָלאָג

באַמערקונג פון יובל־קאָמיטעט לכבוד נחמיה צוקער

דעם דאָזיקן דראַמאַטישן מלחמה־רעפּאַרטאַזש האָט נ. צוקער אָנגעשריבן נאָך אין אָנהויב פון חודש מערץ 1943, כדי אים אויפצופירן אין אַ גרויס טעאַטער מיט דער מיטבאַטייליקונג פון אַלע אידישע אַקטיאָרן אין בוענאָס איירעס, לטובת דעם פאַראייניקטן הילפס־קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע אידן אין אייראָפּע.

ליידער האָט די אויפירונג פון דער (דעמאָלט) ערשטער מלחמה־פּיעסע נישט געקאָנט רעאַליזירט ווערן צוליב פאַרשידענע אויסערלעכע אומשטענדן און מיר האַלטן פאַר פּאַסיק דעם וויכטיקן דראַמאַטישן רעפּאַרטאַזש אַריינצונעמען אין דער יובילײ־אויסגאַבע פון חשובן אויטאָר.

שמואל ביאַלי

סעקרעטאַר

באטייליקטע:

ר׳ אברהם מעלצער (א רייכער לעמבערגער קהל־ראטמאן אין די 60קער)
נאטאן (זיין זון)
מינא (זיין טאכטער)
ברײנע (א קעכן ביי ר׳ אברהמען)
ר׳ שמואל (א מלמד)
יאקאב לעווינסקי (א סאוועטישער אוויאציע־אפיציר)
אלבערט רייכמאן (א דייטש־אידישער פליט)
העלענא (זיין פרוי)
אנא (זיין טאכטער)
זיגפריד שולצע (אנאס מאן, א האלב־יודע)
יאהאן מאטעיקא (א פוילישער פריץ)
שטאט־משוגענער
לייטנאנט מיצקע (א געשטאפא־אגענט)
בראונהאוזען (א נאצ. אפיציר)
אלטער איד
גענעראל האזנגרובער
ערשטער נאצ. אפיציר
צווייטער נאצ. אפיציר
ערשטע נאצ. סאלדאט
צווייטער נאצ. סאלדאט
דריטער נאצ. סאלדאט
ערשטער רויטארמייער
צווייטער רויטארמייער
דריטער רויטארמייער
ערשטער איד
צווייטער איד
ערשטע פרוי
צווייטע פרוי

קראַנקען־שוועסטער
אַ אינגעלע
ערשטער פּאַרטיזאַנער
ערשטע פּאַרטיזאַנקע
אידן, מענער, פרויען און קינדער, נאַצ. און סאָוו. סאָלדאַטן
פּאַרטיזאַנער און פּאַרטיזאַנקעס
אַ כאָר פון פאַרוואָגלטע קינדער

☆

האַנדלונג: צייט און אָרט

פּראָלאָג: „מיטן וואַנדער־שטאַב אין האַנט"
בילד איינס: אין הויז ביי ר' אברהם מעלצער אין לעמבערג אונטער סאָוועטישער אָקופּאַציע.
בילד צוויי: אין זעלבן הויז, באַלד נאָך דער נאַצישער אינוואַזיע.
בילד דריי: אַ פּליטים־לאַגער אין וואַלד
בילד פיר: אין נאַצישן גענעראַל־שטאַב
בילד פינף: ביי דער געטאָ־וואַנט
בילד זעקס: אין פּאַרטיזאַנען־לאַגער
בילד זיבן: אַ קאַראַוואַנע געפאַנגענע
בילד אַכט: אין נאַצישן גענעראַל־שטאַב

☆

פּראָלאָג

באַטייליקטע:

אהרן רייכמאַן
העלענאַ
אַנאַ
זיגפריד שולצע
אידן, מענער, פרויען און קינדער

איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, שפּילט די מוזיק אַ דייטשן מיליטער־מאַרש און אינדערמיט מאַרש פאַלן אַריין טענער פון גאָלד־פאַדנס ליד „אידן בני רחמנים, אַ גוט האַרץ איז דאָ ביי אייך...״ (פון „באַבע יאַכנע״) און בעת די מוזיק שפּילט גאָלדפאַדנס מאָטיוו. באַווייזן זיך פאַרן פאָרהאַנג, אין פינצטערניש געהילט פאַרשידענע פיגורן פון מענער, פרויען, קינדער און זקנים, אַלע מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, פרויען מיט קינדער אויף די הענט און ביי די ברוסטן, אַ זקן האַלט אַ ספר־תורה איינגעוויקלט אין אַ טלית; ווי לאַנג די מוזיק שפּילט די אידישע מאָטיוון, גייט די געטריבענע קאַראַוואַנע פּאַמעלעך און זי פּרוּווט זיך אַפילו אָפּצושטעלן כדי אָפּצורוען, אָבער באַלד דערהערן זיך ווידער די טענער פון דייטשן מאַרש און די קאַראַוואַנע נעמט אײַלן ווי געטריבן פון אַן אומגעזעענעם שונא. די קאַראַוואַנע ציט זיך לאַנג, קומענדיק פון לינקס און אָפּגייענדיק אויף רעכטס און אַט פאַלט די ליכט פון אַ ווייטן רעפלעקטאָר אויף דער פּליטים־גרופּע און מען דער־זעט צווישן זיי אהרן רייכמאַן, העלענאַן און זיין טאָכטער אַנאַ מיט זייער איידעם זיגפריד שול־צע. די ערשטע דריי גייען געבויגן פון מידקייט און מיט פּעקלעך באַהאַנגען, שולצע גייט גלייך און שטויסט די וואָס גייען פאַר אים און איילנדיק שטויסט איינער דעם צווייטן, פונוויטנס הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון שיסערייען און די מוזיק גייט איבער צום אידישן פאָלקס־מאָטיוו: „מיט דעם וואַנדער־שטאַב אין האַנט״ און די קאַראַוואַנע ציט זיך ווייטער און די פּליטים זינגען שטיל מיט:

אַלטע:

מיט דעם וואַנדער־שטאָב אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד;
אָן אַ גואל, אָן אַ פֿריינט,
אָן אַ מאָרגן, און אָן אַ היינט...
וואו געגעכטיקט, נישט געטאָגט,
נאָר געטרודפּט און געפּלאָגט!
וואו געגעכטיקט, נישט געטאָגט,
נאָר געטרודפּט און געפּלאָגט!
אייביק גיי, גיי, גיי!
אייביק ווײ, ווײ, ווײ!
אייביק שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן!
כל־זמן כוח איז פֿאַראַן!... (בים).

מיטן אָפּשטאַרבן פֿון די לעצטע טענער, פֿאַרענדיקט זיך די פּלי־טים־קאַראַוואַנע און דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף.

ב י ל ד א י י נ ס

ב אַ ט י י ל י ק ט ע :

ר׳ אַברהם מעלצער
נאַטאַן
מינאַ
ברײַנע
ר׳ שמואל
יאַקאָב לעווינסקי
אהרן רײַכמאַן
העלענאַ
אַנאַ
זיגפריד שולצע

האַנדלונג קומט פֿאָר אין לעמבערג אונטער סאָוועטישער אָקופּאַ־ציע, אין זאַל ביי ר׳ אברהמען.

☆

די בינע שטעלט פֿאָר דעם רייכן זאַל פֿון ר׳ א ב ר ה ם מ ע ל צ ע ר אין לעמבערג, עס איז שבת, אַרום שבתדיק געדעקטן טיש זיצן אויבנאָן ר׳ אברהם, ביי זיין רעכטער זייט — נ אַ ט אַ ן, לינקס — מ י נ אַ, נעבן מינאַ — ר׳ ש מ ו א ל און ווייטער פֿון ביידע זייטן — אורחים.

ווען דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף, האַלט מען שוין ביים פֿאַר־ענדיקן די סעודה, ר׳ אברהם בענטשט מזומן.

ר׳ אברהם:

רבותי, מיר ווילן בענטשן!

אַלע:

יהי שם יהוה מבורך מעתה ועד עולם!

ר' אברהם:

ברשות מרנן ורבותי, נברך שאכלנו משלו.

מינאַ:

קוקט אַרויס דורכן פענצטער און פּלוצלינג הויבט זי אָן געבן צייכנס ווי באַגריסנדיק עמיצן פון ווייטן און באַלד גייט זי שנעל אָפּ אויף לינקס. אַלע בענטשן און עס הערן זיך פאַרשידענע אָפּגעהאַקטע פראַזן פון „ברכת המזון".

ר' שמואל:

אותי, וזרעי וכל אשר לי...

אויפטריט מ י נ אַ, נאָך איר ל ע וו י נ ס ק י, אין קאָסטיום פון אַ פּילאָט־אָפיציר.

לעווינסקי:

גוט שבת, אידן.

ר' שמואל:

ה...ם ה...ם נו, אַ, מפסיק שבתאָ טבאָ...

ר' אברהם:

המברך את עמו ישראל בשלום... — גוט שבת.

אַלע:

גוט־שבת, גוט־שבת!

מינאַ:

הערסט, טאַטישי, ער האָט זיך געקווינקלט אַריינצוקומען, ווייל עס איז שבת.

ר' אברהם:

אבי מען וויל נישט שטערן יענעמס מנהגים, דאַרף מען זיך נישט קווענקלען. פאַר אַ אידן איז אַלעמאָל אום שבת אָפן אַ אידישע שטוב און מיין שטוב אוודאי.

לעווינסקי:

איך ווייס, הער מעלצער; איך האָב זיך שוין גענוג גוט איבערצייגט אין אייער וואַרימער גאַסטפריינטלעכקייט און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך האָב וועגן אייך אַ גאַר געהויבענע מיינונג.

ר' אברהם:

איך דאַנק אייך פאַר אייער קאָמפּלימענט, הגם איך ווייס נישט מיט וואָס איך האָב אים פאַרדינט ביי אייך. אויב עס וועט אייך נישט לאַנגווייל, קאָן איך אייך פאַרבעטן צום טיש און אייך הייסן דערלאַנגען כיבוד און אגב, אפשר האָט איר צו דערציילן עפּעס נייעס, איז כאָטש שבת, אַבי גוטע נייעס, בין איך גרייט צו הערן.

ר' שמואל:

אוי, רבונו של עולם, הלוואי דערהערט מען שוין אַז היטלער האָט איינגענומען אַ מיתה משונה...

נאַטאַן:

וועלכער איז אויפגעשטאַנען באַלד ווען לעווינסקי איז אַריינגעקומען:

זעצט אייך, חבר לעווינסקי.

לעווינסקי:

אַ דאַנק.

ר' אברהם:

מינאַ, הייס ברײַנען אַריינברענגען כיבוד.

מינאַ:

אַנטשולדיקט.

(גייט אַפּ אויף רעכטס. עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלינג אין טיר־גלעקל.)

(אויפטריט מינאַ, נאָך איר ברײַנע)

ברײַנע:

ווי איז מיר! ווער קלינגט דאָס דאָ אום שבת? גאָטעניו, באַשיץ און באַשירם אונז!

רוימט אַראָפּ פון טיש.

מינאַ:

גייט אַפּ לינקס, לעווינסקי קוקט איר נאָך, אומרואיק, גייט אַפּ נאָך איר.

ר' שמואל:

שטייט אויף.

ווילן מיר שוין צו „שאַלעשידעס" טרינקען טיי. האָט מיר אַ גוטן שבת! אַ גוטן שבת! אידן, אויב איר ווילט, קומט מיט מיר, ווילן מיר אַראָפּגיין דורך די הינטערשטע טרעפּ... היינטיקע צייטן איז בעסער ווען אידן גייען דורך הינטערשטע טרעפּ... ברײַנעשי, פירט אונדז אַריבער דורך דער קיך... גיט אַהער, איך וועל אייך צוהעלפן אַריינטראָגן...

ער נעמט ביי ב ר ײַ נ ע ן טעלערלעך זאַכן און זי דאָס איבעריקע פון טיש. ברײַנע גייט אַפּ די ערשטע, נאָך איר ר' שמואל און נאָך אים די אורחים, אַלע אַפּ אויף רעכטס.

גלייכצייטיק באַווייזט זיך פון טיר לינקס צוערשט מינאַ, נאָך איר — אַ ה ר ן ר ײַ כ מ אַ ן, ה ע ל ע נ ע, אַ נ אַ און ז י ג ־ פ ר י ד ש ו ל צ ע, אַלע איז אָפּגעטראָגענע, ערטערווייז צעריסענע קליידער, העלענע טראָגט אַ גרויסע שוואַרצע פּאַרסמאַליעטע בראַט־פּאַן.

מינאַ:

טאַטישי, די מענטשן פרעגן אויף דיר. זיי זאָגן, אַז זיי זיינען אונדזערע גאָענטע קרובים. זיי קומען פון יענער זייט.

ר׳ אברהם:

שטייט אויף, גייט זיי אנטקעגן, קוקט זיי אַלעמען שאַרף אָן, באַטראַכט רייכמאַנען, דערקענט אים.

אויב איך האָב נישט קיין טעות... יאָ, דוכט זיך אהרן!

רייכמאַן:

וואַרפט זיך אין ר׳ אברהמס אָרעמס און קושט אים.

אוי, אברהם, ענדלעך אָנגעקומען אַהער! זעסט ווי מיר זעען אויס? פון אונדזער גאַנצן פאַרמעגן, זעסט, אָט אַזוי אַ, מיט גאָרנישט, בלויז דאָס ביסל לעבן קוים אַרויסגעראַטעוועט...

ר׳ אברהם:

קודם, שלום־עליכם. היינט איז שבת, מיט קיין וואַרים באָד קאָן איך אייך נישט מהנה זיין, אָבער אַרומוואַשן זיך קאָנט איר. מינאַ, פיר אַריין אונדזערע חשובע געסט אין קיך און אין באָד־צימער און לאָז זיי דאָרט אַביסל אָפּפרישן.

העלענאַ:

שטעלט זיך פאָר פאַר מינאַן.

איך בין טאַנטע העלענאַ, דאָס איז מיין טאָכטער אַנאַ און דאָס איז אונדזער איידעם, הער זינפריד שולצע, אינזשעניער.

מינאַ:

זייער אַנגענעם. קומט טאַנטע, קומט, און זי הער שולצע, קומט, אַביסל דעם שטויב אָפּרייניקן... אָבער טאַנטע, וואָס האַלט איר די בראָט־פאַן, שטעלט זי אַוועק.

וויל ביי איר נעמען די פאַן, העלענע דערשרעקט זיך און דריקט די פאַן צו זיך.

העלענאַ:

גאָט בעהיטע! מיין אָרימע מוטערס בראָט־פאַן! מיין איינציקער אָנדענק נאָך מיין גאָטזעליקער מוטער... דאָס גיב איך נישט אויס דער האַנט...

אַלע חוץ ר׳ אברהם אָפּ אויף רעכטס.

ר׳ אברהם:

זעצט זיך, גלעט זיך פאַרזאָרגט די באָרד, עס קומט אַריין ל ע ו י נ ס ק י. ווען ער דערזעט אים:

אָ, איר זייט דאָ?

לעווינסקי:

יאָ, הער מעלצער, איך בין דאָ. איך האָב געזען די צעשראָקענע געסט, האָב איך זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט. איך האָב נישט געוואָלט, אַז מיין אָנוועזנהייט זאָל זיי נאָך מער דערשרעקן...

ר׳ אברהם:

אָט זעט איר; די צייט איז דער בעסטער לערער. די וואָס זיינען נאָר־וואָס געקומען זיינען מיין שוועסטערקינד און זיין פאַמיליע.

רייכע מענטשן געווען אין היטלער־לאַנד; דרייסיק יאָר דאָרט גע־לעבט און געשטרעבט, געאַרבעט און געבויט און זיי האָבן זיכער נישט געטראַכט צו פּאָרלאָזן זייער אָנגעהאָרעוועטע האָב און גוטס און אָט זיינען זיי געקומען מיטן בלויזן ביסל לעבן. וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? איר ווייסט אפשר עפּעס מער ווי די צייטונגען שרייבן?

לעווינסקי:

ווען איך זאָל האָבן גוטע נייעס, וואָלט איך עס אייך באַלד געווען געזאָגט אויפן הויכן קול. אָבער דערווייל האָב איך נישט קיין נייעס, איך האָב בכלל נישט קיין קאָנקרעטע נייעס, עס ווייזט זיך מיר אָבער אויס, אַז עפּעס וועט קומען, אַז עפּעס גרייט זיך און הלוואי זאָל איך האָבן אַ טעות...

ר׳ אברהם:

אייערע ווערטער שרעקן מיך. אויב אונדזערע יונגע אידן וועלן אָנ־הויבן זיך שרעקן פאַר דעם וואָס קאָן קומען, טאָ וואָס זאָלן מיר, אַלטע לייט נאָך פילן?

לעווינסקי:

נישט איבערשרעקן וויל איך אייך און איך שרעק זיך אַבסאָלוט נישט פאַר דעם וואָס קאָן קומען, אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל איר זייט נישט קיין יונגערמאַן, מיין איך, אַז עס איז בעסער פאָראויסצו־זען יעדע מעגלעכע געפאַר און באַצייטנס אָנעמען מיטלען די גע־פאַר אויסצומיידן...

ר׳ אברהם:

הערט, איר זייט אַ יונגערמאַן פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט און איר האָט אַ גאַנץ אַנדערן וועלט־באַנעם ווי מיר, פונדעסטוועגן וויל איך אייך זאָגן, אַז עס זיינען דאָ אַ סך געפאַרן וואָס גאָט שיקט אָן אויף אונדז, וועלכע מיר קענען מיט אונדזער גאַנצער חכמה נישט אויסמיידן. ווען גאָט האָט אָנגעשיקט אויף איובן אַזויפיל שטראָפן, צי האָט ער זיי געקאָנט אויסמיידן? אַזעלכע געפאַרן אָדער שטראָפן, דאַרף דער מענטש אָנטקעגנגיין מיט מוט און האָפענונג, דער מענטש דאַרף זיין אויסגעהאַלטן און שטאַרק געמוט, אויף צו קענען איבער־לעבן די געפאַרן, ביז עס קומט דער נייער טאָג ווען גאָטס רחמנות איז גובר דעם שטן־המשחית און עס ווערט ווידער גוט אויף דער ערד... אָבער וואָס זיינען אייערע נייעס?

לעווינסקי:

הערט, הער מעלצער, איך האָב ליב צו הערן אייערע ווערטער. זיי קלינגען פאַר מיר גאַנץ שיין, אָבער ווי האָט איר געזאָגט? — איך בין פון אַן אַנדער וועלט, וואו עס האָט זיך אויסגעפורעמט אַן אַנ־דער פילאָזאָפיע און איך קאָן מיט אייער מיינונג נישט מסכים זיין.

איר ווייסט, ווי נאָר איך האָב זיך באַקענט מיט אייער הויז, האָב איך עס ליב באַקומען און אויף וויפל עס ליגט אין מיין באַשיידע־נער מעגלעכקייט, וואָלט איך געוואָלט אז אייער הויזגעזינט זאָל באַשיצט ווערן קעגן מעגלעכע געפאַרן און דעריבער וויל איך אייך זאָגן, אַז עפּעס פילט זיך אין דער לופט אַן אַנקומענדיקע כמאַרע און איך וויל פון גאַנצן הארצן, אַז איר זאָלט אייך באַצייטנס באַ־שיצן קעגן איר...

ר' אברהם:

אייערע ווערטער קלינגען מיר אַפּילו אַביסל מאָדנע; ערשט נעכטן האָט מיין נאָטאַן געלייענט אין דער צייטונג, וואו עס ווערט נאָ־כאַמאָל פּאַרזיכערט אַז דער פּריינטשאַפּטס־אָפּמאַך מיטן שטן־המשחית איז פעסט און זיכער; טאָ וואָס פאַרא אַנדערע געפאַרן קאָנען דען לויערן אויף אונדז? איר ווייסט, הער לעווינסקי, ווען א יי ע ר ע האָבן אָקופּירט אונדזער געגנט און אונדזער שטאָט, האָב איך צו אייערע נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי, אָבער איך האָב איך עס באַטראַכט פאַר אַ נס מן השמים, ווייל איר האָט אונדז געראַטעוועט פון היטלערס שאַרפע נעגל; אָבער וואָס אַ טאָג וויי־טער, דוכט זיך מיר, אַז איך ווער מער שלום מיט אייך; וואָס אַ טאָג ווייטער, זע איך מער איין, אַז נאָר די השגחה העליונה האָט אייך, איך מיין, אייערע מענטשן צוגעגרייט, אַז איר זאָלט זיין אונ־דזערע רעטער פון דעם אַרומיקן ים פון פייער און האַס און אויב דער אָפּמאַך האַלט אָן און עס איז נישטאָ קיין געפאַר מצד היט־לערן, טאָ וואָס איז דאָ צו שרעקן? אדרבא, זאָגט מיר דייטלעכער, וועלן מיר זען צי עס איז דאָ עפּעס וואָס צו טאָן.

לעווינסקי:

דאָס זיינען רייד פון מליצה. אייערע אייביקע רייד, וואָס שוואַכן אָפּ די טאַט און איך האַלט, אַז איצט איז די טאַט וויכטיקער. טאַקע דער פאַקט גופא וואָס אונדזערע צייטונגען שטרייכן יעדן טאָג אונטער די זיכערקייט און פעסטקייט פון אונדזער פאַקט מיט היטלערן און זיינע לייט, טאַקע די לויב־געזאַנגען צו דעם פאַקט, באַווייזן אַז עפּעס איז נישט אין פּולער אָרדענונג. מיר האָבן באַ־קומען ידיעות אַז די נאַציס קאָנצענטרירן זיך אין גרויסע מאַסן נאָענט צו אונדזער גרעניץ; איך גלויב אויך, אַז די פּלוצלינגדיקע נסיעה פון רודאָלף העס קיין ענגלאַנד, קאָן נישט אַריבערגיין אָן פאָלגן און בעת אונדזערע צייטונגען לויבן אַזוי און פרייען זיך מיטן פאַקט, גרייטן מיר זיך פונדעסטוועגן אויף יעדער איבעראַ־שונג און אַט האָב איך היינט באַקומען דעם באַפעל, מאָרגן אַרויס־צופליען קיין מאָסקווע און אַ גאַנצע רייע אָפיצירן האָבן באַקומען

פאַרשידענע באַפעלן און דאָס איז אַ באַווייז, אַז מען ריכט זיך אויף נייעס און איך מיין, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט ווען איר נעמט צונויף אייער פאַמיליע און איר פאָרט אריבער טיפער אין אונדזער לאַנד.

ר' אברהם:

אוודאי איז אייער נייעס נישט קיין דערפרייענדיקע; אָבער ווי נעמט מען עפּעס אַ היים וואָס גאַנצע דורות האָבן אין משך פון הונ־דערטער יאָרן אויסגעבויט און מען פאַרלאָזט זי אָט אזוי אַ, אויף הפקר? וואָס קאָן ווערט זיין אונדזער לעבן אָן אונדזער איינגעפונ־דעוועטער היים? איר האָט געזען די טויזנטער פּליטים וואָס האָבן זיך מיט סכנות־נפשות דורכגעריסן די גרענעצן פון די המנס? ווי ווערים וואַלגערן זיי זיך דאָך איבער די גאַסן און וואו זיי לויפן, לויפט דאָך זיי נאָך דער אומגליק! קאָן מען דען אַנטלויפן פון גאָטס שטראָף?

(אויפטריט מינא)

מינא:

אַנטשולדיקט, חבר לעווינסקי, איך האָב דאָרט געהאַט אַביסל אומ־אנגענעמלעכקייטן מיט די אַנטלאָפענע קרובים מיינע; הערסט, טאַ־טישי, דער שולצע, איז דער אמתער טיפּ און ער וואָלט זיכער בע־סער געטאָן, ווען ער בלייבט דאָרט מיט די נאַצים.

ר' אברהם:

וואָס אַזוינס האָסטו געזען אָן אים? מיר איז ער אויך נישט געפעלן; איר, לעווינסקי, איר קומט דאָך פון אַ נייער וועלט, פון אַן אַנדער וועלט, אָבער אויף אייער פּנים זעט מען דעם צלם אלוקים און אויף דעם שולצע האָב איך גאָרנישט געזען..

מינא:

עס איז דאָך שרעקלעך! אַ מענטש קומט אַלס אַנטלאָפענער פון רדיפות און פיין און ער האָט נאָך דאָ טענות צו מיר פאַרוואָס מיר האָבן דאָ צו ווייניק קאָמפאָרט... און מיט דער טאַנטע איז אויך אַ שפּאַס; זי וויל דאָך די פאַרסמאַליעטע בראָט־פאַן נישט אַרויסלאָזן פון האַנט און זי האָט זי מיטגענומען אפילו אין באָד־צימער...

לעווינסקי:

הערט, חברטע מינא, איך האָב דאָ גערעדט מיט אייער פאָטער וועגן דעם וואָס איך האָב אייך היינט אינדערפרי געזאָגט, אָבער ער וויל זיך נישט פאַרטראַכטן אויף דער ערנסטקייט פון דער לאַגע.

ר' אברהם:

אַנטשולדיקט, יונגערמאַן, איך האָב זיך יאָ פאַרטראַכט, אָבער מיין אויספיר איז אַן אַנדערער. איך האַלט, אַז פון גאָטס שטראָף

קאָן מען נישט אַנטלויפן און דעריבער בין איך גרייט אָנצוזאָפּן זיך מיט כוחות, אויף צו קאָנען איבערלעבן די שווערסטע נסיונות. איך האַלט, אַז עס וואָלט געווען אַ פאַרברעך פון מיין זייט, אַז איך זאָל דאָ איבערלאָזן מיין איינגעפונדעוועטע היים, מיין סביבה, מייַנע מיט־מענטשן וועלכע נויטיקן זיך אַמאָל אין מיין עצה און אין מיין הילף און איך זאָל אַליין זוכן ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען מיין ביסל חיות... איך האַלט, אַז מיין וואוילשטאַנד — כאָטש עס האָט זיך אַ סך געענדערט און עס וועט זיך אוודאי נאָך מער ענדערן אונטער אייער אָקופּאַציע, האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט אַ גרויסע אחריות צו זאָרגן נישט בלויז פאַר מיין אייגן לעבן, נאָר פּונקט אַזוי פאַר דעם לעבן פון מיינע אַרומיקע און ווי קוקט איר אויף אַ דעזערטיר וואָס אַנטלויפט פון פראָנט? — פּונקט אַזוי וואָלט איך געמוזט קוקן אויף זיך אַליין...

לעווינסקי:

און איך זע אַנדערש די זאַך. איך האַלט, אַז פּונקט אַזוי ווי מען דאַרף זיך אַמאָל צוריקציען פון אַ פראָנט צוליב סטראַטעגישע טעמים, אַזוי דאַרף מען אויך קענען זיך צוריקציען פון אַ געפאַר, כדי זי אויסצומיידן און כדי צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן אויף צו קענען ווייטער לעבן אוןווירקן.

מינאַ:

דער טאַטישי וועט מיר אַנטשולדיקן; איך בין אויך אויסגעוואַקסן מיט אונדזער היים און סביבה, אָבער איך מיין, אַז כדי צו קענען ראַטעווען די היים און די סביבה, איז אַלעמאָל בעסער ווען מען שטייט אַ נ ט ק ע ג ן שונאָ, איידער צו ליגן אונטער דעם שונאס שטיוול. שטייענדיק אַנטקעגן שונא קאָן מען קעמפן קעגן אים און מען קאָן מער־ווייניק שטערן זיין פאַרניכטונגס־אַרבעט און ליגנדיק אונטער דעם באַשפּאָרנטן שטיוול, בלייבט נישט מער ווי זיך צו דרייען ווי אַ שלאַנג אויף דער ערד. איך מיין, טאַטישי, אַז חבר לעווינסקי איז גערעכט און אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן אַ שטיקל געפאַר, דאַרפן מיר זיך צוריקציען, כדי צו האַלטן זיך אַנט־קעגן שונא.

(אויפטריט ברײַנע)

ברײַנע:

זייט מוחל, באַלעבאָס, וואָס איך שטער אייך; איך קאָן זיך דאָרט קיין עצה נישט געבן; דער יעקע וויל דווקא איך זאָל פאַר אים אויפקאָכן אַ שאָקאָלאַד, פאַר אים און פאַר זיין פרוי און איך... איך האָב נאָך קיינמאָל נישט מחלל שבת געווען...

ר׳ אברהם:

עס איז נאָך דאָ א טשייניק הייסע טיי?

בריינע:

יאָ, באַלעבאָס. עס איז נאָך דאָ אפילו אביסל טשאָלנט. איך האַלט דעם טשייניק גוט פאַרדעקט אויפן אויוון און ער איז זיכער הייס און פריש אַזוי ווי ערשט געזאָטן.

ר׳ אברהם:

גוט. אויב די קרובים האָבן זיך שוין ארומגעוואַשן און אָפּגעפרישט פון וועג, זאָלן זיי אַריינקומען, וועלן זיי שוין טרינקען טיי צוזאַמען מיט אונדז.

בריינע:

ביי מיר האָט איר שוין געפּועלט; עס ווענדט זיך נאָר וואָס דער יעקע וועט זאָגן...

אָפּ.

ר׳ אברהם:

שטייט אויף.

איך מיין אַז עס וועט זיין שענער איך זאָל זיי אַליין אַריינבעטן אין זאַל, ווייל בריינע קאָן זיך נאָך צעשלאָגן מיט דעם יעקע וואָס איך זע נישט אויף אים קיין סימן איד...

גייט אָפּ רעכטס.

מינא:

און אפשר האָסטו פאַרט א טעות? עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז בעת אונדזערע צייטונגען שרייבן אַזוי וואָרים וועגן דעם פּאַקט מיט דעם וויסטן מערדער, זאָל ער זיך גאָר גרייטן מיט א מעסער פון הינטן?...

לעווינסקי:

מינא טייערע, ביזט דוכט זיך א גאַנץ באַוואוסטזיניק מיידל, דאָך ביסטו נאָך אַלץ באַהערשט פון דעם גאַאיוון גלויבן פון דיינע אבות... צי האָט היטלער נישט אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט דעם אַלטן עובר־בטל מיטן שירם? צי האָט מען אים נישט אַלץ נאָכגעגעבן? און צי האָט מען דען די חיה נישט אָנגעשטאָפּט דעם מאָגן מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרלאַנגט, גלויבנדיק איר צו־זאָג אַז זי וועט מער נישט בייסן? נו? האָט זי נישט גענומען בייסן אויפסניי? הער, מינא, איך בין זיכער אַז עפּעס נייעס וועט געשען און איך וואָלט דווקא געוואָלט, אַז די חיה זאָל זיך פּרוּוון וואַרפן אויף אונדז, כדי מיר זאָלן קענען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּשניידן אירע שאַרפע נעגל וואָס האָבן זיך אַזוי אַריינגעשניטן אין אידישן גוף... איך וואָלט געוואָלט אַז דווקא מיר זאָלן דעם גרויזאַמען מאַ־

ניאָק פאַרניכטן און דערמיט צוריקשטעלן די גלייכגעוויכט אויף דער וועלט...

מינאַ:
ווי דו רעדסט דאָס עפּעס... אַזוי ווי אַן אמתער אידישער נאַציאָנאַליסט . . .

לעווינסקי:
ווייל איך בין עס! ביי אונדז, אין אונדזער לאַנד, האָט זיך אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר אויסגעפורעמט אַ נייער טיפּ איד וואָס האַלט זיך טאַקע נישט פאַר קיין אתה־בחרתנוניק, אָבער ער ווייסט אויך נישט פון קיין הכנעה און פון קיין זינגען מה־יפית; מיר פילן מיט די ליידן פון אונדזערע ברידער אונטער המנס ממשלה, אָבער גלייכצייטיק ווייסן מיר, אַז אַ סך פון זיי האָבן די ליידן כשר פאַרדינט, ווייל זיי האָבן אַליין געהאָלפן, אַז די ליידן זאָלן קומען אויף זיי... נאַ, זע, אָט איז דיין פאָטער אַוועק אין קיך, ער זאָל דאָרט בּאַרואיקן אַ מענטשן, וועלכער איז נאַר־וואָס ארויסגעראַטעוועט געוואָרן פון טויט אָדער פון תפיסות און שוין האָט ער טענות, אַז מען האָט אים דאָ צוגעגרייט צו ווייניק קאָמפאָרט... אַזעלכע אידן זיינען אַלעמאָל גרייט אויף אַלץ; אָט אַנטלויפן זיי פון דער רוט וואָס שמייסט זיי און אָט, זאָל נאָר דער שמייסער אים וועלן צוּוואַרפן אַ שמייכל, וועלן זיי באַלד לעקן די רוט וואָס האָט זיי געשמיסן... מינאַ, הער, איך האַלט אַז די צייט איז איצט נישט פאַר לעקציעס; איך האַלט, אַז שוין היינט דאַרפט איר אָנהויבן פּאַקן די זאַכן און פאַרלאָזן די שטאָט. דו מוזט זען ווירקן אויף דיין פאָטער, ער זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם גורל פון דער צייט און ראַטעווען זיין הויזגעזינט. מינאַ, נישט נאָר דערפאַר וואָס איך האָב דיך אַזוי ליב, נישט פון עגאָאיסטישע מאָטיוון ווייל איך אַז דו זאָלסט אַוועק פון דאַנען וואו איך זע געפאַר; דיין פאָטער איז מיר אויך זייער געפעלן, איך זע אין אים אַ וואוילן און ערלעכן מענטשן און איך וויל זייער, אַז ער זאָל זיך ראַטעווען מיט דיר צוזאַמען.

מינאַ:
חבר לעווינסקי... יאַקוב... ווי שנעל און זיכער דו האָסט עס אַ זאָג געטאָן: — נישט קיין אתה־בחרתנו און נישט קיין מה־יפית... און ריידנדיק אַזוי ערנסט, געדענקסטו נאָך צו זאָגן אַז דו האָסט מיך ליב און ווי מיר געפעלט דאָס, וואָס דו שטעלסט נישט העכער די ליבע איבער אַלץ, וואָס דו נעמסט עס נישט עגאָאיסטיש... איך זע אין ד ע ר ליבע אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די ליבעס פון אונדזערע געפּיעשטשעטע זינדלעך וואָס דערגרייכן דעם אָפּיצירן־שטאַנד...

לעווינסקי:

לייגט די האַנט אויף איר אַקסל.

מינאַ... גלויב מיר... מיין ליבע צו דיר איז ווי דאָס פייער פון טויזנט זונען און ווען איך קוק אין דיינע טיפע קוואַלן־אויגן, זע איך אין זיי מיין צוקונפטיק גליק און מיין צוקונפטיק לעבן. מינאַ, זע די גרויסע וואונדער פון צופאַל! אַזאַ וועלט־געראַנגל האָט באַדאַרפט קומען, אינוואַזיעס, קאַמפן, קרבנות און אָקופּאַ־ציעס, כדי איך זאָל זיך מיט דיר באַקענען און כדי איך זאָל אין דעם שיינעם לעמבערגער מיידל דערפילן מיין גליק...

מינאַ:

דו פאָרסט דאָך שוין מאָרגן אַוועק!

לעווינסקי:

און דערפאַר וויל איך, אַז אויך איר זאָלט פאָרן טיפער אין לאַנד. אַז דו וועסט זיין אין זיכערהייט, וועל איך, אויב עס וועט נויטיק זיין, קעמפן ווי אַ לייב, אַז דער שונא זאָל אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד! מינאַ, ווירק אויף דיין פאָטער... און ווען ער וועט זיך פאַרעקשנען, טאָ פאָר דו אַליין! אויב איך האָב אַ טעות מיט מיין שוואַרצער נביאות, וועסטו דאָך קענען צו יעדער צייט צוריקקומען און אויב איך האָב נישט קיין טעות, מוזטו דאָך זען זיך צו ראַ־טעווען!... זאָג עס מיר צו...

מינאַ:

יאַקוב...

זי טוליעט זיך צו אים.

איך האָב מורא, אַז איך וועל מיין טאַטישי נישט קענען איבער־ריידן... איך וועל פּרוּוון, נאָר טאָמער נישט, וועל איך אים נישט קענען פאַרלאָזן... שוין זעכצן יאָר ווי ער איז געבליבן אָן מיין גאָטזעליקער מוטער און ער האָט מיר נישט געוואָלט אַריינברענגען אַ שטיפמוטער אין שטוב... ער האָט מקריב געווען זיין לעבן צוליב מיר, טאָ זאָל איך איצט, צוליב געפאַר, אים פאַרלאָזן?... יאַקוב...

לעווינסקי:

מינאַ . . .

אויפטריט צוערשט ר' אַ ב ר ה ם, באַלד נאָך אים אַ ה ר ן, ה ע ל ע נ ע, אַ נ אַ און ש ו ל צ ע.

ר' אברהם:

קומט אַהער, זעצט אייך, לאָמיך אייך באַקאַנט מאַכן: — דאָס איז דער הער לעווינסקי, אַ רוסישער אַוויאַציע־אָפיציר און דאָס זיינען מיינע קרובים וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון מערדערס לאַפּעס...

אהרן:

זייער אנגענעם. איך האָב אַלעמאָל געחלומט, איך האָב געוואָלט זען ווי עס זעט אויס אַן אָפיציר פון די היינטיקע רוסן און אַט זע איך אים.

העלענאַ:

האַלט נאָך אַלץ די פּאַרסמאַליעטע בראַט־פּאַן, נעמט זי פון דער רעכטער אין דער לינקער האַנט, באַגריסט זיך מיט לעווינסקין:

און איך וואָלט פריער מורא געהאַט צו דערלאַנגען די האַנט אַ מענטשן פון די רויטע... איך בעט אום פאַרצייאונג...

אַנאַ:

זייער אַנגענעם, מיין הער, אַנטשולדיקט, מען זאָגט, אַז אייך טאָר מען נישט רופן הער, אָבער איך בין שוין אַזוי געוואוינט...

שולצע:

טוט צו צוויי פינגער צום קאָפּ, פאַרנויגט זיך:

זער אַנגענעם; מיט אַ פאַרבינדעטן מעג מען זיך דאָך באַגריסן...

לעווינסקי:

מיינע הערן און דאַמען,

צו אַנאַן.

אַנטשולדיקט גנעדיקע פרוי, וואָס איך באַנוץ זיך מיט אייערע טערמינען; מיינע הערן און דאַמען, איך בעט אום אַנטשולדיקונג, מיין פליכט רופט מיך.

גייט מיט מינאַן ביז צום פענצטער, זאָגט איר עפּעס אינדערשטיל, קומט באַלד צוריק, פאַרנויגט זיך פאַר אַלעמען:

דאַ סווידאַניאַ!

דערלאַנגט ר׳ אברהמען די האַנט.

געדענקט, הער מעלצער, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. אַ גוטן שבת.

ר׳ אברהם:

אַ גוטן שבת.

מינאַ:

דאַ סווידאַניאַ.

באַגלייט לעווינסקין ביז אַפּ לינקס. קומט באַלד צוריק.

העלענאַ:

קרימט זיך:

האָסט געהערט, אַלבערט? אַן אָפיציר און זאָגט: „אַ גוטן שבת". שיינע אָפיצירן האָבן זיי דאָס...

ר׳ אברהם:

מינאַ, גיי זאָג ברײַנען, זי זאָל דערלאַנגען טיי.

מינאַ אַפּ.

און זי, הער שולצע, פאַרוואָס זעצן זי זיך נישט? נעמען זי פּלאַץ.

שולצע:

נ'יאָ, פּלאַץ נעמען... גוט, איך דאַנקע...

ר' אברהם:

איר וועט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך קאָן אייך נישט אויפנעמען ווי געהעריק, ווייל היינט איז שבת. אָבער טיי מיט פאַרבייסן איז פאַראַן. איצט דערציייל מיר אהרן, ווי אַזוי עס איז דיר דערגאַנגען ביז דו האָסט זיך אַריבערבאַקומען אַהער...

אהרן:

דערגאַנגען, יאָ דערגאַנגען. דאָס וועט זיין צייט מאָרגן צו דער־ציילן. דערווייל דאַרף מען וויסן ווי עס וועט אונדז דאָ דערגיין... ווי זעט עס עפּעס אויס דאָ, אונטער די דאַזיקע וואָס שרייען „אַלע גלייך"?... יאָ? ווי לאַנג האָבן מיר זיך שוין נישט געזען? אַ יאָר דרייסיק? ניין, מיט פופצן יאָר צוריק בין איך דאָך דאָ געווען צו גאַסט, אוי האָט זיך דעמאָלט געמאַכט געשעפט!... קאָן מען דאָ היינט אויך אַזאַ האַנדל טאָן?

ר' אברהם:

דו ווייסט, אהרן, אַז מיר דאָ זיינען פרום, דו ביסט שוין געווען אַן איבערגעפּירטער נאָך איידער דו ביסט אַוועק אין היטלערס מדינה און איצט, דו האָסט נאָך נישט רעכט אָפּגעטרייסלט פון זיך די געלע לאַטע, רעדסטו שוין וועגן געשעפטן? קודם איז דאָך איצט שבת, לאָז דעם האַנדל אויף מאָרגן און דערציייל בעסער וואָס מען הערט דאָרט אויף יענער פינצטערער זייט.

שולצע:

אוף, דאָנערוועטער! ווי הייס!

שטייט אויף.

איז דאָ גאָר נישטאָ קיין ווענטילאַציע?

מינאַ:

דאָרט איז דער באַלקאָן, גייען זי אַרויס אויב זי ווילן.

שולצע:

קומסט מיט, אַנאַ?

אַנאַ:

געוויס מיין שאַץ!

שטייט אויף, נעמט שולצען אונטער אָרעם, אַפּ אויפן באַלקאָן.

אהרן:

אָטעמט אָפּ.

אַזוי! און איצט, אַז דער יעקע איז שוין אַרויס, קאָן איך ערשט אָנהויבן: ווי דו קוקסט אים אָן, אברהם, ווייס ער גאָרנישט ווער עס האָט אים פאַרשלייערט. דער שטריק איז אים שוין געהאָנגען אויפן האַלדז, דערנאָך האָט מען אים פאַרשיקט אין אַ קאָנצענ־

טראַציע־לאַגער און אַלץ פאַר דעם חטא וואָס זיי האָבן אויסגע־פינען, אַז ער האָט געהאַט אַ אידישע באַבע... ער אַליין האָט אפילו נישט געוואוסט דערפון... דאָס האָט מיין העלענאַ אים אָפּגעזוכט פאַר אַן איידעם...

העלענאַ:

פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? אונדזער אַנאַ האָט דאָך אים אַזוי ליב!...

(אויפטריט ברײַנע)

מיט טיי און קיכלעך.

ברײַנע:

הייסע טיי, אַז עס איז אַ נחת! אַזוי קאָן נאָר ברײַנע פאַרגרייטן אַ טשאָלנט, אַז די טיי זאָל בלייבן הייס ביז נאָך הבדלה...

אהרן:

טרינקט.

יאָ, זי האָט אים ליב... געוועז זיך אין וואָס צו פאַרליבן... הערסט אברהם, נישטאָ קיין נחת. ווען עס איז אויפגעשטאַנען דער נייער המן, האָבן זיך מיינע דערשראָקן און זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז אויב מיר וועלן האָבן אַ גוי אין דער משפחה, וועט דער רוח נישט האָבן קיין שליטה צו אונז... נו, האָט מיר אַנאַ געבראַכט דעם ווערגילע אַלס איידעם און מיין העלענאַ האָט גאָר אָנגע־קוואָלן פון זיינע לעבער־וואורשט־וויצן און איך האָב געמוזט זאָגן באָם... און דער סוף איז, זעסט דאָך, קוים מיט צרות וואָס ער האָט זיך צוזאַמען מיט אונדז אַרויסגעראַטעוועט...

ר׳ אברהם:

הערט, ווען דאָס איז אין אַן אַנדער צייט, וואָלט איך אייך אָפּגע־שיקט צו דער משפחה פון אייער גויאישן איידעם... איר האָט גע־נומען דעם גוי אַלס מזוזה צום באַשיצן אייער שטוב, געזונטער־הייט. טאָ וואָס ווילט איר איצט פון מיר? איך וועל אייך נישט הייסן גיין, פונדעסטוועגן, וועל איך זיין צופרידן, אַז נאָכדעם ווי איר וועט אייך דאָ אביסל אויסרוען, זאָלט איר דערנאָך זוכן אַ פּלאַץ פאַר אייער איידעם, אַ פּלאַץ מיט מער קאָמפאָרט און מיט ווענטי־לאַציע און אָ ן שבת...

העלענאַ:

דוכט זיך מיר, אַז דיין פאַמיליאַנט האָט אונדז באַליידיקט.

ר׳ אברהם:

ווער האָט עס אייך געזאָגט? אפשר האָט איר גאָר מיך באַליידיקט? אין אַזאַ צייט ווען די צוררי היהודים באָדן זיך אין אונדזער בלוט, קומט איר צו גיין אין אַ אידישע שטוב מיט איינעם פון זיי אַלס אייער איידעם און איר ווילט כאָטש, אַז איך זאָל זיך מיט אים פרייען און אויסהערן פון אים זיינע גראָבע רייד, אַז די לופט

שטיקט אים דאָ, אַז עס פעלט אים ווענטילאַציע און אַז מיין פרומע אידישע קעכין זאָל כאָטש פאַר אים מחלל שבת זיין און קאָכן פאַר אים שאָקאָלאַד...

העלענאַ:

אָבער ער איז דאָך אַ האַלב־יודע! זיין באָבע איז דאָך געווען...

אהרן:

פילט זיך אומבאַקוועם.

אָבער... אברהם... מיר זיינען דאָך... בלוט איז דאָך פאָרט נישט קיין וואַסער... יאָ העלפן, אָדער נישט העלפן, אָבער איך ווייס דאָך דאָ גאָרנישט, איך בין דאָך איצט אונטער די... נו יאָ, אונטער די נייע באַלעבאַטים וואָס שרייען „אַלע גלייך"... מעג איך דאָך בעטן דיין עצה...

ר' אברהם:

הער, אהרן, איצט איז שבת. רופט בעסער אַריין אייער איידעם, ער מעג דאָך, איר האָט דאָך אייך איינגעשאַפט אַן אייגענעם שבת־גוי, זאָל ער גיין זוכן אַ האָטעל פאַר אייך און מיך לאָזט דאָ בעסער מיט מיינע אייגענע דאגות...

אהרן:

וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אויף אַזאַ ברוך־הבא האָב איך זיך דאָ נישט גערעכט. אַז דו וועסט מיך, דיין לייבלעכן שוועסטערקינד אַזוי אויפנעמען, נאָכדעם ווי איך האָב געליטן שבעה מדורי גהינום... ניין, אויף אַזאַ אויפנאַמע האָב איך זיך דאָ נישט גערעכט. וואו זאָלן מיר איצט גיין און וואָס זאָלן מיר אָנהויבן? האָט אונדז היט־לער נאָך ווייניק געטריבן? צוערשט זיינען מיר אַנטלאָפן פון ברעס־לאַו קיין אַנטווערפּן. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז אָט זיינען מיר געראַטעוועט; איז אָבער היטלער אויך דאָרט אָנגעקומען און מיר האָבן געמוזט פון דאָרט לויפן קיין פּאַריז און געמיינט שוין, דאָ זיינען מיר שוין אויף זיכער געראַטעוועט; אָבער אויך קיין פּאַריז איז היטלער אָנגעקומען און אונדז אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעם אָפּ־געשיקט קיין קראָקע אין געטאָ און נאָך טויזנט געפאַרן האָבן מיר זיך קוים דערשלאָגן ביז אַהער, ווילסטו אונדז ערשט ווייזן די טיר? . . .

ר' אברהם:

הערסט כאָטש מינא, וואָס מען דערציילט דאָ?

מינאַ:

שטייט די גאַנצע צייט אַ נערוועזע ביים פענצטער.

איך האָב געהערט.

ר׳ אברהם:

נו? זעסט מינא, ווי איך בין גערעכט? פון גאָטס שטראָף קאָן מען נישט אַנטלויפן. פון ברעסלאו קיין אַנטווערפּן, פון אַנטווערפּן קיין פּאַריז און די שטראָף האָט זיי איבעראַל אָנגעיאָגט...

אהרן:

האָב איך טאַקע פון דיר גאָרנישט צו דערוואַרטן? איז מעגלעך דו זאָלסט אונדז גלאַט אַזוי ווייזן די טיר?

ר׳ אברהם:

הער מיך אויס, אהרן; ווי בייז איך זאָל נישט זיין אויף דיר, ווי שטאַרק עס זאָל מיך נישט פאַרדריסן, פיל איך מיט דיינע ליידן און איך בין גרייט דיר צו העלפן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען; אָבער דו קאָנסט דאָך נישט פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל פון אַזאַ איינעם, אַ זייעריקן הערן געמיינע רייד! הער...

(עס קומען אַריין שולצע מיט אַנאַ)

שולצע:

וואָס קומט דאָ פאָר? די שטאָט איז אַ גאַנץ שיינע און „אונדזערע" וואָלטן אַזאַ שטאָט געקאָנט אויפריכטן... וואָס עפּעס אַזוי טריב, שווינגער־מוטער?

העלענאַ:

אונדזער פאַמיליאַנט האָט אונדז ביטערלעך באַליידיקט...

שולצע:

וואָס? די גאַליציאַנער זאַר־יודען וואָגן דאָס?

ר׳ אברהם:

ציטערט אויף, וויל עפּעס ענטפערן, באַהערשט זיך אָבער, מיט אַנגע־שטרענגטער רואיקייט צו מינאַ:

מינאַ, מיין חדר איז צוגעראַמט? איך גיי אַריינקוקן אין אַ ספר.

לאָזט זיך צו דער טיר רעכטס.

שולצע:

בייז.

איך וויל וויסן וואָס דאָ גייט פאָר! זינד זי דאָס, פרוילײן?

מינאַ:

הער שולצע, אייער באַנעמען זיך אין אַ פרעמדער שטוב איז עקל־האַפט און איך פאָדער זי אויף, זאָפאָרט צו פאַרלאָזן דאָס הויז פון די זאַר־יודען!...

ווייזנדיק צו דער גרויסגאַנג־טיר.

פון אונדזער הויז האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געטריבן נישט

קיין איד און נישט קיין קריסט; אָבער ווען א האַלבער אָדער פירטל איד דערלויבט זיך אין יענעמס שטוב צו זיין אזוי פרעך, דאַן האָבן מיר נאָר איין וואָרט פאַר אים: — אַרויס!...

ר' אברהם, וועלכער איז נאָך אַ ווייל נעשטאַנען אין טיר, נייס אַפּ: העלענע שטייט אויף און דריקט פעסטער די בראַט־פאַן צו זיך; אַנאַ גלעט שולצען און ער וויל זי אַפּשטויסן פון זיך; אהרן זוכט עפּעס נערוועז אין די קעשענעס, שטומע סצענע.

פאָרהאַנג.

בילד צוויי

באטייליקטע:

ר' אברהם
מינאַ
נאַטאַן
ר' שמואל
ברײַנע
יאָהאַן מאַטעיקאָ
שטאָט־משוגענער
לייטנאַנט מיצקע
ערשטער נאַצי
צווייטער נאַצי
דריטער נאַצי

האַנדלונג: אין זעלבן זאַל ביי ר' אברהמען, אונטער היט־לערם אקופאַציע.

איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, שפּילט די מוזיק אַ פּאָט־פּורי פון דייטשע מלחמה־מאַרשן, די מוזיק הויבט זיך אָן שטיל ווי פון ווייט, קומט כסדר נענטער און העכער, ביז דער מאַרש ווערט איבערגעריסן און עס הערט זיך דער קעסל־פּויק שנעל און שנעלער ביז עס ווערט אָפּגעהאַקט און דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף.

די בינע שטעלט פאָר דעם זעלבן זאַל, די שטולן שטייען אין אומאָרדענונג, אַ פאָרהאַנג פון דער באַלקאָן־טיר איז אַראָפּגעריסן, פון ערגעץ ווייט הערט זיך דאָס ברעכן פון שויבן און שיסערייען, אויף דער בינע איז קיינער נישטאָ.

פון רעכטס קומט אָן צו לויפן ברײַנע, זי האַלט אַ וואַלגער־האָלץ און אַנדערע קיך־זאַכן, קוקט דערשראָקן אין אַלע זייטן, לויפט אָפּ אויף לינקס, קומט באַלד צוריק, קוקט אַרויס דורכן פענצטער, ווידער אָפּ אויף רעכטס, וואו ר' אברהם פאַרהאַלט זי ביים טיר.

ר' אברהם:

וואו לויפט איר?

ברײַנע:

וואו איך לויף? איך ווייס וואו איך לויף? אז א צעלויפעניש זאָל נאָר אויף זיי קומען, טאַטע געטרייער!...

ר' אברהם:

אויב זיי דאַרפן אַרויפקומען וועט דאָ נישט העלפן קיין לויפן.

ברײַנע:

באַלעבאָס־לעבן, איך האָב שוין אײַנגעשלאָסן אין קעלער אפשר צוואַנציק מענטשן, אפשר וואָלט איר אויך אַראָפּגעגאַנגען זיך באַהאַלטן פאַר די רוצחים?

ר' אברהם:

אויב עס איז באַשערט גאָטס שטראָף, קאָן מען זיך פון איר נישט אויסבאַהאַלטן.

גייט צום פענצטער, קוקט אַרויס.

פון רעכטס הערט זיך אַ געיאָמער, עס רייסט זיך אַריין:

ר' שמואל:

קומט אַנצולויפן, אָפּגעריסן, אויף איין זייט פעלט אים אַ שטיק באָרד און מען זעט בלוט, ער גיט זיך אַ וואַרף אויף דער ערד.

האָט רחמנות אויף מיר! די רוצחים האָבן מיך דערהרגעט! זעט, אַז מײַנע ביינער זאָלן כאָטש קומען צו קבר ישראל!...

מינאַ:

וועלכע קומט אַן פון לינקס, לויפט אָפּ און ברענגט אַ האַנטוך און זי נעמט אַרומוואַשן ר' שמואלס וואונד.

באַרואיקט אײַך, ר' שמואל, די וואונד איז נישט געפערלעך.

ר' שמואל:

יאָמערט:

אוי!... די רוצחים האָבן מיך דערהרגעט! ראַטעוועט מיך!

שפּרינגט פּלוצלינג אויף.

ר' אברהם! ווי גאָט איז אײַך ליב, לאָמיר זיך ראַטעווען פון די מערדער! לאָמיר גיין, לאָמיר לויפן, לאָמיר זיך באַהאַלטן, זיי וועלן זיכער אָנקומען אַהער אויך!...

ר' אברהם:

זעט, ר' שמואל, איך בין עלטער פון אײַך און אפשר שוין שוואַכער, אָבער ציטערן וויל איך נישט. איך ווייס און זע ווי גרויס עס איז די געפאַר, אָבער איך האָב קיינעם נישט באַגזלט און קיינעם נישט דערהרגעט, אַז איך זאָל זיך דאַרפן באַהאַלטן.

ר' שמואל:

מינעלע, רייד דו מיט אים, בעט אים, דו ביסט דאָך יונג, אַ מיידל

בלוט און מילך... די רוצחים וועלן דאָך דיך... רבונו של עולם אין הימל! מינעלע דערבאַרם זיך...

מינאַ:

איך האָב געוואָלט לויפן, ווי לאַנג עס איז נאָך געווען צייט. אָבער איצט, וויל איך אויסהאַלטן צוזאַמען מיט מיין טאַטישי און וואָס עס וועט זיין מיט אים, זאָל אויך זיין מיט מיר.

ר' אברהם:

נעמט אַרום זיין טאָכטער.

קינד מיינס... אויב עס איז דיר באַשערט עפּעס שלעכטס, זאָל עס בעסער מיר געשען! וועסט זען, נאָט וועט אונדז העלפן.

עס דערהערט זיך ווידער אַ שיסעריי און שויבן־ברעכעריי.

ר' שמואל:

האָט רחמנות, ר' אברהמעניו! דערבאַרימט אייך, איך וויל נאָך לעבן! זעט וואָס זיי האָבן מיר געטאָן...

לויפט אַרום זוכן אַ באַהעלטעניש.

רבונו של עולם, וואו באַהאַלט מען זיך דאָ ערגעץ?

דערזעענדיק ברייינען.

ברייינעשי, האָט רחמנות, פירט מיך ערגעץ, באַהאַלט מיך ערגעץ, די גזלנים קומען!...

ר' אברהם:

מאַכט פאַר אים אויף די טיר רעכטס:

גייט, לויפט ר' שמואל; ברייינע, פיר אים אין קעלער צו די איבער־ריקע; פאַרשלים זיי דאָרט אין קעלער ווי די מייז און זאָלן זיי זיך פרייען וואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון שיף־ברוך... און דו מיין קינד, מירן דאָ בלייבן. מיר וועלן אויפנעמען ווירדיק דאָס וואָס דאַרף קומען. אַ מענטש וואָס לעבט ווירדיק, דאַרף אויך קענען שטאַרבן ווירדיק...

ר' שמואל:

וועלכער איז שוין געווען אין דער טיר צום אַפּגיין, לויפט פּלוצלינג צוריק און גיט זיך אַ וואָרף צו ר' אברהמס פיס:

האָט רחמנות אויף זיך, ר' אברהם! האָט רחמנות אויף אייער קינד, פאַרוואָס באַהאַלט איר אייך נישט? זעט איר דען נישט וואָס זיי האָבן מיר געטאָן?

עס דערהערט זיך אַ שיסעריי און ר' שמואל שנעל אַפּ. נאָך אים ברייינע.

ר' אברהם:

איך פאַרשטיי, קינד מיינס, אַז דו וואונדערסט זיך, פאַרוואָס איך האָב פריער נישט געוואָלט אַנטלויפן און איצט וויל איך זיך נישט באַהאַלטן; זיכער דאַרף אַ מענטש זוכן אויסצומיידן אַ סכנה, אָבער דאָס איז נאָר דעמאָלט, ווען די סכנה באַדראָט דעם יחיד; היינט

באַדראָט די סכנה אַלעמען גלייך און די גאַנצע לעמבערגער קהילה שטייט אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן, טאָ ווי מעג איך, אַלס איינער פון די קהילה־פירער אַנטלויפן ווי אַ מויז פון שיף־ברוך? אפשר וועט גאָט פאָרט האַלטן איבער אונדז זיין רעכטע האַנט און איך וועל נאָך קענען העלפן און אָפּלענקען דאָס בייז פון אונדזער קהילה?

מינאַ:

איך וועל דיר, טאַטישי, נישט מאַכן קיין פאָרוואורף, אָבער מיין האַרץ שרעקט זיך פאַר דיר, עס זאָל דיר חלילה גאָרנישט געשען. לעווינסקי האָט אונדז געוואָרנט, און היינט איז שוין שפּעט. טאַטישי, איך האָב שוין געזאָגט, אַז איידער זיין אונטער דעם שונא, וויל איך בעסער זיין קעגן אים און אויב נישט אויף דער פראָנט־ליניע, וועט אונדזער היים זיין די פראָנט־ליניע און איך וועל זיך פאַרטיידיקן קעגן די רוצחים ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג.

ר׳ אברהם:

פירט צו מינען ביז צום פענצטער, קוקט אַרויס; עס דערהערט זיך ווי־דער שויבן־ברעכעריי; ער נעמט אַרום מינאַן און דריקט זי צו זיך.

קינד מיינס, נישט דו אַליין, איך אויך. מיין האַנט איז נאָך פעסט און אויב מיר זיינען בלויז צווילע רואיקע בירגער, וועלן מיר זיך פאַרטיידיקן אויף אַ צווילן אופן. אָט איז דער שווערער זילבערנער לייכטער איבער וועלכן דיין כשרע מאַמע האָט ליכט געבענטשט...

עס הערט זיך אַ קלינגען און באַלד דערויף אַ קלאַפּן אין טיר.
ר׳ אברהם כאַפּט אַ שווערן לייכטער פון דער קאָמאָדע און מינאַ דעם צווייטן און זיי שטעלן זיך קאַמף־גרייט. עס קומט אַריין ברײַנע.

ברײַנע:

ווי איז מיר, די רוצחים זיינען שוין אוודאי דאָ!...

וויל צוריקלויפן.

ר׳ אברהם:

באַפעלעריש.

ברײַנע, גיי זען ווער עס קלאַפּט.

ברײַנע:

ציטערט.

באַלעבאָסטעשי... איך ציטער, אַלץ ציטערט אונטער מיר פון שרעק, האָט רחמנות... איך האָב מורא...

מינאַ:

שטעלט אַוועק דעם לייכטער.

איך גיי.

ברײַנע:

ניין, ניין, מינעלע, אויב דו גייסט, גיי איך אויך.

ביידע אפּ; די קלאַפּערייַ אין טויער ווערט שטאַרקער, מען הערט עפּעס רופן; באַלד צוריק אויפטריט ברײַנע און מינאַ.

מינאַ:

דער פּאַן יאַהאַן מאַטעיקאַ.

ר' אברהם:

וואָס וויל ער איצט? מילא, מען דאַרף אַרײַנלאָזן.

בריינע:

איז געבליבן שטיין אין טיר.

גיי איך עפענען דאָס טויער.

אַפּ.

באַלד צוריק אויפטריט מיט י אַ ה אַ ן מ אַ ט ע י ק אַ.

מאַטעיקאַ:

קומט אַרײַן לויפנדיק, איין אַרבל פון דער בלוזע איז אים אָװעקגע־ריסן, די גרויסע ווײַט־פאַרשפּיצטע וואָנסעס זיינען ביי אים צעשויבערט פונקט ווי זיין האַלב־גרויע פּריזור.

ראַטעוועט מיך, פּאַן אבראַהאַם! ראַטעוועט מיך פון די פאַרשאָל־טענע!

לויפט אַרום זוכן אַ באַהעלטעניש פונקט אַזוי ווי פריער ר' שמואל.

ר' אברהם:

בריינע, פיר אַפּ דעם פּריץ אין קעלער צו די איבעריקע. וויעלמאָזשני פּאַן מאַטעיקאַ, יאַק פּאַן בצע, טאַ דאָ פּיווניצי...

מאַטעיקאַ:

פּשעפּראַשאַם פּאַנאַ, נישט וויעלמאָזשני פּאַן, נאָר י אַ ס נ י וויעלמאָזשני, י אַ ס נ י!...

עס דערהערט זיך אַ שיסערייַ, מאַטעיקאַ דערשראָקן אַפּ, בריינע נאָך אים.

ר' אברהם:

איראָניש.

פּשעפּראַשאַם! י אַ ס נ י וויעלמאָזשני פּאַן — דאָ פּיווניצי!...

עס רייסט זיך אַרײַן נ אַ ט אַ ן, נאָך אים דער שט אַ ט ־ מ ש ו ג ע נ ע ר.

נאַטאַן:

איז צעריסענע קליידער, מיט אַ בלוטיקער וואונד אויפן שטערן.

די מערדער דערנענטערן זיך, מען דאַרף זיך באַוואָפענען מיט וואָס מען קאָן און קעמפן מיט די בעסטיעס!

מינאַ:

לויפט צו און כאַפּט אים אַרום.

נאַטאַן, ווי דו זעסט אויס! ווייז נאָר די וואונד.

משוגענער:

זיי רויבן! זיי שיסן! זיי שלאָגן! און זיי הענגען מענטשן אויף סלו־פּעס אין די גאַסן!...

נאַטאַן:

לויפט אָפּ רעכטס, קומט באַלד צוריק מיט צוויי רעוואָלווערן.

מינאַ, נעם איינעם, און לאָמיר זיך שטעלן אויפן באַלקאָן און לאָ־מיר זיך באַטש נוקם זיין אָן עטלעכע פון זיי.

ר' אברהם:

דאָס וועל איך נישט דערלאָזן. מיר זיינען נישט קיין זעלנער און מיר פירן נישט קיין מלחמות. מיר זיינען פרידלעכע מענטשן און אַלץ וואָס מיר ווילן, איז אַז מען זאָל אַכטן אונדזערע ציווילע רעכ־טן און רעספּעקטירן אונדזערע געפילן. לייג אַוועק די וואָפן.

משוגענער:

קוקט דורכן פענצטער.

זיי גייען! זיי קומען! זיי רויבן און מאָרדן און הענגען מענטשן אינ־מיטן די גאַסן!...

נאַטאַן:

אָבער מיר קענען דאָך נישט בלייבן רואיק זיצן ביז זיי וועלן קומען און אונדז אויסקוילען!

ר' אברהם:

גיב אַהער די וואָפן.

נעמט ביי אים אָפּ די רעוואָלווערן און לייגט זיי אין שיפלאַד פון קאָמאָד.

מיר וועלן נישט זיצן רואיק. מיר וועלן זיך דאָ פאַרבאַריקאַדירן און קעמפן אויף אַ ציווילן אופן, אָן וואָפן. קיין מלחמה קענען מיר נישט פירן, אָבער פאַרטיידיקן אונדזער כבוד דאָס קענען מיר יאָ און דאָס דאַרפן מיר טאָן אַזוי ווי ציווילע אומבאַוואָפנטע מענטשן. גיי אַרויס, פאַרלייג די טירן און פאַרשטעל די דרויסן־טיר מיט וואָס נאָר דו קאָנסט און דו מינאַ, זיי גרייט מיטן לייכטער אונטער דער האַנט...

נאַטאַן אָפּ; ר' אברהם קוקט דורכן פענצטער, עס דערהערט זיך אַ מי־ליטערישער מאַרש און ברעכעריי פון שויבן.

מינאַ:

און אפשר, טאַטישי, איז נאַטאַן גערעכט? אפשר איז בעסער אַז מיר זאָלן זיך צוערשט נוקם זיין אָן עטלעכע פון די בלוטיקע מער־דער איידער זיי דערלעבן קומען צו אונדז און זיך איזדעקעווען איבער אונדז?...

ר' אברהם:

קינד מיינס... דו וואָלסט געווען גערעכט, ווען מיר זיינען דאָ די איינציקע אידן אין שטאָט. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ גרוי־סער אידישער קהילה און דו ווייסט וואָס דאָס מיינט פאַר אַלע לעמבערגער אידן, ווען די רוצחים וועלן זען אַז מען שיסט אויף זיי

פון אַ אידישער שטוב... דאָס הייסט פּשוט ווי געבן זיי אַ גוטע גע־לעגנהייט אויסצוקוילען אַלע אידן.

משוגענער:

זיי גייען! זיי קומען! זיי ווילן אונדז דאָ אַלעמען אויסקוילען... כאַ־כאַ־כאַ!...

נאָטאַן:

קומט צוריק.

איך האָב דיך געפאָלגט, טאַטע, אָבער דאָס וועט נישט העלפן. דאָס פאַרשפּאָרן זיך וועט זיי נאָך מער צערייצן און זיי ווילן האָבן אַ פּרעטעקסט זיך נוקם צו זיין אָן אונדז.

עס דערהערט זיך גאַנץ נאָענט טרומייטן־שאַל און אַ קלאַפּן אין טויער. ר׳ אברהם און מינאַ קוקן דורכן פענצטער, נאָטאַן שטעלט זיך נעבן דער קאָמאָדע קאַמף־גרייט.

ר׳ אברהם:

נאָטאַן, גיי אַהער דאָ. נעם דו דעם לייכטער. איך בין שוין אַלט, וועל איך שטיין אויף דיין פּלאַץ.

משוגענער:

איך גיי אַרויס אויפן באַלקאָן, איך וויל שפּייען אויף זיי!...

ר׳ אברהם:

קום מיט מיר, געצל, קום אין קיך, דאָרט איז פאַראַן עסן...

פירט דעם משוגענעם אַ לאַכנדיקן אַפּ און קומט באַלד צוריק; גלייכ־צייטיק רייסן זיך אַריין פון אַלע זייטן נאַצישע סאָלדאַטן מיט ל יי ט־ נ אַ נ ט מ י צ ק ע און דריי סאָלדאַטן בראש.

מיצקע:

קאַמעראַדן! צו דער אַרבעט!

די סאָלדאַטן גייען אַפּ רעכטס און לינקס, עס בלייבן בלויז מיצקע מיט די דריי סאָלדאַטן, אַלע שטובּיקע שטייען ווי פאַרגליווערט.

דו ביסט דער פאַרפלוכטער יודע אַבראַהאַם מעלצער?

ר׳ אברהם:

יאָ, דאָס בין איך דער איד אברהם מעלצער.

מיצקע:

און ווער זיינען זיי?

ר׳ אברהם:

דאָס זיינען מיינע קינדער נאָטאַן און מינאַ.

מיצקע:

קוקט אויף מינאַן.

אַ, זייער אַנגענעם, און מיין נאָמען איז לייטנאַנט מיצקע, געשטאַ־פּאָ־אַגענט.

מינאַ:

שטייט גליוך, ווי פאַרגליווערט, שווייגט.

מיצקע:

וואָס שווייגסטו, יודן־טאָכטער? דעם פירערס אַן אָפיציר האָט זיך דיר פאַרגעשטעלט, איז עס דיר גאָרנישט אָנגענעם?

מינאַ:

איז דער זעלבער פּאָזע, שווייגט.

מיצקע:

וואַרפט אַ ווילדן בליק אַרום זיך, דערזעט אַז נאָטאַן און ר׳ אברהם שטייען אויך אין אַזעלכע פאַרגליווערטע פּאָזן.

קאַמעראַדן, לערנט מיט זיי געהאָרכזאַמקייט!

זעצט זיך ברייט אַוועק אויף אַ שטול און קוקט צו ווי די דריי סאָלדאַטן שטעלן זיך קעגן מינאַ, נאָטאַן און ר׳ אברהם.

אַכטונג! אויספאָלגן!

1־טער סאָלדאַט:

צו ר׳ אברהמען.

שריי, זאָל לעבן היטלער!

2־טער סאָלדאַט:

צו נאָטאַנען.

שריי, זאָל לעבן היטלער!

3־טער סאָלדאַט:

צו מינאַן

שריי, זאָל לעבן היטלער!

די סצענע קומט פאָר גלייכצייטיק מיט אַלע דריי, אָבער אַלע דריי שטייען אין פאַרגליווערטע פּאָזן און שווייגן.

1־טער סאָלדאַט:

אין רציחה, צו ר׳ אברהמען.

שריי, זאָל לעבן היטלער! פאַרפלוכטער זאַו־יודע!

2־טער סאָלדאַט:

צו נאָטאַנען.

שריי, זאָל לעבן היטלער!

דערלאַנגט אים אַ בריקע אין בויך; נאָטאַן פאַלט און שטעלט זיך שנעל צוריק אויף און שווייגט.

3־טער סאָלדאַט:

צו מינאַן

שוויסיקעס ווייב! שריי דאָך, זאָל לעבן היטלער!...

וויל זי שלאָגן; עס שפּרינגט צו מיצקע.

מיצקע:

לאָז דאָס ווייב פאַר מיר. יודן־טאָכטער, זיי געהאָרכזאַם, שריי, זאָל לעבן היטלער!

מינאַ:

מיט עקל.

אונד זי זינגט אָפיציר?

מיצקע:

אוי! רציחה.

דו ווילסט באַווייזע?

ציט זיין שפּיץ־רוט פון שטיוול און דערלאַנגט איר אַ שמיץ.

שריי, פאַרשאָלטענע, זאָל לעבן היטלער!

מינאַ:

קורטשעט זיך אין ווייען, דאַך באַמיט זי זיך און שטייט גלייך, שווייגט.
די סאָלדאַטן קומען צוריק; זיי טראָגן לייכטער, צירונג, קליידער,
לייגן אַלץ אויפן טיש.

מיצקע:

דאָס איז אַלץ וואָס איר האָט געפונען? פאַר דעם הויז איז דאָס פאַרדאַמט ווייניק!

באַפעלט:

ביי זייטע שטיין בלייבן!

די סאָלדאַטן שטעלן זיך אויס אין אַ רייע לינקס.

מיצקע:

צו די דריי סאָלדאַטן:

אַכטונג! לינקס אום! רעווידירט בעסער די צימערן, — מאַררש!

ווען די דריי סאָלדאַטן גייען אַפּ אויף רעכטס, גייט מיצקע צוריק צו מינאַן, קוקט איר גלייך אין די אויגן.

פאַרפלוכטע נאַכאַמאָל! דו ביסט צו שיין, אַז איך זאָל דיך שוין פאַרשמייסן צום טויט... שריי, זאָל לעבן היטלער! און איך בין מיט דיר גרייט צו פאַרלעצן אונדזער געזעץ קעגן ראַסן־שאַנדע!...

נאַטאַן:

שווייגט!...

וויל צולויפן צו מיצקען מיט געהויבענער פויסט, אָבער אַ סאָלדאַט דערלאַנגט אים מיט דער קאָלבע פון ביקס און נאַטאַן פאַלט.

ר' אברהם:

הער לייטנאַנט, אויב איר זייט געקומען אהער מיט אַ געוויסן אויפטראַג אָדער באַפעל, פירט אים אויס. זאָגט וואָס איר פאַרלאַנגט פון אונדז און זייט ווייניקער ברוטאַל קעגן שוצלאָזע אומשולדיקע מענטשן.

מיצקע:

כאַ־כאַ־כאַ! אויפטראַג... באַפעל...

גייט צו צו ר' אברהמען.

יודן, פאַרפלוכטעס יודן־געזינדל און שוצלאָזע אומשולדיקע מענטשן... כאַ־כאַ־כאַ!

גלייך שטיין! הענט אַרויף! איך וויל דיר די לויזיקע באָרד אויספליקן!...

פון רעכטס הערט זיך א גערויש, מיצקע לאזט אפ אברהמס בארד; עס קומען אונטער וואך פון די דריי סאלדאטן, ר׳ שמואל, ברײנע, מא־טעיקא און דער משוגענער.

מיצקע:

הענט ארויף! פארפלוכטעס יודן־געזינדל!

אלע אריינגעקומענע פאלגן.

אלע:

קאמעראדן! שטעלט אויס די דאזיקע לומפן אין א גלייכער רײ!

די סאלדאטן שטעלן אויס לויט באפעל.

אויך די אנדערע צוויי, דעם שווײנס־יוד און דעם באלשעוויק!

די סאלדאטן טוען אזוי, שלעפן אויך נאטאנען און שטויסן אים ער זאל שטיין גלייך.

מיצקע:

אלע הענט ארויף!

ר׳ שמואל:

גיט זיך פלוצלינג א ווארף צו מיצקעס פיס.

האט רחמנות, איך בין א שוואכער איד... איך האב נישט קיין כוח צו האלטן די הענט ארויף... איך האב גארנישט, איך בין אן ארי־מער איד... האט רחמנות...

מיצקע:

גיט אים א בריקע מיטן פוס.

צוריק! אויף דיין פלאץ!

די סאלדאטן רייסן פון אים שטיקער און שטעלן אים צוריק אין דער רײ און ציען אים ארויף די הענט אין דער הויך.

עס קומען אן די דריי סאלדאטן פון לינקס.

1־טער סאלדאט:

איך מעלד געהארכזאמסט, אז דארט איז נישט געבליבן קיין וויכ־טיקעס, אויסער דריי שאפעס מיט העברעאישע, דייטשע, אוקראי־נישע און פאלנישע ביכער!

מיצקע:

כא־כא! ביכער! שוויינען־קאטלעטן און ביכער! — פארברענען! אכ־טונג! רעכטס אום! פארברענען! מאררש!

מאטעיקא:

האט זיך דערוויל געריקט הינטערווײלעכץ ביז צו דער טיר פון באל־קאן און פונקט ווען ער וויל זיך ארויסשארן, דערזעט אים מיצקע.

מיצקע:

שטיין בלייבן! אהערקומען!

צוויי סאלדאטן שלעפן אים צום טיש.

מיצקע:

זעצט זיך ברייט צום טיש אנטקעגן מאטעיקא.

ווער ביסטו און וויאזוי קומסטו צו דעם יודן־געזינדל?

מאַטעיקאָ:

גיט זיך אַ גלעט די וואָנסעס.

איך בין דער פריץ יאַהאַן מאַטעיקאַ. איך בין געקומען צום זשיד אַבראַהאַם וועגן געשעפט און דער זשיד האָט מיך דאָ פאַרהאַלטן, ביז איר, שאַנאָוונע פאַנאָוויע זייט געקומען. איך גלויב, אַז איר וועט מיך פריילאָזן, איך זאָל קענען אַהיימפאָרן צוריק אויף מיינע פעלדער.

מיצקע:

שווייגן! — פאַרוואָס האָסטו געוואָלט אַנטלויפן? — קאַמעראַדן, רעווידירט אים!

צוויי סאָלדאַטן באַטאַפּן אים און נעמען אַרויס ביי אים פון די קעשענעס פאַרשידענע זאַכן, אויך אַ טייסטער מיט געלט, אַ בינט שליסלען און אַ רעוואָלווער, זיי לייגן דאָס אַלץ אויפן טיש.

אַהאַ, אויך אַ רעוואָלווער איז דאָ! געוואָלט אַנטלויפן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט... יודע אַבראַהאַם, דו האָסט פריער געפרעגט צי איך האָב אַן אויפטראַג אָדער באַפעל? איצט זע, אַז איך האָב מיינע אייגענע אויפטראַגן, און באַפעלן קאָן איך אַליין! קאַמעראַדן, איר זייט עדות, אַז דער פּוילישער בופּלאַקס האָט געוואָלט אַנטלויפן מיט געווער אין האַנט...

מאַטעיקאָ:

ציטערנדיק.

אָבער... פּאַניע לייטנאַנט...

וויל פּרואוון עפּעס זאָגן און ביי זיין ערשטער באַוועגונג שיסט מיצקע אויס אויף אים און ער פאַלט ווי אַז אונטערגעהאַקטער בוים.

עס קומען אַריין די דריי סאָלדאַטן.

1-טער סאָלדאַט:

הער לייטנאַנט, איך מעלד אייך געהאָרכזאַמסט, אַלעס ברענט אין בעסטער אָרדענונג!...

פון טיר רעכטס רייסן זיך אַריין פלאַמען.

מיצקע:

אויסשטעלן דאָס געזינדל איינעם הינטער דעם צווייטן!

די סאָלדאַטן שטעלן אויס לויט באַפעל, ווען עס קומט צום משוגענעם.

משוגענער:

רייסט זיך אַרויס.

כאַ־כאַ־כאַ! הער לייטנאַנט! איך וויל שפּייען אויף דיר!... כאַ־כאַ־כאַ!...

גיט אויף מיצקען אַ שפּיי, אַ סאָלדאַט דערלאַנגט אים מיט אַ קאָלבע איבערן קאָפּ, משוגענער פאַלט.

מיצקע:

פאָרוועַרטס, מאַררש! ,

די דריי סאָלדאַטן פון פאָרנט, די געפאַנגענע נאָך זיי און דאַן מיצקע און די איבעריקע סאָלדאַטן אָפּ; דאָס פייער פון רעכטס רייסט זיך אַריין אַלץ שטאַרקער.

פ אָ ר ה אַ נ ג .

בילד דריי

באטייליקטע:

ערשטער רויטאַרמייער
צווייטער רויטאַרמייער
דריטער רויטאַרמייער
זיגפריד שולצע
עריך בראונהאוזען
אהרן רייכמאַן
העלענאַ
אַנאַ
אַלטער איד
לייטנאַנט מיצקע
ערשטער נאַצי־סאָלדאַט
צווייטער נאַצי־סאָלדאַט
דריטער נאַצי־סאָלדאַט
אידישע מענער, פרויען און קינדער

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פּליטים־לאַגער אין וואַלד, נאָענט צום סאָוועטישן פראָנט.

איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, מוזיק ווי פאַרן פראָלאָג. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעט זיך אַ וואַלד איינגעהילט אין האַלב־טונקלקייט; פון לינקס באַווייזן זיך דריי רויט־אַרמייער, זיי טרעטן אויף קריכנדיק אויף די בייכער. ווען עס דערהערט זיך אַ שי־סעריי, ציען זיי זיך שנעל צוריק, אָבער באַלד דערשיינען זיי ווידער, זיי קוקן זיך פאָרזיכטיק אום, איינער פון זיי צעוויקלט אַ לייוונט און ווען ער צעהענגט זי, באַווייזט זיך די גרויסע אויפשריפט: — „אַ טויט אויף די נאַציס!" עס דערהערט

זיך אַ טרומייטן־שאַל, זיי וואַרפן זיך אויף דער ערד, שאַרן זיך צו ביז צו אוואַנס־סצען.

איך זע דאָרט אָנקומען צוויי נאַציס.

1־טער רויטאַרמייער:

שמעלט אַז זיין ביקס.

2־טער רויטאַרמייער:

איך וועל זיי געבן צו פאַרזוכן אונדזער בליי!

3־טער רויטאַרמייער:

פאַרהאַלט אים.

די קוילן זיינען אונדז נויטיק נאָר צום פאַרטיידיקן זיך. זיי זיינען דאָ אַזויפיל, אַז מיר קענען גאָרנישט טאָן קעגן זיי.

2־טער רויטאַרמייער:

די דלאָניע ברענט מיך און די ביקס בעט זיך ביי מיר... — לאָז מיך כאָטש איינעם דערשיסן...

1־טער רויטאַרמייער:

שטיי, האַלט זיך איין, מיר וועלן נאָך טויטן גענוג נאַציס. איצט זיינען מיר געקומען בלויז אויסשפּירן און אונדזער פליכט איז נישט אָנצוגרייפן נאָר אויסשפּירן און צוריקגיין אָפּגעבן באַריכטן.

2־טער רויטאַרמייער:

אָט זע איך זיי ווידער! לאָזט מיך אויסשיסן אויף זיי!

1־טער רויטאַרמייער:

וויל אים אַרויסרייסן די ביקס.

זיי נישט היציק, מיר וועלן זיי נאָך געבן גענוג פּולווער צו שמעקן. איצט הויבט שוין אָן ליכטיק ווערן און מיר מוזן צוריקגיין מיט אונדזערע ראַפּאָרטן. — אויסדרייען זיך! צוריק צו אונדזערע פּאָסטנס!...

עס דערהערט זיך ווידער טרומייטן־שאַל, די דריי רויט־אַרמייער ציען זיך צוריק אויף לינקס, פון רעכטס דערשיינען עריך בראַונהאַוזען און זיגפריד שולצע.

שולצע:

הער לייטנאַנט, איר ווייסט דאָך גוט, אַז מיין פאָטער איז געווען אַן עכטער אַריער און איך בין עס אויך און איך וויל פאַר אונדזער גרויסן פירער עפּעס לייסטן.

בראַונהאַוזען:

זייער בראַוו פון אייער זייט, אָבער האָבן זיי מיט זיך גענוג געלט? דאָס יודן־געזינדל איז זייער דורכגעטריבן; לאָזט מען זיי נאָר אָטע־מען, זיינען זיי אַלע רייך ווי ראָטשילד און פּלוצלינג קענען זיי ווערן אָרים ווי די בעטלער...

שולצע:

איך גאַראַנטיר אייך הער לייטנאַנט, מיר מאַכן ביי דער גרופּע אַ גוט געשעפט.

בראַונהאַוזען:

וואָס הייסט „מ י ר" מאַכן?

שולצע:

אַנטשולדיקט, א י ר מאַכט דערביי אַ גוט געשעפט; איך וויל אָבער איין קליינינקייט: צווישן דער גרופּע איז פאַראַן איין פרוי, ליידער איז זי מיין פאַרפלוכטע שוויגער־מוטער, דאָס איז אַ גע־פערלעכע מכשפה און זי האָט מיט זיך אַ פאַרכשופטע בראַט־פאַן. מיט ד ע ר פאַרכשופטער בראַט־פאַן האָט זי מיך אַריינגעצווי־בערט אַלס מאַן פאַר איר טאָכטער און די שמוציקע בראַט־פאַן מוז איך אומבאַדינגט האָבן. הער לייטנאַנט, אַלעס קאָנט איר צונעמען פון דעם שמוציקן געזינדל, נאָר די פאַרפלוכטע בראַט־פאַן לאָזט אי־בער פאַר מיר, דאַן וועל איך זיך קענען באַפרייען פון דעם יודן־געזינדל...

בראַונהאַוזען:

איינפאַרשטאַנדן! וואו האָט איר זיי איבערגעלאָזן? דאָס מוז גע־מאַכט ווערן וואָס שנעלער.

שולצע:

קאָמען זי, הער לייטנאַנט!

גייען אָפּ אויף רעכטס.

פון לינקס באַווייזן זיך ווידער די רויט־אַרמייער.

2־טער רויטאַרמייער:

שטעלט אַז די ביקס, דער ע ר ש ט ע ר לויפט אונטער און פאַר־האַלט אים.

לאָז מיך זיי דערהרגענען!

1־טער רויטאַרמייער:

נישט שיסן! מיר מוזן צוריקגיין מיט אונדזערע ראַפּאָרטן.

שלעפּט אים צוריק אָפּ אויף לינקס, עס דערהערט זיך ווידער טרומייטן־שאַל און פון רעכטס ע ר י ד ב ר א ו נ ה א ו ז ע ן, ער ווייזט מיט צייכנס הינטער זיך און עס קומט נאָך ש ו ל צ ע, נאָך זיי קומען פאַמעלעך און איבערגעשראָקן ר יי כ מ אַ ן, ה ע ל ע נ ע מיט בראַט־פאַן אין האַנט, אַ נ אַ און אידן, מענער, פרויען און קינדער.

בראַונהאַוזען:

דערזעט ערשט איצט די אויפשריפט.

פאַרדאַמט נאָך אַמאָל!

ציט אַרויס די זעבל און רייסט אָפּ די אויפשריפט.

אַלזאָ, מיינע הערן, דאָ זייט איר דערווייל אין פאָלער זיכערהייט.

רוט אייך אָפּ און שפּעטער וועט איר קענען אַריבערגיין די פראָנט־ליניע.

שולצע:

אונדזער בעסטן דאַנק!

ווען בראַונהאַוזן וויל כּלומרשט גיין.

איין מאָמענט, הער לייטנאַנט!

ווייזט צו די אידן מיט די פינגער ווי מען ציילט געלט.

רייכמאַן:

צעשפּילעט אידן די קעשענעס, מען דאַרף ווייזן, אַז מיר זיינען דאַנקבאַר...

ר י י כ מ אַ ן מיט ש ו ל צ ע ן פירן דורך אַ שנעלע זאַמלונג. מאַנכע פון דער גרופּע גיבן געלט און מאַנכע אַ זייגערל אָדער רינגל, ווען רייכמאַן וויל עס צוטראָגן צום לייטנאַנט:

שולצע:

דאָס לאָזט פאַר מיר. דאָס האָב איך דורכגעפירט מיט אים...

נעמט פון רייכמאַנען דאָס געלט מיט די זאַכן און גיט עס איבער בראַונהאַוזענען.

דאָ האָט איר הער לייטנאַנט פאַר אייער מי.

גאַנץ שטיל:

אָבער לאָזט אונדז נישט לאַנג וואַרטן און געדענקט וועגן דער פאַר־פלוכטער בראָט־פאַן...

בראַונהאַוזען:

אַלעס וועט זיין אין בעסטער אָרדנונג.

פילט זיך אָן די קעשענעס.

אויף ווידערזען!

אָפּ.

רייכמאַן:

און איצט, אידן, דאַרף מען זיך אָוועקזעצן אָפּרוען און עפּעס אי־בערכאַפּן, איידער מיר דאַרפן גיין ווייטער.

עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג, מען זעצט זיך אוים אויף דער ערד.

מיטן פּראָוויאַנט דאַרף מען זיין שפּאָרזאַם; איך לייג פאָר, אַז די גאַנצע שפּייז וואָס מיר האָבן, זאָל מען אָפּהיטן און פאַרטיילן יעדן צו ביסלעך און גלייכע פּאָרציעס.

מען לייגט צונויף פּעקלעך שפּייז און רייכמאַן צעפּאַקט אַ פּעקל און הויבט אָן פאַרטיילן ברויט. ער וויל אויך דערלאַנגען דעם אַלטן איד, אָבער דער אַלטער ווייזט צוריק.

אַלטער איד:

זעצט זיך אויף אַ בוים־שטאָם.

איך וויל פאַסטן.

רייכמאַן:

מיט פאַסטן, ר׳ איד, וועט איר ווייט נישט קומען.

אַלטער איד:

מיט פאַסטן זיינען אונדזערע אבות אַ סך ווייטער געקומען ווי מיר...

רייכמאַן:

איר ווילט פאַסטן, געזונטערהייט. ווער אייער ברויט בלייבן פאַר יונגערע פון אייך... אידן, עסט, און זאַמלט כוחות פאַר דעם שווערן וועג.

אַלע עסן.

אַלטער איד:

שלעפּט אַרויס אַ תהילימל פון בוזעם און באַמיט זיך צו לייענען דער־ריז, ער דערזעט אָבער נישט, פאַרמאַכט ער עס און האַלט עס פונ־דעסטוועגן אין האַנט און ער הויבט אָן מיטן נוסח פון קינות:

גע‏וועזן צייטן, ווען דו, גאָט, האָסט זיך געגרויסט מיט אונדז, פאַר־וואָס האָסטו אונדז היינט פאַרלאָזן? צי זיינען טאַקע די זינד פון דיינע געפּייניקטע קינדער אַזוי גרויס, אַז דו האָסט באַשלאָסן זיי צו לאָזן פאַרטיליקן? פאַרוואָס, אָ גאָט, קערסטו זיך אָפּ פון אונדז און ליפערסט אונדז אויס אַלס רויב־פליש פאַר דיינע שונאים? און אויב אַ טייל פון דיינע קינדער האָבן פאַרלאָזן דיין תורה און האָבן זיך אָפּגעקערט פון גוטן וועג, פאַרוואָס ביסטו זיך נוקם אויך אָן דיינע גוטע זין און טעכטער?... פאַרוואָס שיקסטו נישט דיין דונער און בליץ קעגן די אָפּטריניקע און פאַרוואָס אײַלסטו נישט צו ראַ־טעווען די גוטע זאָמען פון ישראל פון פאַרשניטן ווערן?...

שולצע:

קומט צו צום אַלטן.

פאַרדאַמט נאָך אַ מאָל! וואָס איז דען דאָ? אַ סינאַגאָגע?

אַלטער איד:

בלייבט שטיל. ווען שולצע גייט אַוועק פון אים, מורמלט ער ווייטער שטיל זיין תפילה.

אַנאַ:

צו שולצען.

מיין שאַץ... ווי גוט דו ביסט... ווי פריי איך זיך וואָס דו ביסט מיינער...

שולצע:

רוקט זיך אָפּ פון איר.

יאָ... דיר איז גוט מיט מיר... אָבער מיר... פערפלוכט נאָך אמאָל!...

דרייט זיך אַוועק פון איר.

אַלטער איד:

שטעלט זיך אויף דעם בוים־שטאַם.

גרויסער גאָט אין הימל! דערבאַרם זיך איבער די אומשולדיקע קינ־דער דיינע! ראַטע אויס דאָס שלעכטס און ראַטעווע דאָס גוטע!

אויב א צווייג פון א בוים הויבט אָן דאַרן, דאַרף מען אָפּהאַקן די צווייג און ראַטעווען דעם בוים!...

שולצע:

דאַנערוועטער! שווייגן, זאָג איך אײַנען! אַלטער בײן!...

אַלטער איד:

אין זעלבער פּאָזע, באַוועגט מיט די ליפּן און בעט ווייטער אַז אַ קול.
עס דערהערט זיך אַ שיסעריי און עס טרעטן אויף מיצקע,
בראַונהאַוזען און די דריי סאָלדאַטן.

מיצקע:

הענט אַרויף! קאַמעראַדן, רינגלט אַרום די פאַרפלוכטע יודן־גרופּע, ווער עס וועט זיך וואַגן רירן פון פּלאַץ — שיסן!

אַלע שטייען ציטערנדיקע מיט די הענט אין דער הויך, אויסער העלענאַ וועלכע האַלט נאָר איין האַנט אינדערהויך און אין דער צווייטער האַלט זי די בראָט־פּאַן. אויך דער אַלטער איד הויבט נישט אויף די הענט, ער שטייט אין פאַרגליווערטער פּאָזע.

רייכמאַן:

קוקט צוערשט צו בראַונהאַוזען, דערנאָך אויף שולצען, מאַכט פרעגנדיקע צייכנס.

הער לייטנאַנט... מיר האָבן דאָך...

שולצע:

שטייט מכלומרשט אויך מיט די הענט אין דער הויך.

בראַונהאַוזען:

שווייגן! פאַרפלוכטער שווײַנס־יוד!

גיט רייכמאַנען אַ בריקע: רייכמאַן פאַלט.

און דו, פאַרפלוכטעט יודן־ווייב, ווייז אַהער דיין פאַרכשופטע לייב־שיסל און הענט אַרויף!

וויל איר אַרויסרייסן די בראָט־פּאַן.

העלענאַ:

גאָט מיינער! לאָזן זי מיר דאָך די בראָט־פּאַן, דאָס איז דער איינציקער אָנדענק נאָך מיין גאָטזעליקער מוטער!

בראַונהאַוזען:

די זיבן מאָל פאַרשאָלטענע מכשפה!

רייסט ביי איר אַרוים די פּאַן.

די לייב־שיסל אַהער!...

העלענאַ:

וואַרפט זיך אים צו די פיס, ער בריקעט זי און אַנאַ נעמט זי מונטערן.

מיצקע:

וועלכער האָט דערווייל צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן דורכגעזוכט אַלעמענס קעשענעס, קומט אויך צו צו רייכמאַנען:

אַלזאָ, אַרויס מיט דיין קאַסע!

רייכמאַן:

הער לייטנאַנט... איך... הער...

מיצקע:

דערלאַנגט אים אַ פּאַטש.

צום דאָנערוועטער!

רייסט אים אַלעס פון דער קעשענע, בריקעט אים און ווען רייכמאַן פאַלט:

אויפשטיין, און הענט ארויף!

רייכמאַן:

שטייט אויף מיט גרויסער מי, אָנאַ העלפט אויך העלענען אויפשטיין.

מיצקע:

אויסשטעלן אין רייען, ווען מיר זיי אַלע מיט איין זאַלפּ אויס־שיסן!

די סאָלדאַטן שטעלן אוים די גרופּע אין רייען און ווען אַלע שטייען שוין אין אָרדענונג:

שרייט אַלע, הייל היטלער!

עטלעכע:

האַלב הויך.

הייל היטלער...

מיצקע:

ווער עס פאַלגט נישט, דער ווערט גלייך דערשאָסן; שרייט אַלע הויך, אויפן קול: — הייל היטלער!

אַלע:

חוץ דעם אַלטן איד.

הייל היטלער...

אַלטער איד:

וועלכער שטייט די גאַנצע צייט אויפן בוים־שטאַם ווי אַ סטאַטוע, ווערט ערשט איצט באַמערקט פון מיצקען.

און גאָטס שטראָף וואָס קומט אויף מיינע זינדיקע ברידער, וועט שפּעטער אויך קומען אויף אונדזערע פּייניקער...

מיצקע:

ווער איז דער פאַרשאָלטענער אָפּאָסטאָל? שריי, הייל היטלער!

אַלטער איד:

שווייגט.

בראַונזהאַוזען:

דאָס איז דער אידישער פירער, מען דאַרף אים דעם קאָפּ אָפּהאַקן.

מיצקע:

גיט דעם אידן אַ פעסטן בריקע מיטן פוס, אָבער דער איד בלייבט שטיין אין דער זעלבער פאַרשטיינערטער פּאָזע.

שריי דאָך, הייל היטלער!

צײט אַרױס דעם רעװאָלװער.

אַלטער איד:

שװײגט.

בראונזהאוזען:

ציט אויך דעם רעוואָלווער.

לאָזט מיך, הער לייטנאַנט, איך וועל אים ברענגען אין אָרדענונג.

וויל שיסן.

מיצקע:

שטופּט אָפּ בראונהאוזענען.

דאָס לאָז פאַר מיר — שריי, הייל היטלער!...

אַלטער איד:

ווייל ער האָט געזינדיקט, האָט מען אים אין בלוט דערטרונקען און די וואָס האָבן אים אין בלוט דערטרונקען, די וועלן אַליין אויך אין זייער אייגן בלוט דערטרונקען ווערן... נאָט וועט שיקן זיינע פייער־דיקע פּיילן און...

מיצקע:

יאָ, דאָס איז זיכער זייער פּירער! זייער וואונדער־ראַביי... שווייגן זאָג איך אינען! שווייגן!...

שיסט אויס, אַלטער איד פאַלט אַראָפּ פון בוים־שטאַם, בלייבט ליגן אומבאַוועגלעך.

מיצקע:

די געפאַנגענע מיט אונדז, אַלע נאָך מיר נאָך, מאַררש!

גייט אָפּ אויף רעכט, נאָך אים דער ערשטער סאָלדאַט, נאָך זיי די אַלע פּליטים, די סאָלדאַטן וואָס גייען נאָך זיי שטופּן זיי אונטער, פון ווייט הערט זיך טרומייטן־שאַל און פּייקל־פּויק־טראַמל און ווען זיי גייען אָפּ:

פאָרהאַנג.

✡

בילד פיר

באַטייליקטע:

ערשטער אָפיציר (אַ טעלעגראַפיסט אין שטאַב)
צווייטער אָפיציר
גראַף מולטקע האזנגרובער (שטאַבס-גענעראַל)
מיצקע
ר' אברהם
נאַטאַן
מינאַ
ברײַנע
ר' שמואל
שולצע
ערשטער פּאַרטיזאַן
צווייטער פּאַרטיזאַן
דריטער פּאַרטיזאַן
ערשטער נאַצי־סאָלדאַט
צווייטער נאַצי־סאָלדאַט
דריטער נאַצי־סאָלדאַט

האַנדלונג קומט פאָר אין אַ דייטשן גענעראַל־שטאַב.

☆

איידער דער פאָרהאַנג גייט אויף, הערט זיך דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון טעלעגראַף־צייכנס, פון ערגעץ ווייט הערט זיך אַ שיסעריי און אויפרייסן, ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זיצט דער 1־טער אָפיציר בײַם טעלעגראַף־אַפּאַראַט און נעמט אויף די צייכנס.

(אויפטריט צווייטער אָפיציר)

2־טער אָפיציר:

הייל היטלער!

1־טער אָפיציר:

הייל! פאַראַן עפּעס נייעס?

2־טער אָפיציר:

דו קאַמעראַד זיצסט ביים טעלעגראַף־אַפּאַראַט און מיך פרעגסטו אויף נייעס?

1־טער אָפיציר:

איך ווייס נאָר די נייעס פון דער איינער זאָנע. דאָ האָבן אונדזערע טרופּן פאַרגעריקט אויף זיבעציק קילאָמעטער און נאָר־וואָס האָב איך באַקומען די מעלדונג, אַז דער גענעראַל־שטאַב פון אונדזער זאָנע וועט קומען ביז אהער און מען דאַרף דאָ איינאָרדנען אַ פּלאַץ פאַרן שטאַב.

2־טער אָפיציר:

פון די אַנדערע פראָנטן קומען אויך זייער גוטע נייעס. אונדזערע בראַווע קריגער זיגן אויף אַלע פראָנטן.

1־טער אָפיציר:

הייל היטלער!

2־טער אָפיציר:

הייל!

1־טער אָפיציר:

נייט צו צו דער מאַפּע וואָס הענגט אויף דער וואַנט, דער צווייטער נאָך אים.

זעט, קאַמעראַד, ביז אהער זיינען אונדזערע טאַנקעס פאַרגעגאַנגען און שוין זיינען די אַלע געביטן באַזעצט פון אונדזערע בראַווע קרי־גער און פון דעם פּיינט איז שוין אין דער גאַנצער זאָנע נישט גע־בליבן קיין שפּור.

2־טער אָפיציר:

אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין, וועלן מיר נאָך פאַרן ווינטער דער־לײדיקן מיט אונדזער שטאַרקסטן קעגנער.

1־טער אָפיציר:

זיכער וועלן מיר נאָך פאַרן ווינטער דערלײדיקן. דער טעלעגראַף האָט אונדז נאָר־וואָס מיטגעטיילט, אַז אונדזער גרויסער פירער אַליין וועט אָנפירן מיט אונדזער פראָנט און דאָס איז גענוג גאַ־ראַנטיע, אַז באַלד וועלן מיר זיין די זיגער איבער דער וועלט!

2־טער אָפיציר:

הייל היטלער!

1־טער אָפיציר:

הייל!

2־טער אָפיציר:

און וואָס איז מיט די געפאַנגענע פּאַרטיזאַנען?

1־טער אָפיציר:

דאָס זיינען שווידערלעכע בעסטיעס! זיי האָבן אונדז נעכטן אויפגע־ריסן אַ בריק, אָבער מיר האָבן זיי געפּאַקט; דרייצן מאַן זיינען זיי געווען, מערסטנס פון זיי, פאַרפלוכטע יודן. די יודן האָבן מיר גע־האַנגען און די אַנדערע דערשאָסן.

2־טער אָפיציר:

זייער בראַוו. דאָס וועט פאַר זיי זיין אַ גוטע לעקציע און זיי וועלן מער נישט וואַגן...

1־טער אָפיציר:

הייל היטלער!

2־טער אָפיציר:

הייל!

עס דערהערט זיך טרומייטן־שאַל און באַפעל־אויסרופן.

„רעכטס שאַוט!"

די צוויי אָפיצירן לויפן שנעל אַפּ רעכטס, אַ סעקונדע שפּעטער עפנט זיך אַ ברעט פון פאַל און עס דערשיינט ע ר ש ט ע ר פ אַ ר ט י־ז אַ ן מיט אַ לייוונט, ער קוקט זיך אום, צעוויקלט שנעל די לייוונט און הענגט זי אויף איבער דער מאַפּע און עס זעט זיך די אויפשריפט: „מ י ר ו ו ע ל ן נ ע מ ע ן נ ק מ ה". עס דערהערן זיך טריט, דער פאַרטיזאַן פאַרשווינדט צוריק אין דער עפענונג וועלכע ווערט באַלד פאַרמאַכט.

פון דרויסן הערן זיך באַפעלן פון פאַרשידענע שטימען:

„רעכטס שאַוט!"

(אויפטריט גענעראַל מולטקע האַזנגרובער, ערשטער און צווייטער אָפיציר און די דריי סאָלדאַטן)

גענעראַל:

בלייבט שטיין איבעראַשט פאַר דעם אויפשריפט און קוקט אויף די צוויי אָפיצירן.

1־טער אָפיציר:

ציטערט.

הער גענעראַל־מאַיאָר, מיט איין מינוט פריער זיינען מיר פונדאַנען אַרויסגעגאַנגען און דאָ איז גאָרנישט געווען.

2־טער אָפיציר:

דאָס איז אַ פערדאַמט פאַרברעכער־געזינדל! מיר זיינען דאָך די סע־קונדע אַרויסגעגאַנגען, אייך, הער גענעראַל־מאַיאָר צו עמפּפאַנגען!

גענעראַל:

זאָפאָרט דורכזוכן די גאַנצע געביידע און די אַרומיקע גאַסן. איר מוזט מיר די לומפּן ברענגען טויטע אָדער לעבעדיקע!

כאַפּט אַרויס זיין שווערד און רייסט מיט איר אַפּ די אויפשריפט צוזאַ־מען מיט דער מאַפּע.

פאַרדאַמט נאָך אַ מאָל!...

2־טער אָפיציר:

צו די סאָלדאַטן.

פאַרשן אין אַלע זייטן און פּאַקן די שפּיאָנען טויט אָדער לעבעדיק! רעכטס־אום, מאַרש!

די דריי סאָלדאַטן גייען אָפּ.

1־טער אָפיציר:

אויף באַפעל, הער גענעראַל־מאַיאָר.

גענעראַל:

פריער איז נישט מעגלעך דאָ איינצואָרדנען מיין שטאַב, ביז מיר וועלן האָבן די פולע זיכערהייט, אַז דער פּלאַץ איז זיכער גענוג. די פאַרפלוכטע שפּיאָנען און פּאַרטיזאַנער וואָס זיינען נאָך געבליבן, מוז מען זען וואָס שנעלער צו פאַרניכטן.

2־טער אָפיציר:

דער באַפעל איז געגעבן, הער גענעראַל־מאַיאָר, און ער וועט זיכער דורכגעפירט ווערן אין בעסטער אָרדענונג.

1־טער אָפיציר:

גייט צום טיש וואו עס שטייט דער אַפּאַראַט, נעמט עטלעכע בויגן פּאַפּיר.

הער גענעראַל־מאַיאָר, איך מעלד אונטערטעניק, אַז נאָר־וואָס איז אָנגעקומען די מעלדונג אַז דער גענעראַל־שטאַב דאַרף זיך דאָ איינאָרדנען און עס איז נישט געווען גענוג צייט צו מאַכן די געהעריקע צוגרייטונגען. מיט אַ צוויי שעה פריער איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון לייטנאַנט עריך בראַונהאַוזען, אַז ער שיקט דאָ אַהער אַ גרופּע געפאַנגענע אידן, כדי מען זאָל זיי דאָ שטאַנדרעכטלעך הינריכטן.

גענעראַל:

בייז.

דיזער ראַץ־בוב, דיזער בראַונהאַוזען... וואָס גלויבט ער זיך? בין איך דאָ אויפן פראָנט כדי צו ווערן אַ יודן־הענקער?

מיצקע:

קומט אריין.

הייל היטלער!

אַלע דריי:

הייל!

מיצקע:

הער גענעראַל־מאַיאָר, אויף באַפעל פון הער לייטנאַנט בראַונהאַוזען, האָב איך דאָ געבראַכט אַ יודן־גרופּע צום הינריכטן אַלס פראָנט־שמוגלער.

גענעראַל:

זיינען דאָס טאַקע פּראָנט־שמוגלער? זאָלן זיי דערשיינען.

מיצקע:

אָפּ, באַלד צוריק אויפטריט. נאָך אים ר׳ אברהם, נאַטאַן, מינאַ, ר׳ שמואל און ברײנע. אַלע זיינען פאַרענדערט און ר׳ שמואל איז באַנ־דאַזשירט. מיצקע שטעלט זיי אויס אַרום טיש אַנטקעגן גענעראַל.

מיצקע:

גראַד שטיין און געהאָרכזאַם ענטפערן אויף אַלע פראַגן!

גענעראַל:

באַטראַכט די גרופּע, קוקט אויף ר׳ שמואלס באַנדאַזשירטן קאָפּ.

דאָס זיינען די פראָנט־שמוגלער?

מיצקע:

לויט דעם באַפעל פון לייטנאַנט בראונהאוזען — יאָ.

גענעראַל:

באַטראַכט ווידער די גרופּע, ווייזט אויף ר׳ אברהמען.

ווי הייסן זי?

ר׳ אברהם:

מיין נאָמען איז אברהם מעלצער.

גענעראַל:

פון וואַנען?

ר׳ אברהם:

פון לעמבערג.

גענעראַל:

און די אַלע?

ר׳ אברהם:

מיין זון, מיין טאָכטער, אונזער קעכין און אַן אָרימער איד פון מיין שטאָט.

גענעראַל:

ווי אַזוי קומט איר דאָ אַהער, אַזוי נאָענט צו דער פראָנט־ליניע?

ר׳ אברהם:

מען האָט אונז געבראַכט אַהער. הער גענעראַל, מיר זיינען רואיקע בירגער. מען האָט אונז אַרויסגעשלעפּט מיט גוואַלד פון אונזער היים און זייט אַ צייט שלעפּט מען אונז אַרום ווי געפאַנגענע פון איין פּלאַץ צום צווייטן און מיר ווייסן אַפילו נישט וואו מיר געפינען זיך...

גענעראַל:

צו נאַטאַנען.

וואָס האָבן זי צו זאָגן?

נאטאן:

איך בין א ציווילער בירגער אין געפאנגענשאפט. גלייך ווי די דייטשע ארמיי האט פארנומען לעמבערג, האט אונז דיזער הער לייטנאנט ארעסטירט און ענדלעך געבראכט ביז אהער.

1־טער אפיציר:

שווייגן! פארפלוכטער יודע! מען האט דיך דא געבראכט אלס אנגעקלאגטן און נישט אלס באשולדיקער...

גענעראל:

ארדנונג, הער לייטנאנט. ווען איך הייס ריידן, דארף קיין שום לייטנאנט נישט הייסן שווייגן.

1־טער אפיציר:

הייל היטלער!

גענעראל:

הייל! און זי?

מינא:

איך בין די גאנצע צייט צוזאמען מיט מיין פאטער.

גענעראל:

זי זינד היבש גענוג, האט מען זי נישט באלעסטיקט?

מינא:

שווייגט.

גענעראל:

פארוואס שווייגן זי?

מינא:

הער גענעראל! עס איז מיר שווער צו ריידן... איך האב גענוג געליטן, אבער איך פארזיכער אינען, הער גענעראל, אז איך האב נישט מיסברויכט קעגן געזעץ...

גענעראל:

קוקט זיך אום צו מיצקע און צו די אנדערע אפיצירן, מיצקע ווערט ווי איינגעשרומפן.

היהים... יא, צום גליק, נישט פארבראכן קעגן ראסן־געזעץ.

צו בריינע.

און זי, אלטע?

בריינע:

ווישט זיך די אויגן.

מיין גרויסער האר... וואס ווייס איך? איך בין אן ארימע אידענע, איך דין שוין פערציק יאר ביי מיין ליכטיקן האר ר׳ אברהם, די באלעבאסטע איז געשטארבן און ר׳ אברהם האט זי אזוי ליב געהאט, אז ער האט שוין נישט געוואלט געמען קיין צווייט ווייב און

עֶר איז געבליבן אַן אלמן... שרכנים האָבן אָפּגעשלאָגן די טירן און ער...

גענעראַל:

שווייגן זי.

ברײַנע:

ס'מאַכט נישט אויס, זי מעגן הערן וואָס פאַר א פיינע...

גענעראַל:

שווייגן זי.

2־טער אָפיציר:

שווייגן! זאָגט מען דיר! טשישששש!...

גענעראַל:

צו ר' שמואלן.

און זי? ווי הייסן זי?

ר' שמואל:

ווי איך הייס? מען וועט מיך דען פאָלגן?

גענעראַל:

איך פרעג אינען — ווי הייסן זי?

ר' שמואל:

מילא, אַז זי ווילן דווקא וויסן ווי איך הייס, זאָל זיין. איך הייס, אַז מען זאָל אונז צוריקשיקן קיין לעמבערג, די קינדער דאַרפן מיך דאָרט האָבן...

גענעראַל:

האָבן זי פיל קינדער?

ר' שמואל:

פיר און דרייסיק.

גענעראַל:

גאָט מיינער!

1־טער אָפיציר:

שאו מאלס, דיזער לעבערוואורשט האָט פיר און דרייסיק קינדער!

ר' אברהם:

ווענ אלע לאַכן.

הער גענעראַל, איך...

גענעראַל:

זי ווינטשן וואָס?

ר' אברהם:

איינע אויפקלערונג. ער איז אַן אָרימער לערער און ער מיינט צו זאָגן, אַז ער גיט לעקציעס צו פיר און דרייסיק קינדער.

אַלע:

חוץ די געפאַנגענע.

כאַ־כאַ־כאַ!

גענעראַל:

דאָס פאַרשאַפטווירקלעך שפּאַס...

לאַכט און ווערט פּלוצלינג שטרענג ערנסט.

אָבער צו־וואָס האָט מען די לייטע דאָ אהערגעבראַכט?

מיצקע:

לויט באַפעל פון הער לייטנאַנט בראונהאוזען, הער גענעראַל־מאַיאָר. לויטן באַפעל, זיינען זיי פּראָנט־שמוגלער, און מען דאַרף זיי שטאַנדרעכטלעך הינריכטן.

גענעראַל:

בייז.

האָב איך דאָ מיין שטאַב אהערגעפירט כדי דאָ צו ווערן אַ יודן־הענקער און פאַרוועגדן מיינע וואפן קעגן די פאַרשאָלטענע? — גלייך אַרויספירן זיי און אָפּטראַנספּאָרטירן זיי אין זייערס אַ געטאָ!

מיצקע:

אויף באַפעל, הער גענעראַל־מאַיאָר! אַכטונג! גראַד שטעלן זיך! לינקס אום, קומט נאָך מיר! — הייל היטלער!

גענעראַל:

הייל! אָבער געבן זי אַכט, הער אָפיציר...

מיצקע:

אויף באַפעל, הער גענעראַל!

אָפּ און נאָך אים די געפאַנגענע.

גענעראַל:

זעצט זיך אַוועק און צעלאַכט זיך.

כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

קורצע סצענע, אַלע לאַכן, פּלוצלינג שטעלט זיך דער גענעראַל אויף.

גענעראַל:

אָבער פאַרדאַמט נאָכאַמאָל! וואו זיינען די שפּיאָנען? די פּאַרטי־זאַנער־באַנדיטן? קאָן איך דען איינאָרדנען מיין שטאַב אין אַן אומ־זיכערן מויזן־לאָך?

ביידע אָפיצירן:

שטעלן זיך שנעל גלייך.

הייל היטלער!

גענעראַל:

הייל! אָבער, איך מוז האָבן די באַנדיטן וואָס האָבן דאָ געוואַגט אויפצוהענגען די פאַרברעכערישע אויפשריפט.

עס קומען אַריין די דריי סאָלדאַטן, זיי פירן שולצען.

1־טער סאָלדאַט:

הער גענעראַל־מאַיאָר, איך מעלד געהאָרכזאַם, מיר האָבן געפּאַקט דיזן סוביעקט מיט דער פאַרשמוצטער בראָט־פאַן.

לייגט די שוואַרצע פאַן אויפן טיש.

גענעראַל:

באַטראַכט די בראָט־פאַן.

ווי הייסן זי?

שולצע:

זיגפריד שולצע.

גענעראַל:

דאָקומענטן?

שולצע:

לייגט אַרויס זיין פּאַס.

איך בין געמעלעך האַלב־אַריער, הער גענעראַל.

גענעראַל:

איהים... האַלב יודע ווילסטו זאָגן... וואָס מיינט דיזע אייזערנע פאַן?

שולצע:

דיזע... יאָ... דיזע בראָט־פאַן... דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע...

גענעראַל:

קיינע לאַנגע געשיכטן! וואָס מיינט דיזע פאַן?

1־טער אָפיציר:

הער גענעראַל־מאַיאָר, ער געהער זיכער צו די פּאַרטיזאַנער באַנדיטן און די פאַן האָט ער זיכער באַנוצט צום קלעפּן אַפּישן קעגן אונזער גרויסן פירער!

שולצע:

דערשראָקן.

גאָט בעהיטע! איך אַ פּאַרטיזאַנער? גאָט מיינער!

גענעראַל:

שווייגן, פאַרפלוכטער האַלב־יודע! די האַלב־יודן זינד פיל שלימער ווי די פאַרפלוכטע גאַנץ־יודן!...

צום ערשטן אָפיציר.

די פאַן באַהאַלטן אַלס פאַקטישע באַווייזע!

איין שעה שפּעטער, צור הינריכטונג מיט דיזן לומפּ! ביז די שטונדע איז אויס, זאָל ער דאָ בלייבן שטרענג באַוואַכט!

2־טער אָפיציר:

אויף באַפעל, הער גענעראַל־מאַיאָר!

גענעראַל:

נון, ווייזט מיר די איינאָרדנונג פון דעם וויסטן שפּיאָנען־נעסט! די סאָלדאַטן גייען מיט!

1־טער אָפיציר:

צו די סאָלדאַטן.

האַבט אַכט! לינקס אום! נאָך אונז נאָך, מאַררש!

גענעראַל, 1־טער אָפיציר און נאָך זיי די סאָלדאַטן — אָפּ.

2־טער אָפיציר:

גייט צו נאָענט צו שולצע.

איין האַלב־יודע און פּאַרטיזאַן!

קוקט אים אין די אויגן.

כאַ־כאַ־כאַ! אין איינע שטונדע — ביק!... כאַ־כאַ־כאַ!

שולצע:

איך בין נישט קיין פּאַרטיזאַן... הערן זי מיך אויס, הער לייטנאַנט... דיזע פאַן... דיזע פאַן...

קוקט זיך אום ווי מורא האָבנדיק אויסצוזאָגן דעם סוד.

דיזע פאַן, מיין געערטער הער לייטנאַנט, איז געשמידט פון עכטן פּלאַטין!...

2־טער אָפיציר:

פאַראינטערעסירט.

זאָג דאָך, וואָס מיינען זי?...

שולצע:

מיינע פאַרפלוכטע אידישע שוויגער־עלטערן האָבן די פאַן געלאָזט שמידן פון ריינסטן פּלאַטין פאַר זייער אַנטלויפן פון אונזער רייך...

2־טער אָפיציר:

גייט צו צום טיש, באַטראַכט די פאַן, רופט צו שולצען, נעמט אַרויס אַ מעסערל, פּרוּווט אָפּקראַצן דאָס שוואַרצע פון דער פאַן.

אויף ערנוואָרט! דאָנערוועטער! דאָס איז ווייס! ווירקלעך, זילבער אָדער פּלאַטין!

שולצע:

פּלאַטין! פּלאַטין, הער לייטנאַנט! זאָ וואר איך לעב, ריינסטער פּלאַטין!...

2־טער אָפיציר:

וועגט די פאַן אין האַנט.

און ווי שווער!

ביידע באַטראַכטן די פאַן, אָפיציר פּרוּווט ווייטער קראַצן מיטן מעסערל. עס עפנט זיך דער פאַל און עס באַווייזט זיך ע ר ש ט ע ר פּ אַ ר ט י ז אַ נ ע ר, נאָך אים צ וו ײ ט ע ר און ד ר י ט ע ר. זיי שאַרן זיך שטיל צו און ערשטער פּאַרטיזאַנער דערלאַנגט דעם אָפיציר מיט אַ באַיאָנעט אין זייט, בעת די אַנדערע צוויי פּאַרטי־

זאַנער וואַרפן אַרויף אַ זאַק אויף שולצען און בינדן אים שנעל אַרום און בעת די צוויי פּאַרטיזאַנער שלעפּן שולצען אין דער עפענונג פון פּאַל, צעהענגט דער ערשטער פּאַרטיזאַן אַ נייעם לייוונט מיט דער אויפשריפט: מ י ר ו ו ע ל ן נ ע מ ע ן נ ק מ ה ! אויפגע־האַנגען די לייוונט איבער דער מאַפּע, כאַפּט ער אַראָפּ פון טיש די בראַט־פּאַן און פאַרשווינדט אין דער עפענונג וועלכע ווערט באַלד פאַר־מאַכט און אין זעלבן מאָמענט קומען צוריק דער גענעראַל, ערשטער אָפיציר און דריי סאַלדאַטן.

גענעראַל:

דערזעט די אויפשריפט, גיט ער אַ פאַל צוריק דערשראָקן, באַהערשט זיך.

טויזנט מאָל דאָנערוועטער!...

אַלע דערשראָקן, ווייסן נישט צי זאָלן זיי זיך צוריקציען.

פ אָ ר ה אַ נ ג .

☆

בילד פינף

באטייליקטע:

ערשטער איד
צווייטער איד
ערשטע פרוי
צווייטע פרוי
מיצקע
בראונהאוזען
אַ אינגעלע
מענער, פרויען, קינדער, מאַסן־סצענעס און יתומים־כאָר

האנדלונג: ביי דער אינעווייניקסטער וואַנט פון דער געטאָ־מויער.

☆

איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, דערהערט זיך די מוזיק פון גאָלדפאַדנס ליד „אידן בני רחמנים". ווען די מוזיק הערט אויף, דערהערט זיך אַ קול פון סליחות־וועקער: — „אידעלעך! אידעלעך! שטייט אויף, כשרע אידעלעך! שטייט אויף, צו עבודת הבורא און צו סליחות!..."

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, באַווייזט זיך אַ שמאָל געסל נעבן דער געטאָ־מויער, עס איז פאַרטאָג. אין דער האַלב־טונקלקייט זעט זיך ווי עס פאַלן פון דער הויך פלוג־בלעטלעך, עס ווערט פאַמעלעך ליכטיקער, פון אַ הויז באַווייזט זיך דער צעשראָקענער ערשטער איד, ער קוקט זיך אַרום, לויפט נאָך און כאַפּט אַ בלעטל און לויפט צוריק אין אַ טויער. באַלד באַווייזט זיך פון אַן אַנדער זייט צווייטער איד, כאַפּט אויף אַ בלעטל און פאַרשווינדט ווי דער ערשטער איד און אַזוי באַווייזן זיך כסדר מער שאָטנס פון מענער און פרויען, זיי כאַפּן די בלעטלעך און פאַרשווינדן, ביז עס ווערט שוין גענוג ליכטיק, עס דערהערט זיך אַ סקריפּען פון שווערע טירן, עס מאַכן זיך אויף טויערן און עס קומען אַרויס צוויי אידן פון פאַרשידענע טויערן.

1־טער איד:

שוין געעפנט דאָס טויער פון געטאָ.

2־טער איד:

אָבער נישט אַז מיר זאָלן קענען אַרויסגיין, נאָר זיי, די כלבים, זאָלן קענען אַריינקומען...

1־טער איד:

האָסט געזען די נייע בלעטלעך וואָס די רויטע האָבן די נאַכט אַראָפּ־געוואָרפן?

2־טער איד:

שיששש... שטילער... שטילער... געזען. זיי טרייסטן אונז מיטן נאָענטן ווינטער און אַז סטאַלינגראַד האַלט זיך פעסט... זיי זאָגן צו, אַז זיי וועלן זיך נוקם זיין פאַר אונזער פּיין...

1־טער איד:

הלוואי! רבונו של עולם!...

1־טע פרוי:

קומט פון ערגעץ.

אידן, דערבאַרמט אייך, זאָגט מיר, וואו קאָן איך דאָ באַקומען אַ שטיקל ברויט פאַר מיינע הונגעריקע קינדער? זיי זיינען שוין גע־שוואָלן פון הונגער...

2־טע פרוי:

קומט אָן מיט אַ טעפּל.

גוטע מענטשן, זאָגט מיר, וואו קאָן איך איצט באַקומען אַביסל מילך פאַר מיין קליין עופהלע?...

1־טער איד:

מען דאַרף זיך שטעלן אין דער ריי און ווען מען שטייט שוין אַ גאַנצן טאָג ביז פינף אַזייגער, זאָגט מען ערשט דערנאָך, אַז עס איז נישטאָ...

פון ערגעץ ווייט דערהערן זיך „הורא"־אויסרופן און אַ ברעכן פון שויבן און שיסעריי, עס לויפן אַן בראַונהעמדן און מיצקע.

מיצקע:

האַלט, איר פאַרפלוכטעס דרעקישעס יודן־געזינדל! איר האָט דאָ געקליבן די בלעטלעך וואָס די רויטע חזירים האָבן אַראָפּגעוואָרפן?

ביידע אידן:

מיר האָבן גאָרנישט געזען, מיר שווערן אַז מיר האָבן גאָרנישט געזען!...

2־טע פרוי:

גוטע לייט, זאָגט אונז, וואו קענען מיר באַקומען אַ שטיקל ברויט און אַביסל מילך פאַר אונזערע קראַנקע און הונגעריקע קינדער?

בראונהאוזען:

באַטראַכט די פרויען.

נו, אויב איר זייט נאָך יונג און שיין, קומט מיט אונז אין די הורן־הייזער, דאָרט וועט איר באַקומען ברויט...

די צוויי אידן ציען זיך שנעל צוריק.

מיצקע:

כאַפּט אַרום די פרוי.

פאַרשטאַנען? אין הורן־הויז! קום מיט!

2־טע פרוי:

ראַנגלט זיך מיט מיצקען בעת די ערשטע פרוי אַנטלויפט.

לאָזט מיך אָפּ! עקלהאַפטע פאַרברעכער! לאָזט מיך פריי! איך וועל אייך אָנקלאָגן פאַר ראַסנשאַנדע!...

בייסט אים.

מיצקע:

לאָזט זי אָפּ.

פאַרפלוכט נאָכאַמאָל מיט דיזער ראַסנשאַנדע... ראַסנשאַנדע דאַרף נאָר הייסן, ווען אַ אידישער שווייַן באַליידיקט אַן אַריערן... פאַרשאָלטן נאָכאַמאָל! וואָס פאַר אַ שאַרפע ציין די הורן־אידישקע האָט!...

ווישט אָפּ דאָס בלוט פון צעביסענער האַנט.

2־טע פרוי:

לאָזט זיך לויפן פאַרצווייפלט.

איך וויל מער נישט לעבן! גאָטעניו, האָב רחמנות אויף מיר, שיק מיר שוין צו דעם טויט!...

די הורא־רופן און שויבן־ברעכערייַ פאַרשטאַרקן זיך.

בראונהאוזען:

אונזערע בראַווע בורשן מאַכן זיך ווידער לוסטיק. קום אויך אַהין, קום לייטנאַנט מיצקע...

לאָזן זיךביידע גיין. פון דער ריכטונג וואו זיי גייען, קומען אָן צו לויפן מענער, פרויען און קינדער, אָפּגעריסענע, טייל צעבלוטיקטע. מיצקע און בראונהאוזען פאַרשטעלן זיי דעם וועג און ווען די אַנטלויפנדיקע מאַסע ווערט אַלץ גרעסער, שיסן זיי אויס. די מענטשן־מאַסע וואַרפט זיך אויף דער ערד און אַלע שלעפּן זיך צו ביז צו דער געטאָ־מויער. מיצקע און בראונהאוזען לאַכנדיק אויפן קול — אָפּ.

פון דער צענויפגעפּרעסטער אין שרעק געפּייניקטער מאַסע, דערהערט זיך אַ כאָראַלער קרעכץ א ־ ו ־ י ! וואָס ווערט צעצויגן אין אַ טרויער־מעלאָדיע פון טאָרטורירטע מאַרטירער; דער כאָראַלער צעצויגענער קרעכץ ווערט נאָר פון צייט צו צייט איבערגעריסן פון קינדערשע געוויינען: פון ערגעצוואו באַווייזט זיך אַ קראַנקן־שוועסטער מיט אַ רויטן מגן־דוד און אויך מיט אַ געלע לאַטע אויף דעם אַקסל, זי גייט און באַקוקט די געפּייניקטע, פון אַלע זייטן דערשיינען קינדער אָפּ־

נעריסענע און באנדאזשירטע. דער כאראלער קרעכץ דויערט ביז די קינדער פארמירן זיך אין א כאר פון יתומים מיט בעטלער־טארבעס.

קינדער:

זינגען.

פון די היימען האט מען אונז פארטריבן,
און יתומים זיינען מיר געבליבן,
אָ, אידן בני רחמנים,
א גוט הארץ איז דאָ ביי אייך!
אָט, זעט כאָטש, די סמנים,
א גוט הארץ איז דאָ ביי אייך!

אינגעלע:

מיין טאטן האָבן זיי דערהרגעט,
און מיין מאמען, האָבן זיי פארפייניקט,
אָ, איר אידן בני רחמנים,
א גוט הארץ איז דאָ ביי אייך!

אלע:

ראטעוועט אונז פון סכנות,
א גוט הארץ איז דאָ ביי אייך!

אלע:

ס'האָט דער הונגער אונז אלע דאָ פאראייניקט
און מיר זיינען אינגאנצן שוין פארפייניקט,
אָ, איר אידן, האָט רחמנות,
א גוט הארץ איז דאָ ביי אייך!
ראטעוועט אונז פון סכנות,
שענקט אויף ברויט, סיי אָרים סיי רייך!

זינגען אויף בים אראפגייענדיק פון דער בינע און זאמלענדיק געלט אין סאלאן אונטערשטעלנדיק די בעטלער־טארבעס, ביז זיי קלויבן זיך ווידער צוזאמען אויף דער בינע און זינגען.

דעם טאטן האָבן זיי געקוילעט
און די מאמען האָבן זיי פארפייניקט,
אָ, איר אידן בני רחמנים,
א גוט הארץ איז דאָ ביי אייך...

פ א ר ה א נ ג.

בילד זעקס

באַטייליקטע:

ערשטער פּאַרטיזאַן
ערשטע פּאַרטיזאַנקע
נאַטאַן
מינאַ
ר' אברהם
לעווינסקי
ערשטער רויטאַרמייער
צווייטער רויטאַרמייער
פּאַרטיזאַנער, פּאַרטיזאַנקעס
זעקס דייטשע געפאַנגענע

האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פּאַרטיזאַנער־לאַגער נישט ווייט הינטערן פראָנט.

☆

די בינע שטעלט פאָר אַ געדיכטן וואַלד. אויף אַ בוים הענגט אַ טאַוול מיט אַן אויפשריפט: „ב י ז ן ל ע צ ט ן ט ר אָ פּ ן ב ל ו ט — צ ו ם נ צ ח ו ן!”.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, שטייט די ע ר ש ט ע פּ אַ ר ט י ז אַ נ ק ע נעבן אַ קעסל וואָס הענגט איבער אַ פייער און מישט און ע ר ש ט ע ר פּ אַ ר ט י ז אַ ן שטייט נעבן איר און באַטראַכט זי.

1־טער פּאַרטיזאַן:
בעסער גיב מיר איבער די אַרבעט און דו זינג פאַר מיר דאָס נייע פּאַרטיזאַנער־ליד.

פּאַרטיזאַנקע:
לאָז מיך איצט. איצט דאַרף איך גרייטן עסן פאַר אונזערע חברים;
זיי וועלן אַוודאי באַלד קומען הונגעריקע ווי די וועלף.

פּאַרטיזאַן:

ווייל זי אַרומנעמען.

איך בעט דיך, זינג פאַר מיר דאָס נייע פּאַרטיזאַנער־ליד... דאָס עסן איז אַלצאיינס נאָך נישט פאַרטיק...

גיט איר אַ קוש.

נו, זינג...

פּאַרטיזאַנקע:

אַז דו האָסט זיך אָנגעטשעפּעט, וועסטו דאָך מיך שוין נישט אָפּלאָזן; נו גוט, אָבער הער זיך צו צו די ווערטער און לערן עס אַליין אויס, וועסטו עס אַליין אויך קענען זינגען.

זינגט:

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונזער טראָט
מ י ר ז י י נ ע ן ד אָ !

פון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווייטן לאַנד פון שניי
מיר זיינען דאָ — מיט אונזער פּיין, מיט אונזער וויי
און וואו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונזער גבורה, אונזער מוט.

ס'וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונז דעם היינט,
אונזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט,
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר
ווי אַ פּאַראָל זאָל זיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי,
ס'איז נישט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי
נאָר ס'האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ קיינמאָל זאָג נישט, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונזער טראָט
מ י ר ז י י נ ע ן ד אָ !

(הירש גליק)

אײדער זי ענדיקט דאָס ליד, קומען פון אַלע זײַטן אַן פּאַרטיזאַנער און פּאַרטיזאַנקעס; צווישן זיי אויך נ אַ ט אַ ן און מ י נ אַ. אַלע זײַנען זיי באַוואָפנט מיט ביקסן און האַנט־גראַנאַטן, זיי שאַרן זיך צו אומבאַמערקט און ווען זי ענדיקט, שטעלן זיך אַלע אויף און זיי אַפּלאָדירן.

אַלע:

בראַוואָ, אויסגעצייכנט! בראַוואָ!

נאַטאַן:

נאָך אונזער הײַנטיקן זיג, מעגן מיר זיך טאַקע פּאַרגינען צו פּראַווען אַ שטיקל יום־טוב.

פּאַרטיזאַנקע:

אײַער פּאַטער איז שוין אונטן אומרואיק וועגן אײַך.

מינאַ:

לײגט אַפּ די וואָפן.

איך גיי שוין אַראָפּ, וועל איך אים אַרויספירן אויף דער פרײַער לופט.

אָפּ.

1־טער פּאַרטיזאַן:

און איצט, חבר נאַטאַן, דערציילט וואָס איר האָט הײַנט אויפגעטאָן: מאָרגן קומט אונזער ריי, דאַרפן מיר דאָך אויך עפּעס וויסן ווי אַזוי זיך אויסצוצייכענען...

נאַטאַן:

אָ, הײַנט האָבן מיר אויפגעטאָן גענוג. מיר האָבן אויפגעריסן צוויי בריקן און אַזוי־אַרום אָפּגעשטעלט עטלעכע באַנען מיט פּראָוויאַנט און אַמוניציע; אַ קלײנער טאַנק האָט זיך געלאָזן אויף אונז און מיר האָבן אים אויפגענומען מיט אונזערע גראַנאַטן און מיר האָבן אים אַזוי צעוואָרימט, אַז ער האָט אַזש געפּלאַצט און געבליבן שטעקן אין בלאָטע. לעווינסקי וועט זיכער באַלד קומען מיט די חברים און מיטברענגען מיט זיך די זעקס געפאַנגענע נאַציס.

1־טער פּאַרטיזאַן:

אויף חבר לעווינסקי קאָן מען טאַקע יאָ זאָגן אַז ער איז אונז אַראָפּגעפאַלן פון הימל... אַ נס וואָס ער האָט באַוויזן זיך אַראָפּצוּוואַרפן מיטן פּאַראַשוט פון זײַן צעשאָסענעם אַעראָפּלאַן און מיר האָבן באַקומען אַ גוטן חבר און אַן אויסגעצייכנטן מוטיקן קעמפער.

נאַטאַן:

פאַר מײַן שוועסטער איז דער נס געווען נאָך גרעסער; חבר לעווינסקי האָט זיך אין איר פאַרליבט נאָך אין לעמבערג און נאָר גאָט האָט אים איר דאָ צוגעשיקט.

(אויפטריט מינאַ מיט ר' אברהמען)

ר׳ אברהם:

זייט געגריסט, קינדער.

אלע:

זייט געגריסט.

פארטיזאנקע:

טראגט אים אונטער א קעסטל.

זעצט אייך אוועק, חבר... רעב... חבר... רעב...

אין פארלעגנהייט.

ר׳ אברהם:

שמייכלט.

ס׳מאכט נישט, מעגסט מיך רופן חבר; כאטש איך בין שוין אלט און איך קאן נישט אונטערנעמען אייערע העלדישע טאטן, דאך בין איך מיט אייך און גאט וועט איבער אונז האלטן זיין רעכטע האנט און מיר וועלן דערלעבן די גרויסע מפלה פון דעם גרעסטן המן פון אלע צייטן.

עס קומען אן לעווינסקי, צוויי רויטארמייער און פארטיזאנען און צווישן זיי גייען זעקס גע־פאנגענע נאצים.

לעווינסקי:

פירט זיי אראפ אין אקאפע און שליסט זיי איין.

1־טער רויטארמייער:

אפשר בעסער שיסן? עס איז דאך א שאד וואס זיי וועלן עסן ברויט...

לעווינסקי:

זייער שטראף וועלן זיי באקומען, אבער דערווייל גיט זיי ברויט און מיר וועלן זיך ביי זיי קענען דערוויסן וואס עס טוט זיך אויף זייער זייט.

ווען די רויטארמייער פירן אפ די געפאנגענע, צו מינאן:

און איצט, מינא, לאמיך דיר א קוש געבן פאר דיין העלדישקייט.

קושט זי.

וואלט איר עס געגלויבט, ר׳ אברהם, אז אייער געצערטלטע טאכ־טער האט היינט מיט אירע צארטע הענטלעך באוויזן אויפצורייסן א בריק?

ר׳ אברהם:

גאט זאל שטארקן אירע הענט און איר ווילן, ביז מיר וועלן דער־לעבן דעם שונאס מפלה.

לעווינסקי:

זעט איר, ר׳ אברהם, צי וואלט נישט בעסער געווען, ווען איר וואלט דעמאלט געפאלגט מיין עצה? איך וואלט שוין פון לאנג געווען אין

א זיכערער היים און איר וואָלט געווען פאַרשפּאָרט אַזויפיל יסורים...

ר' אברהם:

שווער איז פאַר דעם געוויינלעכן בשר־ודם משיג צו זיין די דרכים פון גאָט ברוך־הוא. איך האָב נישט געוואָלט פאַרלאָזן מיין אומגליקלעכע קהילה און אַליין אַנטלויפן און כאָטש איך ווייס נישט וואָס עס איז געוואָרן פון אַלע מיינע נאָענטע און ליבע, בין איך אָבער צופרידן וואָס די השגחה האָט אַזוי געפירט, אַז פּאַרטיזאַנער זאָלן אונז ראַטעווען פון דעם באַנדיטן־אָפיציר וואָס האָט אונז באַדאַרפט פירן אין א געטאָ און מיר זיינען דאָ געבליבן, אַז מיינע קינדער זאָלן זיך קענען נוקם זיין פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון אונזערע ברידער. און איצט, נאָך א גרעסערער נס, וואָס איר זענט אַראָפּגעקומען פון הימל אַז מינא זאָל אייך פּלוצלינג צוריקגעפינען!...

1־טער פּאַרטיזאַנער:

נו, שוין גענוג גערדשנט, מען דאַרף גיין אָנלאָדענען די לעבעדיקע טאַנקעס... די מאַגנס מיין אייך...

אַלע זעצן זיך אויס אויף בוים־שטאַמען און קלעצער, עטלעכע נעמען אַרומטיילן פּאַרציעס עסן.

ר' אברהם:

איך וועל זיך שוין פירן אויף מיין שטייגער. א גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אַזוי, זאָל שוין זיין ביז צום סוף... איך וועל עסן אונטן, אין שוץ־גראָבן. איך וועל זיך וואַשן און עסן...

מינאַ:

קום, מאַטישי, איך וועל דיך אַראָפּפירן...

ביידע אָפּ.

אַלע עסן, עס דערהערט זיך א שאָס. עס לויפן אַן צוויי פּאַרטיזאַנער.

2־טער פּאַרטיזאַנער:

עס קומט אָן א גרויסער פיינטלעכער פּאַטרול.

לעווינסקי:

שנעל, יעדער אויף זיין פּאָסטן! חברים, וואַרטן ביז זיי וועלן צוקומען גאַנץ נאָענט, ווייל אויב אויסשיסן קוילן, זאָל עס זיין מיט א זיכערן ציל!

עס דערהערט זיך טרומייטן־שאַלן כסדר נענטער, פּלוצלינג דערהערט זיך אַן אויפרייס און א דויערנדיקע שיסעריי און ווידער אַן אויפרייס און באַלד הילכיקע הוראַ־אויסרופן; די פּאַרטיזאַנער לאָזן זיך לויפן אויף רעכטס.

לעווינסקי:

פאַרביילויפנדיק.

פאַרפאַלגט זיי און פאַרטיליקט זיי ביז איינעם!

אַלע:

א טויט די שונאים פון דער מענטשהייט!!!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

בילד זיבן

איידער דער פאָרהאַנג גייט אויף, הערט זיך דאָס שפּילן פון סאָוועטישן פרייהייטס־מאַרש, באַלד דערהערט זיך אויך דאָס הילכיקע געזאַנג, נאָך אַ ווײַלע הויבט זיך אויף דער פּאָרהאַנג און עס באַווײַזט זיך אַ וואַלד אין האַלב־טונקלקייט.

פון לינקס קומט אַן ערשטער רויטאַרמייער און אונטער די קלאַנגען פון ליד וואָס הערט זיך פון ערגעץ־ווײַט, קומען אַן נאָך דעם רויטאַרמייער אַ גאַנצע קאַראַוואַנע פאַרוואונדעטע נאַצי־סאָלדאַטן; זייערע פיס זיינען געוויקלט מיט שמאַטעס, די קאַראַוואַנע ציט זיך איינער הינטער דעם אַנדערן אין אַ לאַנגער רייע וואָס גייט אָפּ אויף רעכטס; אינדערמיט קאַראַוואַנע גייען ווידער צוויי רויט־אַרמייער און די קאַראַוואַנע ציט זיך ווייטער, דאָס געזאַנג קומט נענ־טער:

האָסט געוואָלט סטאַלינגראַד
נאָר געזיגט האָט די טאַט
פון די העלדישע רויטע אַרמייער!
ס'איז די וועלט נישט פאַרשקלאַפט
ווייל עס לעבט אונזער קראַפט
און מיר קעמפן צו זיין איר באַפרייער!!!
האָסט געוואָלט סטאַלינגראַד
נאָר געזיגט האָט די טאַט
פון די העלדישע רויטע אַרמייער!...

די געפאַנגענע גייען מיט געבויגענע קעפּ, אַ סך פון זיי באַנדאַ־זשירטע, און ווען דאָס געזאַנג הערט זיך שוין גאַנץ נאָענט און הויך

פאָרהאַנג.

ב י ל ד א כ ט

ב א ט ײ ל י ק ט ע :

ערשטער אָפיציר
צווייטער אָפיציר
גענעראַל האַזנגרובער
ערשטער סאָלדאַט
צווייטער סאָלדאַט
נאַטאַן
מינאַ
לעווינסקי
ערשטער פּאַרטיזאַן
ערשטע פּאַרטיזאַנקע
רויטאַרמייער
פּאַרטיזאַנער, מאַסנסצענע

די האַנדלונג קומט פאָר אין דייטשן גענעראַל־שטאַב בעת דעם צוריק־צוג פון סטאַלינגראַד.

☆

אײדער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, הערט זיך דער פרייהייטס־מאַרש ווי אין פריִקן בילד, אָבער דער מאַרש ווערט כסדר אונטער־געבראָכן פון טרומייטן־טענער און פאַרלאַמענטאַריער־רופן.

די בינע שטעלט פאָר אַ נאַציִשן גענעראַל־שטאַב, בעסער איינגע־אָרדנט ווי אין פריִערדיקן בילד. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, שטייען דער גענעראַל מיטן צווייטן אָפיציר בײַ דער מאַפּע און דער גענעראַל שלעפּט כסדר שפּילקעס מיט פענד־לעך פון דער מאַפּע און שטעלט זיי איבער אויף אַנדערע פלעצער.

1טער אָפיציר:

נאָטירט די צייכנס פון טעלעגראַף און לייענט.

די „רויטע" דריקן אַלץ ווייטער אויף אונזער אַרמיי וואָס ציט זיך צוריק, זיי האָבן שוין פאַרכאַפּט די שטאָט פּ. מיט דער גאַנצער

אומגעבונגן; אויך די באַן־ליניע וואָס האָט אונז געזיכערט דעם צו־פיר פון לעבנסמיטל און אַמוניציע איז שוין אין זייערע הענט. די קעלטן זיינען גרויזאַמע און אונזער אַרמיי קאָן אַפילו נישט פּרואוון ראַטעווען אונזערע טאַנקעס און קאַנאָנען, ווייל די סאָלדאַטן זיי־נען פאַרפרוירן און זיי קענען זיך קוים רירן זיך אַליין צו ראַטעווען...

גענעראַל:

נערוועז.

האַלט עס ווירקלעך אַזוי שמאָל, אָדער מאַכט איר דאָ בלויז אַ נאַ־רישן וויץ?...

1־טער אָפיציר:

לײדער איז עס דער ריינער אמת.

עס קלאַפּט דער טעלעגראַף־אַפּאַראַט, ער נאָטירט און לייענט ווייטער.

די רויטע האָבן געוואַגט צו מאַכן אַן אָנגריף אויפן לינקן פלאַנקען פון אונזער אַרמיי און עס דראָט אונזער אַרמיי אַרומגערינגלט צו ווערן ווייט פון אונזערע שפּייז און אַמוניציע־רעזערוון. אויך די פּאַרטיזאַנען זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן פון אַ מחנה פאַראַשו־טיסטן מיט באָמבעס און מאַשינגעווער און אין דער צייט ווען אונ־זער רעגולערע אַרמיי ווערט מיט קראַפט צוריקגעשטויסן פון די ליניעס, ווערן אונזערע רעזערוון אָנגעגריפן פון הינטן דורך די פּאַר־טיזאַנער. די שטאָט ד. איז שוין אויך אין זייערע הענט...

גענעראַל:

נאָך איין ראַפּאָרט אַזאַ, און איך לאָז דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן!...

1־טער אָפיציר:

מען רופט צו אַכטונג: — ווי אַמשנעלסטן צוריקציען דעם גענעראַל־שטאַב, ווייל עס דראָט אים צו פאַלן אין געפאַנגענשאַפט!...

גענעראַל:

טויזנט מאָל דאָנערוועטער!

לויפט צו צום ערשטן אָפיציר און פּאַקט אים ביים אַקסל.

איך לאָז דיך הינריכטן! ביזט אַ שפּיאָן!

1־טער אָפיציר:

שטייט אויף.

אויף באַפעל הער גענעראַל־מאַיאָר!

2־טער אָפיציר:

זעצט זיך צום אַפּאַראַט, הערט זיך אַ ווײלע איין, נאָטירט און הויבט אָן לייענען.

ביז פופצן מינוט קאָן מען פּאַקן וואָס מען...

דער אַפּאַראַט בלייבט שטיל.

דער גענעראַל קוקט צוערשט אויף איין אָפיציר, דערנאָך אויפן צווייטן, אויך די אָפיצירן קוקן זיך אָן מיסטעריעזיש און מיט שרעק. דער גענעראַל גלויבט זיך עפּעס נישט און ער כאַפּט דעם טעלעגראַף־

אַפּאַראַט און נעמט מיט אים טרייסלען און זעענדיק אַז ער שווייגט פאַרט, ווײַל ער עפּעס טאָן און ווייס נישט וואָס, לויפט ער צו צו דער מאַפּע, די אָפיצירן קלויבן צוזאַמען פּאַפּירן, קענטיק אַז זיי זיינען אין פּאַנישער פאַרצווייפלונג. פּלוצלינג שטעלן זיך די אָפיצירן פאַרן גענע־ראַל.

ביידע אָפיצירן:

הייל היטלער!

גענעראַל:

טויזנט מאָל פאַרדאַמט!

עס לויפן אַן נאַצי־סאָלדאַטן אין פּאַניק.

1־טער סאָלדאַט:

הער גענעראַל־מאַיאָר, איך מעלדע געהאָרכזאַמסט, מיר זיינען אַרומ־גערינגלט פון דער רויטער אַרמיי!

גענעראַל:

אַכטונג! שנעל פאַרנעמען סטראַטעגישע פּאָזיציעס און קעמפן ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט!

1־טער אָפיציר:

שרייט אַרויס באַפעליש דורך דער טיר.

אַכטונג! שנעל פאַרנעמען סטראַטעגישע פּאָזיציעס, שנעל פייער, קעמפן ביז לעצט!

2־טער סאָלדאַט:

גייט אָפּ און שרייט אינדרויסן אויס דעם זעלבן באַפעל. מען הערט ווי עס ווערט אינדרויסן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דער זעלבער באַפעל כסדר פון ווייטערדיקער דיסטאַנץ.

עס לויפן איבערגעשראָקענע נאַצי־סאָלדאַטן מיט זייערע וואָפן אַריין און אַרויס, דער גענעראַל און די צוויי אָפיצירן שטעלן זיך ביי די פענצטער, עס דערהערט זיך אַ שאָס און זיי ענטפערן מיט אַ שיסעריי פון זייערע רעוואָלווערן, עס דערהערט זיך אַ נאָענטער אויפרייס און באַלד דערויף רייסן זיך אַריין פון אַלע זייטן באַוואָפנטע ר ו י ט־אַ ר מ יי ע ר און פּ אַ ר ט י ז אַ נ ע ן, רינגלען אַרום דעם גענעראַל מיט די צוויי אָפיצירן, צווישן די פּאַרטיזאַנער זעט מען אויך נאַטאַן, מינאַ, לעווינסקי, ערשטער פּאַרטיזאַנער, ערשטע פּאַרטי־זאַנקע, אַלע שטעלן זיך אויס אין פּיראַמידן־אַרטיקער פאָרם.

גענעראַל:

איך בין אייער געפאַנגענער.

גיט איבער לעווינסקין זיין שווערד מיטן גאַרטל.

ביידע אָפיצירן:

טוען דאָסזעלבע ווי דער גענעראַל.

לעווינסקי:

הענט אַרויף!

דער גענעראַל און די צוויי אָפיצירן הויבן אויף די הענט, לעווינסקי נעמט ביי זיי אָפּ די רעוואָלווערן. פון דרויסן הערט זיך די מוזיק פון פרייהייטס־מאַרש, אַלע האַלטן זיך אין פּיראַמידן־פּאַרמיקער פּאָזע.

פּאָרהאַנג.

(מערץ 1943)

דערשינענע ביכער פון נחמיה צוקער

חליצה

דראמע אין דריי אקטן מיט א פראלאג. פארלאג „דאס ביכל", קראקע 1922. (אויספארקויפט).

איינאקטערס

1) ווען די נאכט פאלט צו...

2) אויפן קאמפ

פארלאג „ארטיסטיש־ווינקעלע" ב. איירעס 1924. (אויס־פארקויפט).

דער רעצענזענט

(קיבעץ אין איין אקט)

ארויסגעגעבן פון דראמקרייז ביים גאליציאנער פארבאנד. ב. איירעס 1926. (אויספארקויפט).

שפאס און ערנסט

35 געגראמטע הומארעסקעס, לידער און פאראדיעס גע־טיילט אין פינף אפטיילונגען: 1) „גוטע אידן"; 2) „אלט היימיש"; 3) „ארגענטיניש"; 4) „לידער און פאראדיעס"; 5) „צווישן יא און ניין". פארלאג „דער קונדאס", ב. איי־רעס 1933. (אויספארקויפט).

פאַר דראַמקרייזן

(צען איינאַקטערס און סצענירונגען)

1) אין רעדאַקציע
2) אַן עצה
3) דער רעצענזענט (2־טע אויפלאַגע)
4) ווען די נאַכט פאַלט צו... (2־טע אויפלאַגע)
5) אויפן קאַמף (2־טע אויפלאַגע
6) אין פעלד־שפּיטאָל
7) די קליאַטשע (סצענירונג)
8) מקובלים (סצענירונג)
9) דער קונסט־מאָלער (סצענירונג)
10) ברידער (סצענירונג)

אַ באַזונדער אויפלאַגע דערשינען פון די זעלבע איינאַקטערס יעדער איינאַקטער באַזונדער. פאַרלאַג „דער קונדאַס", ב. איירעס 1933.

פון אַלץ צו ביסלעך

22 דערציילונגען און הומאָרעסקעס, פאַרלאַג „דער קונ־דאַס", ב. איירעס 1935.

אין נאָמען פון גערעכטיקייט

טראַגעדיע אין דריי אַקטן (זעקס בילדער מיט אַ פּראָלאָג), ב. איירעס 1935.

פאַבריקאַנטן

(קאָמעדיע אין איין אַקט)
ב. איירעס 1937.

פיר דורות אידיש טעאַטער

ביאָגראַפישער ראָמאַן לויט אָנגעגעבענע דאַטעס פון זינא ראַפּעל. 521 זייטן (32 פאָטאָ־אילוסטראַציעס). אייגענער פאַרלאַג, ב. איירעס 1944.

פנקס גאַליציע

רעדאַקטירט פון נחמיה צוקער און אַרויסגעגעבן פון גאַלי־ציאַנער פאַרבאַנד אין ב. איירעס צום 20־טן אַניווערסאַר זייט דער גרינדונג. 640 זייטן. ב. איירעס 1925־45.

יאָר - בוך

פון אידישן ישוב אין ארגענטינע פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכקייט. רעדאַקטירט פון נ. צוקער. פאַרלאַג „יידיש", ב. איירעס 1945-46.

אין דרוק:

מוטער און קינד

ערשטער ראָמאַן פון אידישן אימיגראַנטן-לעבן אין ארגענטינע.

אינגיכן דערשיינט:

שיף אַטלאַנטאַ

ראָמאַן פון אידישן לעבן אין ארגענטינע.

☆

*Este libro se terminó de imprimir
el 15 de Noviembre de 1946 en
los Talleres Gráficos de
Julio Kaufman, Junín
344, Buenos Aires,
República Ar-
gentina.*

☆

ENTRE EL AYER

Y EL

MAÑANA

(TZVISCHN NECHTN UN MORGN)

(NARRACIONES)

DE

NECHEMIAS ZUCKER

BUENOS AIRES

1946